STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05767

LEKSIKON FUN FORVETS SHRAYBER

Elias Schulman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

לעקסיקאָן
פון
פאָרווערטס
שרײַבער

זינט 1897

פון **ד"ר. אליהו שולמאַן**

רעדאַקטאָר **שמעון וועבער**

אַרויסגעגעבן פון דער „פאָרווערטס" אַסאָסיעישאָן

LEXICON OF FORWARD WRITERS AND CONTRIBUTORS
Since 1897. Written and compiled by DR. ELIAS SHULMAN,
edited by SIMON WEBER. Published by the *FORWARD ASSOCIATION Inc.*, 45 East 33rd Street, New York, N.Y. 10016

Cover design by Tsirl Waletzky

דער לעקסיקאָן איז געשאַפֿן געוואָרן מיט דער הילף פֿון
אַטראַן־פֿונדאַציע און דער כאַנין־פֿונדאַציע.

געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון דעם
לאַנג־יאָריקן „פֿאָרווערטס"־פּרעזידענט
ישראל ברעסלאָו ז"ל

װען דער לעקסיקאָן האָט זיך שױן געדרוקט זענען געשטאָרבן
דרײַ פּראָמינענטע אידישע שרײַבער און מיטאַרבעטער פון
פאָרװערטס, װעמעס אָנדענק מיר דערמאָנען מיט כּבוד.

זײ זײַנען:

שמשון אַפּטער ז״ל, געשטאָרבן דעם 21טן מאַי, 1986.

דר. עזריאל נאַקס ז״ל, געשטאָרבן דעם 9טן יוני, 1986.

דר. אליהו שולמאַן ז״ל, װעלכער האָט געשריבן די מערסטע
ביאָגראַפיעס און אַרײַנגעלײגט אַ סך אַרבעט און ליבשאַפט
בײַם צונױפשטעלן דעם לעקסיקאָן, געשטאָרבן דעם 19טן
יוני, 1986, אין תל אביב, װאוהין ער איז געפאָרן אָפּנעמען
די מאַנגער־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור.

א

אבראַמאָוויטש, רפאל (יולי 21, 1880 — אַפּריל 11, 1963), פּסעוודאָנים פון רפאל ריין. געב. אין דווינסק אין משפחה פון אַ וואַלד־סוחר. געלערנט אין חדר און אין רעאַל־גימנאַזיע אין פּאָניעוועזש און ליבאַווע. פון דאָרט אַנגעקומען אין ריגער פּאָליטעכניקום, וואו שטודירט מעכאַנישע אינזשיניערינג. 1902 אויסגעשלאָסן פון פּאָליטעכניקום צוליבן אָנטייל אין סטודענטן־אומרוען. זיך פאַרבונדן מיטן בונד. 1903 אָנגעקומען קיין ציריך, אין דער שווייץ. אין יוני (1903) געלייענט דעם הויפּט־רעפעראַט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויף דער זשענעווער באַראַטונג פון בונד. 1904 זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד, געאַרבעט אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד. נאָך אַ קורצן אַרעסט, איבערגעפאָרן קיין פּעטערבורג און געהאָלפן צוגרייטן די 6טע קאָנפערענץ פון בונד (1905). ווידער אַוועק קיין ציריך, וואו זיך באַטייליקט אין דער צוגרייטונג פון 6טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין דעם זעלבן יאָר.

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 זיך צוריקגעקערט קיין פּעטערבורג, געוואָרן דער פאַרטרעטער פון בונד אין ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן. מיטגעאַרבעט אין די רוסישע זשורנאַלן פון בונד, וואָס עס זיינען אַרויס אין פּעטערבורג און ווילנע. ער האָט זיך באַטייליקט אין די בונדישע קאָנפערענצן און אין צוזאַמענפאָר פון דער אַלגעמיינער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. סוף 1907 - אָנהויב 1908 באַזוכט אַמעריקע אין די אינטערעסן פון בונד.

אַבראַמאָוויטש האָט זיך עטלעכע מאָל באַגעגנט מיט אַב. קאַהאַנען. קאַהאַן האָט שפּעטער געשריבן אַז „איך האָב אין אים געפונען אַ הויך־אַנטוויקלטן און סימפּאַטישן סאָציאַליסט, אַ טאַקטפולן, אַ קלוגן און קולטור־מענטש."

1909-1908 האָט אַבראַמאָוויטש געלעבט אין ווילנע, וואו ער איז געווען אַ לערער אין אַ פּריוואַטער גימנאַזיע, און אין דער זעלביקער צייט זיך אָפּגעגעבן מיט בונדישער אַרבעט. ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1910. איז אַנטלאָפן קיין עסטרייך, זיך באַזעצט אין ווין און האָט געשריבן פאַר די בונדישע צייטשריפטן וואָס עס זיינען אַרויס אין פּעטערבורג און ווילנע.

אין די יאָרן 1915-1913 האָט אַבראַמאָוויטש געשריבן פאַרן פאָרווערטס. 1916 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין ציריך, וואו ער האָט זיך פאַרבונדן מיט די סאָציאַליסטן וואָס האָבן געהאַט אַ קעגנערישע שטעלונג צו דער מלחמה (צימערוואַלדיסטן).

סוף מאַי 1917 האָט אַבראַמאָוויטש זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד אין דעם צווייטן „פּלאָמבירטן" וואַגאָן וואָס דייטשלאַנד האָט דורכגעלאָזן.

אין פּעטערבורג געוואָרן אַקטיוו סיי אין בונד, סיי אין דער פּאַרטיי פון די מענשעוויקעס, רעדאַקטאָר פון דער בונדישער אַרבעטער־שטימע און מיטגליד פון דעם פּעטערבורגער סאָוועט.

אַבראַמאָוויטש האָט באַקעמפט די באָלשעוויקעס און דעם באָלשעוויסטישן רעזשים. ער איז אַרעסטירט געוואָרן און איז אָפּגעזעסן אין טורמע עטלעכע חדשים.

סוף 1920 אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד, זיך באַזעצט אין בערלין, וואו ער איז פאַרבליבן ביז 1933. איינער פון די גרינדער פון מענשעוויסטישן זשורנאַל סאָציאַליסטיטשעסקי וועסטניק, און אַן אָנפירער פון די מענשעוויקעס.

אין די יאָרן 1926-1924, 1930-1929 האָט ער באַזוכט אַמעריקע אויף דער פאַרבעטונג פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. ער האָט באַזוכט אַ רייע שטעט און געהאַלטן לעקציעס, דערהויפּט וועגן רוסלאַנד און וועגן דעם סאָוועטישן רעזשים. די קאָמוניסטן האָבן אָרגאַניזירט דעמאָנסטראַציעס קעגן אים און האָבן פּרובירט שטערן זיינע רעפעראַטן.

אין 1922 איז אַבראַמאָוויטש געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון פאָרווערטס, וואו ער האָט געשריבן וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וועגן דעם מצב אין רוסלאַנד און וועגן סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען.

אין 1933 איז אַבראַמאָוויטש אַריבערגעפאָרן קיין פּאַריז, פאָרגעזעצט אַרויסצוגעבן דעם מענשעוויסטישן זשורנאַל און שרייבן פאַרן פאָרווערטס. ער איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־רעדאַקטאָרן פון דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע. פאַר דער ענציקלאָפּעדיע האָט אַבראַמאָוויטש געשריבן אַ צאָל אָפּהאַנדלונגען וועגן סאָציאַליזם, געשיכטע פון דער יידישער און רוסישער אַרבעטער באַוועגונג, און געשיכטע פון יידן אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד.

אין 1940 איז אַבראַמאָוויטש געקומען קיין אַמעריקע און איז געוואָרן אַ רעדאַקציע מיטגליד פון פאָרווערטס, וואו ער האָט געשריבן לייט־אַרטיקלען און אַ וועכנטלעכן קאָלום „מענטשן און פּאָליטיק", וואו ער האָט גרינדלעך אַנאַליזירט אַקטועלע פּאָלי-

טיש־געזעלשאפטלעכע עניינים.

דער פארווערטס האט ארויסגעגעבן אן אלבאם „די פארשוואונדענע וועלט", בילדער מיט מאפעס און דערקלערונגען וואס אבראמאוויטש האט צוזאמענגעשטעלט (1947). דער ארבעטער־רינג האט ארויסגעגעבן זיינע גאר־וויכטיקע מעמואַרן „אין צוויי רעוואלוציעס", צוויי בענד, 1944. זיין בוך אויף ענגליש וועגן באלשעוויזם „די סאוועטישע רעוואלוציע" (נ. י. 1962) שטעלט מיט זיך פאר א סטאנדארד ווערק.

„אויב איר וועט אנפרעגן אין דער רעדאקציע פון פארווערטס וועלכער שרייבער דריקט אויס אמקלארסטן די פאליסי (שטעלונג) פון דער צייטונג אין באצוג צו די פראבלעמען און געשעענישן אין דער וועלט־פאליטיק, וועט דער ענטפער זיין — ר. אבראמאוויטש".
(הלל ראגאף)

„קאהאן האט אים איינגעלאדן צו שרייבן רעגלמעסיק ארטיקלען פארן פארווערטס, ווען אבראמאוויטש האט נאר געלעבט אין בערלין, און אבראמאוויטש איז מיט דער צייט געווארן איינער פון די וויכטיקסטע און דער סאמע אנגעזעענסטער מיטארבעטער פון פארווערטס, וועמענס ארטיקלען עס זיינען געלייענט געווארן מיטן גרעסטן אינטערעס פון יעדן מער אדער וויניקער אינטעליגענטן לייענער פון פארווערטס.

„אבראמאוויטש האט א סך יארן געלעבט אין מערב־איראפע און ער איז געווארן אן אמתער איראפעער. דא אין אמעריקע האט זיין פאליטישער האריזאנט זיך שטארק אויסגעברייטערט. ער האט א סך געלערנט פון אמעריקע.

„אבראמאוויטש ספעציעל האט געהאט א גרויסן חלק אין דעם, וואס די סאציאליסטישע פארטייען פון איראפע זיינען נישט אוועק אויף די קרומע וועגן פון באלשעוויזם, נאר זיינען פארבליבן טריי די אידעאלן פון פרייהייט, פון דעמאקראטיע און פון הומאניטארן סאציאליזם. אבראמאוויטש איז ניט נאר געווען דער טאן־געבער פון ווינעסטניק. ער איז אויך יארן לאנג געווען א מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון סאציאליסטישן אינטערנאציאנאל. ער איז געווען באפריינדעט מיט די סאציאליסטישע פירער פון אלע לענדער. זיי אלע האבן זיך שטארק צוגעהערט צו זיין ווארט. אים האבן זיי געגלויבט. צו אים האבן געהאט דעם פולסטן צוטרוי אפילו אויך יענע סאציאליסטן, וואס האבן ניט אין אלץ איינגעשטימט מיט אים."
(דוד שוב)

אדלער, יעקב (דעצעמבער 12, 1874 — דעצעמבער 31, 1974), באקאנט ווי ב. קאוונער. געב. אין דינאוו, גאליציע, געלערנט אין חדרים און ביי גמרא־מלמדים. 1890 געקומען קיין אמעריקע.

1897 דעביוטירט אין פארווערטס אונטערן נאמען **נשר**, מיט צוויי לידער. זינט דעמאלט האט ער פארעפנטלעכט לידער אין א צאל צייטונגען און זשורנאלן. געווען איינער פון די באטייליקטע אין „די יונגענד" (1907־1908), א צייטשריפט וואס האט סיגנאליזירט דעם אויפקום פון די „יונגע" אין דער יידישער ליטעראטור אין אמעריקע.

אין 1911 איז יעקב אדלער, וועמען קאהאן האט געגעבן דעם פען־נאמען ב. קאוונער, געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער פון פארווערטס, וואו ער האט פארעפנטלעכט א גרויסע צאל הומארעסקעס. זיינע הומאריסטישע דערציילונגען און פעליעטאנען, וואו די העלדן זיינען געווען **יענטע טעלעבענדע, איר מאן מענדל, משה קאפויער, פיישע דער פארמער**, זיינען געווען זייער פאפולער צווישן די לייענער.

„זיינע טיפן יענטע און מענדל טעלעבענדע, משה קאפויר, פיישע דער פארמער און אנדערע זיינען אריין אין דער יידישער שפראך און זיינען ביז היינטיקן טאג פארבליבן אין דעם וואקאבולאר פון דעם אמעריקאנער יידיש."
(ה. ראגאף)

זיינע הומארעסקעס זיינען דראמאטיזירט געווארן און די קאמעדיע „יענטע" איז געשפילט געווארן מיט דערפאלג אין יידישן טעאטער.

„די הומארעסקעס, וואס ער האט געדרוקט ביי אונז, האבן געהאט א גרויסן דערפאלג. איך בין צוריקגעקומען אין דער רעדאקציע אין מאי. א קורצע צייט שפעטער האט ער אנגעהויבן זיין סעריע פעליעטאנען וועגן יענטע מיט איר מאן מענדל טעלעבענדע, און זייער בנאק פיני, און די סעריע איז געווארן אומגעהויער פאפולער איבער גאנץ אמעריקע. ער האט געשאפן אויך אנדערע הומאריסטישע קאראקטערן, וועלכע זיינען בארימט געווארן. ער זאגט געראטענע וויצן און שאפט געלונגענע שפאסן איבערהויפט. דערצו האט ער א זייער קלארע, לייכטע און אנגענעמע שפראך, וועלכע האט אין זיך עפעס אזעלכעס, אז ווען ער שרייבט עטוואס הומאריסטישעס, מוז מען לאכן פון די ווערטער גופא. ער איז געווארן איינער פון די פאפולערסטע יידישע שרייבער אין אמעריקע."
אב. קאהאן
(בלעטער פון מיין לעבן, פינפטער באנד)

אדלער האט דורך דער גאנצער צייט געשריבן לידער. זיינער א באנד לידער איז ארויס אין ניו־יארק, 1924. חוץ דעם זיינען ארויס אין בוך־פארם: **זכרונות פון מיין היים**, באסטאן 1907; **פריילעכע מינוטן**, ניו־יארק 1914; **יענטע און אנדערע שטיפעריין**, נ. י. 1914; **משה קאפויר**, נ. י. 1919; **זאלן יידן לאכן**, נ. י. 1933; **הויינעריקע**

פליטן, לעיקוואוד 1933.

אדערשלעגער, משה יעקב (נאוועמבער 11, 1881 — מערץ 18, 1940), געבוירן אין אנעקס, מזרח־גאליציע, געלערנט אין חדר, אין פאלקס־שול, געקומען קיין אמעריקע 1899. געצויגן אויפמערקזאמקייט פון אב. קאהאן דורך א בריוו אין **פארווערטס** וועגן שווערן לעבן פון די שערער־ארבעטער. זינט 1905 געדרוקט אין **פארווערטס** סקיצן פון יידישן לעבן אין אמעריקע, פובליקירט אויך דערציילונגען אין **צייט־גייסט**, **צוקונפט**, **פרייע ארבעטער שטימע** און אין **ראמאן־צייטונג**, ווארשע.

אין בוך־פארעם: **וועלטעלעך**, דערציילונגען און בילדער פון דער יידישער ארעמקייט אין ניו־יארק און אין דער אלטער היים אין גאליציע, מיט א פארווארט פון מארים ראזענפעלד (נ. י. 1910, 157 ז'). דראמאטיזירט זיין נאוועלע **אן אומגליק** און אונטערן נאמען „גרינבערגס טעכטער" געשפילט געווארן אין 1927 אין יידישן קונסט־טעאטער. די פיעסע איז געלויבט געווארן פון ב. צביון אין **פארווערטס**.

נאך זיין טויט האט זיין פרוי ארויסגעגעבן זיינס א באנד **שריפטן**, נ. י. 1941, 350 זייטן.

איוואנאוויטש, ס. (מאי 1, 1881 — פעברואר 24, 1944), אדאפטירטער נאמען פון **שמואל פארטוגעים**. געב. אין קעשענעוו, בעסאראביע. געענדיקט א רוסיש־יידישע האנטווערקער שול און דערנאך שטודירט אין אדעס און פעטערבורג.

יונגערהייט צוגעשטאנען צו דער רעוואלוציאנערער באוועגונג און איז געווארן א סאציאל־דעמאקראט. געשריבן פובליציסטישע ארטיקלען פאר דער אונטערערדישער מענשעוויסטישער פרעסע און נאך דער רעוואלוציע פון 1905 געשריבן פאר אלגעמיינע רוסישע צייטשריפטן.

איוואנאוויטש האט געשריבן ווי א סאציאל־דעמאקראט־מענשעוויק און לענין האט אפט פאלעמיזירט מיט אים.

אין 1920 איז ער אוועק קיין בערלין און האט מיטגעארבעט מיט די מענשעוויקעס און געשריבן פאר זייער זשורנאל.

אין אנהויב 1923 האט אים דוד שוב, וועלכער איז דעמאלט געווען דער רעדאקטאר פון **וועקער**, פארבעטן צו שרייבן און ער איז געווארן א מיטארבעטער פון **וועקער**. אויף אב. קאהאנס פארבעטונג האט ער אנגעהויבן שרייבן פאר דעם **פארווערטס** און האט אין משך פון נאענט צו צוואנציק יאר פארעפנטלעכט הונדערטער ארטיקלען וועגן סאציאל־פאליטישע פראבלעמען, וועגן סאציאליזם און וועגן רוסלאנד.

צוערשט האט איוואנאוויטש געשריבן זיינע ארטיקלען אויף רוסיש און מען פלעגט זיי איבערזעצן, אבער ער האט זיך אויסגעלערנט שרייבן יידיש און דערנאך האט ער געשריבן די ארטיקלען אויף יידיש. ער איז געווארן אן ערנסטער יידישער פובליציסט.

„איוואנאוויטש האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע איינגארטיקע און אריגינעלע געדאנקען, מיט זיין אינטעלעקטועלן מוט, מיט געוואגטע שטאנדפונקטן. ער איז געווען א גלענצנדיקער, פיל־פארביקער, פאראדאקסאלער פובליציסט... ער האט איבערגעלאזט א וויכטיקן שפור אין דער יידישער סאציאליסטישער אידעען־וועלט און אין דער יידישער פובליציסטיק."

(גרינארי אראנסאן)

אין אנהויב פון די פערציקער יארן איז ער מיט דער הילף פון יידישן ארבעטער קאמיטעט געקומען קיין ניו־יארק, וואו ער האט פארגעזעצט זיין שרייבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

איאלטי, חנן (נאוועמבער 15, 1910 —), אדאפטירטער נאמען פון **חנן קלענבארט**. געב. אין סאפעטקין, גראדנער גוב. אין די יארן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה עוואקואירט געווארן צוזאמען מיט די עלטערן קיין צענטראל־רוסלאנד. 1918 צוריקגעקומען קיין סאפעטקין, געלערנט אין א ישיבה און געענדיקט אין ביאליסטאק א העברעאישע גימנאזיע (1928).

אין 1929 אוועק ווי א חלוץ קיין ארץ־ישראל. 1933 געקומען קיין פאריז, וואו שטודירט אין פאריזער אוניווערסיטעט. 1936—1940 געווען אין שפאניע ווי א צייטונגס־קארעספאנדענט. זיך אומגעקערט קיין פאריז און פארלאזן די שטאט ערב דער דייטשער אקופאציע. א קורצע צייט געווען אין א לאגער אין פראנקרייך און אין 1942 אויסגעוואנדערט קיין אורוגוואי, וואו ער איז געווען א לערער. 1947 זיך באזעצט אין ניו־יארק, א צייט געווען א יידישער לערער און רעדאקציע־סעקרעטאר פון **אידישער קעמפער**.

דעביוטירט אין 1923 אויף העברעאיש וועגן א רייזע פון רוסלאנד קיין פוילן. דערנאך פארעפנט־

לעכט דערציילונגען, ראָמאַנען און קאָרעספּאָנדענ־ציעס אין פֿאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן אין אייראָפּע און שפּעטער אין אַמעריקע.

איאַלטי האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל ביכער: **במחלות** (העבראעיש), ראָמאַן, תרצ״ד; **בום און קייטן**, ווילנע 1936; **טאַטע און זון**, מאָנטעווידעאָ 1943; **דער האָטעל וואָס עקזיסטירט ניט**, צוויי בענד, מאָנטעווידעאָ 1944; **דער טשעק און די אייביקייט**, דערציילונגען, מאָנטעווידעאָ, 1950; **יידישע שפּריכווערטער**, לאַטיינישע טראַנסקריפּציע מיט ענגלישער איבערזעצונג, ניו יאָרק 1949; **וויטער פֿון ברוקלין**, נ. י. 1958; **אָן אַ פּאַרהאַנג**, נאָטיצן פֿון אַ רייזע־בוך, ניו־יאָרק 1962; **דער מאַן פֿון לע מיל** און אַנדערע דערציילונגען, תל־אביב 1974.

אין **פֿאָרווערטס** האָט איאַלטי פֿאַרעפֿנטלעכט אַ צאָל דערציילונגען און אַרטיקלען, און דעם ראָמאַן **אויף קרומע וועגן** (1982-1981).

איזבאַן, שמואל (סעפּטעמבער 26, 1905), פֿאַר־קירצט פֿון **איזביצקי**. געב. אין גאָסטינין, פּוילן, שפּעטער זיך איבערגעקליבן קיין וולאָצלאַוועק. גע־לערנט אין חדר און אין אַ העברעאישער גימנאַזיע.

אין 1921 צוזאַמען מיט די עלטערן געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל.

דעביוטירט אין 1925 מיט אַ דערציילונג **אַללאַס צאָרן** און דערנאָך געדרוקט דערציילונגען און אַרטיקלען אין **ליטעראַרישע בלעטער**, **פֿאָלקס־צייטונג**, **מאָמענט**, **ווילנער טאָג**.

אין ארץ־ישראל זיך באַטייליקט אין וואָכנבלאַט **ניי־וועלט**, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון די לינקע פּועלי ציון, מיטרעדאַקטירט די פּעריאָדישע אויסגאַבעס וואָס זיינען אַרויס אין ארץ־ישראל — **איינס, צוויי, צווישן צוויי און דריי, דריי און פֿיר**.

צוזאַמען מיט יעקב שטאָל און י. צ. שאַרגעל רעדאַקטירט די ליטעראַרישע זאַמלונגען **שטאַמען**.

אין 1937 געקומען קיין ניו־יאָרק און געדרוקט זיינע שריפֿטן אין **צוקונפֿט**, **אויפֿקום**.

אין 1943 געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון **מאָרגן־זשורנאַל** און שפּעטער פֿון **טאָג־מאָרגן־זשורנאַל**, וואו ער האָט געדרוקט ראָמאַנען, רעפּאָרטאַזשן און אַרטיקלען.

נאָך דעם ווי דער **טאָג־מאָרגן־זשורנאַל** האָט אויפֿגעהערט צו דערשיינען, סוף 1971, געאַרבעט אַ קורצע צייט אין **אַלגעמיינעם זשורנאַל** און דערנאָך אין **פֿאָרווערטס**.

אין פֿאָרווערטס האָט ש. איזבאַן געשריבן נייעס און פֿון צייט צו צייט אַרטיקלען.

ש. איזבאַן האָט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל ראָמאַנען און דערציילונגען אין בוך־פֿאָרעם: **מאַסן**, ווילנע 1929; **נאָכן שטורעם**, וואַרשע 1929; **קווער**, ווילנע 1936; **אויף רושטאָוואַניעס**, וואַרשע 1936; **צווישן הונדערט טויערן**, ניו־יאָרק 1942; **אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן ימען**, בוענאָס־איירעס 1948; **פֿאַמיליע קאַרפּ**, צוויי בענד, בוענאָס־איירעס 1949; **די שטאָט פֿון צאָרן**, מאָנטעווידעאָ 1955; **די שפּעטע יורשים**, בוענאָס־איירעס 1955; **די קעניגין איזבל**, בוענאָס־איירעס 1959; **יריחו**, בוענאָס־איירעס, 1966; **אַ וואַלפֿיש אין יפֿו**, תל־אביב 1982.

איינהאָרן, דוד (1886 — מערץ 2, 1973), געב. אין קאַרעליטש, נאָוואָגרודקער קרייז, ווייסרוס־לאַנד. זיין פֿאָטער איז געווען אַ מיליטערישער דאָקטאָר אין דער צאַרישער אַרמיי, אָבער זיין זון האָט ער געגעבן אַ רעליגיעזע דערציאונג פֿריער אין חדר און שפּעטער אין ווילנער ישיבה. צו 13 יאָר האָט א. אָנגעהויבן שרייבן העברעאישע שירים, און שפּעטער איבערגעגאַנגען צו יידיש און פֿאַרעפֿנטלעכט לידער אין דער בונדישער **אַרבעטער שטימע**, **נייער וועג**, **פּעטערבורגער פֿריינד**, **ליטע־ראַרישע מאָנאַטסשריפֿטן**, **די יידישע וועלט** א.אַ. אין 1909 איז אַרויס אין ווילנע זיין ערשטע לידער־זאַמלונג **שטילע געזאַנגען**. אין די לידער דריקט ער אויס די שטימונגען און געפֿילן פֿון דער נייער יידישער יוגנט. די לידער זיינען אויך פֿול מיט ליריזם, ראָמאַנטיזם און בענקשאַפֿט.

צוליב אָנטייל אין דער בונדישער באַוועגונג איז ער אַרעסטירט געוואָרן און געזעסן אין דער ווילנער טורמע. 1912 זיך באַזעצט אין דער שווייץ, און אין 1915 האָט ער זיך אומגעקערט קיין פּוילן און געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון דער בונדישער אויסגאַבע **לעבנס־פֿראַגן** און פֿון **אַרבעטער־לוח**.

אין 1920 האָט ער זיך באַזעצט אין בערלין און איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס**, וואו ער האָט געדרוקט לידער, אַר־טיקלען, קאָרעספּאָנדענציעס און אַ ראָמאַן פֿון רוסיש־יידישן עמיגראַנטן־לעבן אין דייטשלאַנד.

שפּעטער באַזעצט ער זיך אין פּאַריז, וואו ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער בונדישער **אונזער שטימע** און אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט **עפּאָכע**.

אין 1940 איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק, וואו ער האָט פאַרגעזעצט זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין **פאָרווערטס**".

אין **פאָרווערטס** האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע צאָל אַרטיקלען, וואו ער האָט גערופן צו אַ צוריקקער צו טראַדיציאָנעלער יידישקייט.

ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין **פאָרווערטס** זיינע גאָר וויכטיקע מעמואַרן, וואָס זיינען, צום באַדויערן, ניט ארויס אין בוך־פאָרעם, פונקט ווי עס איז ניט אַרויס אין בוך־פאָרעם זיין פריער־דערמאָנטער ראָמאַן.

איינהאָרן האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע צאָל ביכער, צווישן זיי צו **אַ יידישער טאָכטער** (ניו־יאָרק 1917), **געזאַמלטע לידער** (בערלין 1925), **יזיאָלעט** (פּאַריז 1930), **פון בערלין ביז סאַן פראַנציסקאָ** (וואַרשע 1930) און **אב־הרחמים** (ניו־יאָרק 1943).

אָלגין, מ. (מערץ 24, 1878 — נאָוועמבער 22, 1939), פען נאָמען פון משה יוסף נאָוואָמיסקי. געב. אין אַ דאָרף, קיעווער געגנט. געלערנט תנ"ך און גמרא ביי זיין פאָטער, גלייכצייטיק געלערנט רוסיש און געלייענט די העברעאישע און יידישע ליטעראַטור.

1900 קומט ער אָן אויפן יורידישן פאַקולטעט פון קיעווער אוניווערסיטעט, ווערט אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, שפּעטער אין בונד און שרייבט און רעדאַקטירט בונדישע צייטשריפטן. 1907 שטודירט ער אין הײדעלבערגער אוניווערסיטעט. 1913 באַזעצט ער זיך אין ווין, אָבער מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה קומט ער אָן קיין ניו־יאָרק, שטודירט אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט און באַקומט דאָרטן אַ דאָקטאָראַט.

אָלגין איז געווען פאַרבונדן מיטן **פאָרווערטס** ווי אַ קאָרעספּאָנדענט זינט 1907. ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. ער האָט געדרוקט פּובליציסטיק, בילדער, סקיצעס און פעליעטאָנען.

„נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט ער זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די קעגנער פון באָלשעוויזם" (ה. ראָגאָף). ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון **פאָרווערטס** האָט ער אין 1920 באַזוכט רוסלאַנד און פון זיינע אַרטיקלען אין **פאָרווערטס** איז געווען קלאָר, אַז ער האָט זיך באַצויגן זייער קריטיש און קעגנעריש צו דער קאָמוניסטישער רעגירונג. אָבער ווען עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין 1921, איז ער אַוועק פון **פאָרווערטס** מיט די לינקע. לאַנגע יאָרן ביז זיין טויט איז ער געווען רעדאַקטאָר פון דער קאָמוניסטישער **פרייהייט**, **מאָרגן־פרייהייט**.

צווישן זיינע ביכער געפינען זיך ווען **דאָס לעבן רופט** (וואַרשע־ניו־יאָרק 1911); **אין דער וועלט פון געזאַנגען**, וועגן פּאָעזיע און פּאָעטן (ניו־יאָרק, 1919); **די נשמה פון דער רוסישער רעוואָלוציע**, 2 בענד, איבערזעצט פון ענגליש: מ. אַשעראָוויטש, ניו־יאָרק, 1921; **האָורילע און יואל**, דערציילונג, ניו־יאָרק 1927, און אַנדערע. האָט איבערזעצט פון דער וועלט־ליטעראַטור אַ צאָל ווערק אויף יידיש און פון רוסיש אויף ענגליש 8 בענד פון לענינס ווערק. מ. אָלגין איז געווען אַ טאַלאַנטירטער שרייבער, ליטעראַטור־קריטיקער און פּובליציסט. צום באַדויערן האָט ער ביזן סוף פון זיין לעבן געשריבן לויט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־ליניע.

אַפּטער, שמשון (מאַי 15, 1907), געב. אין אָפּאָטאָוו, קעלצער געגנט. געלערנט אין חדר און אין ישיבה, און דערנאָך שטודירט אויף לערער־קורסן אין וואַרשע.

דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ ליד אין י. מ. וויסענבערגס זשורנאַל **אונזער האָפענונג** און מיט אַ דערציילונג אין **יוגנט־פרייהייט**, וואָס עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די פּועלי ציון, אונטער דער רעדאַקציע פון לייב שפּיזמאַן.

געקומען קיין קאַנאַדע אין 1929 און זיך באַזעצט אין טאָראָנטאָ, וואו עס איז אַרויס זיין ערשטע זאַמלונג דערציילונגען **צווישן שטעט**, 1936.

אין 1936 האָט אַפּטער זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק און האָט געדרוקט זיינע שאַפונגען אין פאַרשידענע זשורנאַלן.

אין **טאָג־מאָרגן** זשורנאַל האָט ער פאַרעפנטלעכט זיינע ראָמאַנען **אין אַ נייער וועלט**, וואָס עס איז אַרויס אין בוך־פאָרעם, און **די פרייסינגערס**,

וואָס איז דערנאָך אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוך־פֿאָרם אין ניו יאָרק 1964.

ש. אַפּטער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ צאָל דערציילונגען אין פֿאָרווערטס, וואָס אַ גרויסער טייל פֿון זיי איז אַריין אין זיין בוך **ווען די קינצנמאַכער וועלן קומען און אַנדערע דערציילונגען**, נ. י. 1973.

ש. אַפּטערס ראָמאַן **די מאַראַנען משפּחה דאַ סילוואַ** האָט זיך געדרוקט אין **המשכים** אין **פֿאָרווערטס** אין 1981 און איז אַרויס אין בוך־פֿאָרעם, תל־אביב 1982.

חוץ די פֿריער דערמאָנטע ביכער האָט ש. אַפּטער אויך אַרויסגעגעבן **דער בונט און אַנדערע דערציילונגען**, נ. י. 1942; **אין דער רוימישער געטאָ**, היסטאָרישער ראָמאַן, נ. י. 1946. דער דאָזיקער ראָמאַן איז אַרויס אין אַ העברעאישער איבערזעצונג, תל־אביב 1948. יאָרן־לאַנג געווען סעקרעטאַר און פּרעזידענט פֿון פּען־קלוב.

אַקערמאַן, העניך (אָקטאָבער 6, 1901 — סעפּטעמבער 8, 1970), געב. אין דאָרף מאַלינעץ, בעסאַראַביע. דעביוטירט מיט אַ ליד אין **דער מאָרגן**, קעשעניעוו, 1919. 1920 געקומען קיין אַמעריקע און געדרוקט לידער אין **פֿעדער**, **אויפֿגאַנג**, **גרויסער קונדס**, **גערעכטיקייט**, **אַמעריקאַנער**, **פֿרייע אַרבעטער שטימע** און **קינדער־זשורנאַל**.

צוזאַמען מיט ז. האָרפֿמאַן און מ. שטאַרקמאַן רעדאַקטירט די זאַמלונג **רעפֿלעקסן**, 1932.

אין 1932 איז אַקערמאַן געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס**, וואו ער האָט געדרוקט יעדן זונטיק אַרטיקלען אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען **שטוינענדיקע געשיכטעס פֿון אמתן לעבן**. אין 1934 איז ער אַריבער צום **טאָג**, וואו ער האָט פֿאָרגעזעצט שרייבן די זעלביקע געשיכטעס.

אין 1962 איז אַרויס אין תל־אביב זיין בוך **כ'ביז קיינמאָל נישט אַוועק פֿון דער היים**, 328 זייטן.

אַראָנסאָן, גריגאָרי (יוני 28, 1887 — סעפּטעמבער 7, 1968). געב. אין פּעטערבורג. באַזוכט אַ גימנאַזיע אין האָמעל און יידישע לימודים געלערנט ביי הלל צייטלין.

אין 1908 האָט אַראָנסאָן אָנגעהויבן שרייבן אויף רוסיש און אין 1918 אַריבער אויף יידיש אין **וועקער**, מינסק.

אַראָנסאָן איז געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, מענשעוויק און בונדיסט און איז געווען אַ מיטגליד פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון בונד אין רוסלאַנד. אין 1922 איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון רוסלאַנד, געוואוינט אין בערלין און פּאַריז און אין 1940 געקומען קיין אַמעריקע.

אין בערלין, פּאַריז און שפּעטער אין ניו־יאָרק האָט ער געשריבן אַ סך פּובליציסטיק אויף רוסיש און אויף יידיש און האָט מיטגעאַרבעט אין פֿאַרשיידענע יידישע צייטשריפֿטן — און אין דער **אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע**. אַראָנסאָן האָט געשריבן פֿון צייט צו צייט אַרטיקלען פֿאַר דעם **פֿאָרווערטס**. ער האָט אויך געשריבן פֿאַר **אונזער צייט** און פֿאַרן **וועקער**, וואו ער האָט אָפּגעדרוקט זכרונות וועגן זיין יוגנט (1968).

אַראָנסאָן האָט אָנגעשריבן אַ צאָל ביכער אויף רוסיש און יידיש. נאָר וויכטיק זיינען: **די יידישע פּראָבלעם אין רוסלאַנד**, נ. י. 1944, און **רוסיש־יידישע אינטעליגענץ**, בוענאָס־איירעס 1962.

אַש, שלום (יאַנואַר 1, 1880 — יולי 10, 1957). געבוירן אין קוטנע, פּוילן, דער ייִנגסטער פֿון צען קינדער. געלערנט אין חדר און שפּעטער פֿאַר זיך אין בית־מדרש. צו 15-16 יאָר אָנגעהויבן לייענען השכלה־ביכער, זיך אויסגעלערנט דייטש און זיך באַקענט מיט דער דייטשער ליטעראַטור. צו 17 יאָר אַוועק פֿון דער היים, געוואוינט צוויי יאָר אין וולאָצלאַוועק, זיך אויסגעהאַלטן פֿון שרייבן בריוו פֿאַר אַנדערע און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט „אַריינצוקוקן אין די באַהאַלטענע ווינקלעך פֿון לעבן". און דאָס איז געווען זיין „העכערע שול" — ווי ער האָט דערציילט.

באַקענט זיך מיט דער רוסישער און פּוילישער ליטעראַטור, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן צוערשט אויף העברעאיש. באַזוכט פּרצן אין וואַרשע און אים געוויזן זיינע כתבים. לויט פּרצעס עצה האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אויף יידיש און אויף פּרצעס רעקאָמענדאַציע אָפּגעדרוקט אין **דער יוד** אין 1900 זיין ערשטע דערציילונג **משהלע**. אַש איז געבליבן אין וואַרשע און האָט געדרוקט דערציילונגען אין **דער יוד**, **די יידישע פֿאָלקסצייטונג** און אויך אין העברעאישער איבערזעצונג אין **הצפירה** און **הדור**.

אין 1903 איז דערשינען זיין ערשטע זאַמלונג דערציילונגען **אין אַ שלעכטער צייט**. אַרום יענער צייט חתונה געהאַט מיט מאַטילדע שאַפּיראָ, טאָכטער פֿון אַ העברעאישן שרייבער. אין 1904

האָט זיך אין פעטערבורגער פריינד אָנגעהויבן דרוקן זיין ערשט גרויס ווערק **דאָס שטעטל**, וואָס האָט אים גלייך אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונד פון דער יידישער ליטעראַטור.

אין די ווייטערדיקע עטלעכע יאָר האָט ער אָנגעשריבן אַ צאָל דראַמעס, וואָס זיינען געשפילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער. זיי זיינען אויך געשפילט געוואָרן אין רוסישע, פוילישע און דייטשע טעאַטערס. אַש האָט אין דער זעלביקער צייט פאָרגעזעצט שרייבן דערציילונגען און נאָוועלן.

אין 1908 האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל און האָט אָנגעשריבן זיינע רייזע־איינדרוקן. אין 1909 האָט ער צום ערשטן מאָל באַזוכט אַמעריקע, וואו עס איז אויפגעפירט געוואָרן זיין קאָמעדיע פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן **דער לאַנדסמאַן**. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין אַמעריקע האָט ער פאַרעפנטלעכט אין **פרייער** זיין דערציילונג **אַמעריקע**. אין יענע יאָרן אָנגעשריבן זיין ראָמאַן **מערי** און די פאָרזעצונג **דער וועג צו זיך**. ביידע ראָמאַנען גיבן זיך אָפּ מיטן לעבן פון דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ.

ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך באַזעצט אין אַמעריקע. אַש'ס דערציילונגען זיינען געווען געדרוקט פון צייט צו צייט אין **פאָרווערטס**, אָבער ווען ער האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין אַמעריקע איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**. סיי ווען ער האָט געוואוינט אין אַמעריקע, סיי שפּעטער, צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, האָט ער אין **פאָרווערטס** פאַרעפנטלעכט, חוץ אַ גרעסערע צאָל דערציילונגען, די ראָמאַנען: **שלמה נגיד**, **אָנקל מאָזעס**, **קידוש השם**, **די כישוף־מאַכערין פון קאַסטיליע**, **פאַרי מבול** (פעטערבורג, וואַרשע, מאָסקווע), **טויט־אורטייל**, **גאָטס געפאַנגענע**, **דער תהילים ייד**, **דאָס געזאַנג פון טאָל**, **ביים אָפּגרונט**, **די שיינע מאַריע**. די אַלע ראָמאַנען פלעגן זיך דרוקן איין מאָל אַ וואָך, שבת. צווישן איין ראָמאַן און דעם צווייטן פלעגן זיין געדרוקט אָפט זיינע דערציילונגען. די אַלע ווערק זיינען שפּעטער אַרויס אין בוך־פאָרעם. אַ טייל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון **פאָרווערטס**.

„דאָס זיינען געווען די בעסטע יאָרן אין שלום אַש'עס שאַפן ווי אַ יידישער שריפטשטעלער, ווי אַ יידישער קינסטלער. און די ווערק וואָס ער האָט דאַן געשריבן — די ווערק וואָס דער **פאָרווערטס** האָט שטענדיק מיט אַזאַ פאַראַד אַריינגעפירט אין די ברייטע קרייזן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן — האָבן אים געמאַכט באַרימט אין דער יידישער ליטעראַטור און אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור."

(מ. אָשעראָוויטש)

דער סיכסוך צווישן **פאָרווערטס** און אַשן האָט זיך אָנגעהויבן ווען אַב. קאַהאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן זיין ראָמאַן **דער מאַן פון נצרת**. קאַהאַן האָט געהאַלטן, ווי עס גיט איבער הלל ראָגאָף אין זיין בוך **דער גייסט פון פאָרווערטס**, אַז „אַש האָט איך זיך גענומען די אויפגאַבן צו טאָן מיסיאָנערסקע אַרבעט פאַרן קריסטנטום." דער **פאָרווערטס** האָט נאָך אָבער אַ צייט ווייטער געדרוקט אַש'ס אַנדערע שאַפונגען. אַ פולשטענדיקער איבעררייס איז פאָרגעקומען ווען עס איז אין 1939 דערשינען אין בוך־פאָרם די ענגלישע איבערזעצונג פון **דער מאַן פון נצרת**. אין 1941 האָט אַב. קאַהאַן פאַרעפנטלעכט אַ בוך **שלום אַש'ס נייע וועגן**, וואו ער ווייזט אָן, אַז דער ראָמאַן איז אַ קריסטלעך ווערק.

אין 1943 איז אַש געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער **מאָרגן פרייהייט**, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ טייל פון זיינע קריסטאָלאָגישע שריפטן. ער האָט פאַרלאָזן די „מאָרגן־פרייהייט" ווען מען האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם אַרעסט פון די יידישע שרייבער אין סאָוועט־רוסלאַנד. אַש איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן דעם 10טן יולי, 1957.

אָשעראָוויטש, מענדל (יאַנואַר 14, 1888 — אַפּריל 16, 1965). געב. אין טראַנסלינעץ, פאָדאָליע, אוקראַינע. בעלערנט אין חדר, ישיבה און אַלגעמיינע בילדונג שטודירט ווי אַן עקסטערן. אין 1909 איז ער געקומען קיין אַמעריקע.

דעביוטירט מיט **לידער** אין 1909 אין גרשם באַדערס זאַמלבוך **שטראַלן**, לעמבערג, און אין **פאָרווערטס** אין 1910 מיט אַ דערציילונג. אין 1914 איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. אָשעראָוויטש איז אַ צייט געווען דער נייעס רעדאַקטאָר און שפּעטער רעדאַקטאָר פון זונטיק **פאָרווערטס**.

„ביסלעכוויז האָט מען אים אָנפאַרטרויט שווערע אַרבעט און ער האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט מיט אַלץ וואָס ער האָט געשריבן."

(ה. ראָגאָף)

אָשעראָוויטש האָט געדרוקט אין **פאָרווערטס** דערציילונגען און אַ טייל פון זיי איז אַריין אין

דער זאַמלונג **אומרואיקע נשמות** (נ. י. 1919). ער האָט געדרוקט פאַרשיידענע אַרטיקלען, רייזע־באַשרייבונגען, אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער און טעאַטער, און לענגערע סעריעס, ווי: **דער סוף פון שונאי ישראל, געשיכטע פון דער דרייפוס אַפערע, יידישע פערזענלעכקייטן, געשיכטעס פון מיין לעבן, שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע,** און ראָמאַנען ווי **מאַרי אַנטואַנעט** און **מרים.**

אַשעראָוויטש האָט באַזוכט רוסלאַנד און האָט אָנגעשריבן אַ סעריע אַרטיקלען, וואו ער האָט באַשריבן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן און זיינע באַגעגענישן מיט פאַרשיידענע מענטשן.

„די סעריע אַרטיקלען וועגן דעם וואָס ער האָט געזען און געהערט אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס ער האָט געדרוקט אין פאָרווערטס, האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און האָט אים געשאַפן אַ נאָמען פון אַ פעאיקן און ערנסטן זשורנאַליסט.“

(ד. שוב)

אַשעראָוויטש איז אין **פאָרווערטס** געווען דער הויפּט איבערזעצער פון רוסישער בעלעטריסטיק און פון דער רוסישער מעמואַרן ליטעראַטור. אַזוי האָט ער איבערגעזעצט די מעמואַרן פון ווערא פיגנער, עמאַ גאָלדמאַן, באָריס סאַווינקאָוו. ער האָט אויך איבערגעזעצט די זכרונות פון חיים וויצמאַן.

אין 1947 האָט ער פּובליקירט אין **פאָרווערטס** אין המשכים די **געשיכטע פון פאָרווערטס** (דער כתב־יד געפינט זיך אין ייוואָ־אַרכיוו).

אַ טייל פון די אַרבעטן וואָס אַשעראָוויטש האָט געדרוקט אין **פאָרווערטס** זיינען אַרויס אין בוך־פאָרם. אַזוי זיינען דערשינען: **דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד** (נ. י. 1930), **ווי מענטשן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד** (נ. י. 1933), **דער סוף פון שונאי ישראל** (2 בענד, נ. י. 1942), **שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע און אין אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד** (2 ב., נ. י. 1948), **מאַרי אַנטואַנעט,** ראָמאַן־ביאָגראַפיע (וואַרשע 1937), **קיניגין מרים,** היסטאָרישער ראָמאַן פון הורדוסעס צייטן (נ. י. 1959).

מ. אַשעראָוויטש האָט זיך באַטייליקט אין די זאַמלביכער **יידן אין אוקראַינע,** וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ שטודיע: **די השכלה ביי יידן אין אוקראַינע, און דער אָנהייב פון יידישן טעאַטער אין אוקראַינע** (ניו־יאָרק 1961—1967).

„עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער (אַשעראָוויטש) באַזיצט אַ טיפן און ברייטן וויסן אין יידישער געשיכטע און אויך פון וועלט־געשיכטע... די סעריעס וואָס זיינען שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן אין ביכער פאַרבלייבן ווי אַ וויכטיקער בייטראַג צו דער יידישער ליטעראַטור און געשיכטע... אויסער דעם איז אַשעראָוויטש איינער פון אונדזערע אָנגעזעענסטע פּובליציסטן וואָס שרייבט אָפט איבער פּאָליטישע און יידישע געשעענישן און פּראָבלעמען פון טאָג.“

(ה. ראָגאָף)

ב

באַשעוויס זינגער, יצחק — זע: זינגער יצחק־באַשעוויס.

באָטווינִיק, בערל (דעצעמבער 24, 1885 — אויגוסט 29, 1945). געב. אין ראַקאָוו, ווייסרוסלאַנד. גע־לערנט אין חדר און אין דער ישיבה, אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער בונדישער באַוועגונג, אַרעסטירט געוואָרן אין 1903. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אין 1905 און געאַרבעט ביי זיין פאַך: מאָלן שילדן.

אָנגעהויבן דרוקן אין 1909 אין **פאָרווערטס,** און **אַרבעטער־וועלט,** שיקאַגאָ. אין אַ קאָנקורס אויף דערציילונגען פון **פאָרווערטס** האָט ער גע־וואונען אַ פּרייז פאַר דער דערציילונג **שבת אין דער פרי.** אין 1913 געוואָרן אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער פון **פאָרווערטס,** וואו פּובליקירט דער־ציילונגען, ראָמאַנען, פעליעטאָנען־אַרטיקלען. ער האָט אויך געטאָן פאַרשיידענע רעדאַקציע־אַרבעטן, צווישן זיי רעדאַקטירט אַ געוויסע צייט די טעאַ־טער־אָפּטיילונג און געגעבן עצות אין „בינטל בריוו“.

באָטווינִיק האָט אָנגעשריבן אַ צאָל דראַמעס וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער. זיין איינאַקטער **דער וועגעטאַריער** איז געווען געדרוקט אין **פאָרווערטס** 1919 און איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן.

אין 1912 צוזאַמען מיט מיכל קאַפּלאַן אַרויס־געגעבן מיט לאַטיינישע אותיות אַ זשורנאַל **אונזער שריפט,** וואָס האָט אַרויסגערופן אַ פּאָלעמיק אין דער פּרעסע.

אין בוך־פאָרעם: **דערציילונגען און בילדער,** נ. י. 1920, 256 ז׳; **געקליבענע דערציילונגען,** 2 בענד, נ. י. 1948, אַרויסגעגעבן נאָך זיין טויט פון דער פאַמיליע. פּסעוודאָנימען: **לעד־פּענסיל, ב. בראָנז, אַ בייזער שילינגער, אַ טעאַטער פּאַטריאָט.**

אויף ענגליש איז אַרויס אַן אויסקלייב פון זיינע דערציילונגען און סקיצן אונטערן נאָמען **„לעד־פּענסיל"**, איבערגעזעצט מיט אַן אַריינפיר פון פיליפּ קלוקאָף (דעטראָיט, 1984, 163 זייטן).

באַסקין, יוסף (אָקטאָבער 20, 1880 — יולי 26, 1952). געב. אין ביאַלע, מינסקער גובערניע. געלערנט אין חדר און אין ישיבות. נאָך דער גרינדונג פון **בונד** געוואָרן אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי. שפּעטער אָפּגעפאָרן אין דער שווייץ, שטודירט אין זשענעווע, לאָזאַן און אין נאַנסי, פראַנקרייך, וואו ער האָט אין 1905 פאַרענדיקט דעם שטודיום ווי אַן אינזשיניער. אין 1907 איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע, געאַרבעט ביי זיין פאַך אין קליוולאַנד און פּיטסבורג.

1913 זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. 1914 געוואָרן געהילפס־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג און אין 1916 גענעראַל־סעקרעטאַר און אָנגעהאַלטן דעם פּאָסטן ביזן סוף פון זיין לעבן.

פון 1914 האָט ער געשריבן פאַרן אַרבעטער־רינג זשורנאַל **דער פריינד**, און אין 1923 געוואָרן רעדאַקטאָר.

באַסקין האָט אָפט געשריבן אין **פאָרווערטס** וועגן אַרבעטער־רינג פּראָבלעמען און אַלגעמיינע פּראָבלעמען. ער האָט אָנגעשריבן אַן אויטאָביאָגראַפיע וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין **באַסקין יובילייבוך**, נ. י. 1951.

באַראַנאָוו, מ. (1864 — דעצעמבער 30, 1942), אַדאָפּטירטער נאָמען פון **משה גאָרמידאָר**. געב. אין זשיטאָמיר, אוקראַינע. געלערנט אין חדר, גימנאַזיע, לערער־אינסטיטוט, יוריספּרודענץ אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פאַרשיקט קיין אירקוטסק, סיביר. אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. אין לאָנדאָן געדרוקט אַרטיקלען אין די דאָרטיקע צייטשריפטן **אַרבעטער־פריינד, די פרייע וועלט**, וואו עס איז געקומען צום אויסדרוק זיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידעאָלאָגיע. פון לאָנדאָן אַוועק קיין אַרגענטינע. 1895 געקומען קיין אַמעריקע, מיטגעאַרבעט אין **אַבענד־בלאַט, אַרבייטער־צייטונג, צוקונפט** און **צייטגייסט**.

פון 1905 ביז זיין טויט געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן זיין וועכנטלעכן אַרטיקל אונטערן נאָמען „פאַרבייגייענדיק".

„ער איז געווען איינער פון די טאַלאַנטפולסטע פעליעטאָניסטן... אין סאַטירע האָבן זיך ווייניק שרייבער מיט אים געקאָנט פאַרגלייכן. אויסער טאַלאַנט האָט ער געהאַט אַ סך וויסן און קענטעניש."

(ה. ראָגאָף)

„באַראַנאָוו איז געווען איינער פון די גלענצנדיקסטע פעליעטאָניסטן און איינער פון די בעסטע און שאַרפסטע יידישע פובליציסטן."

(מ. אָשעראָוויטש)

באַראַנאָוו האָט אָפט אויסגעדריקט מיינונגען וואָס האָבן ניט געשטימט מיט דעם קוק־ווינקל פון **פאָרווערטס** — אָבער ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט אויסצודריקן זיינע מיינונגען.

אין ניו־יאָרק פּראַקטיצירט ווי אַ דענטיסט. אַרויסגעגעבן **דער מענטש און די נאַטור**, ניו יאָרק 1906, ז' 61. פּסעוודאָנימען: **בן אפרים, מיכאַילאָוו.**

„ער (באַראַנאָוו) פלעגט שרייבן מיט אַ מערקווירדיקן קלאָרן סטיל, מיט קורצע פעסטע זאַצן, און מיט אַ שניידנדן הומאָר. די דאָזיקע פעליעטאָנען זיינע פלעגן מאַכן אַ רושם. ער איז געווען אַ געבאָרענער סאַטיריקער..."

(אַב. קאַהאַן)

באַראָנדעס, יוסף (יולי 3, 1867 — יוני 19, 1928). געבאָרן קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק, אוקראַינע. אין 1888 געקומען קיין אַמעריקע. אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. מיטגרינדער פון **אַרבעטער־צייטונג** (1889) און **פאָרווערטס**. זיך באַטייליקט אין **פאָרווערטס** מיט אַרטיקלען און איז שפּעטער געוואָרן דער ערשטער רעדאַקטאָר פון די אַרבעטער־נייעס.

„מען האָט אים דעם דאָזיקן וויכטיקן אַמט איבערגעגעבן, ווייל אין יענע צייטן איז ער געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע יידישע אַרבעטער־פירער."

(מ. אָשעראָוויטש)

שפּעטער געוואָרן אַ וויכטיקער טוער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין בוך־פאָרעם: **דער יידישער פּרעזידענט דייוויד איזראַעלס פון פ. באַרקלי** איבערגעזעצט און מיט אַן אַריינפיר פון יוסף באַראָנדעס, ניו־יאָרק 1916.

בודין, לואיס (פעברואַר 15, 1874 — מאַי 29, 1952). אַדאָפּטירטער נאָמען פון **ל. בודיאַנאָוו**. געב. אין אַ דאָרף פון קאָניעווער געגנט, קיעווער גוב. געקומען קיין אַמעריקע אין 1891. געאַרבעט אין אַ שאַפּ פון העמדער, איז געווען אַ לערער און שטודירט יוריספּרודענץ, און אין 1898 געוואָרן אַן אַדוואָקאַט.

זיך באַטייליקט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און מיטגעאַרבעט אין דער **אַרבעטער־צייטונג, נייע־צייט, פאָרווערטס** און אין דער פערטליאָר שריפט די **נייע וועלט**, וואָס יעקב מילך האָט אַרויסגעגעבן אין 1910. 1912—1910 געווען אַ מיטגליד פון רעדאַקציע־קאָלעגיע פון **צוקונפט**. בודין האָט געשריבן וועגן פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכע פּראָבלעמען און ליטעראַטור. געשריבן האָט ער ווי אַן אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיסט.

שפּעטער האָט בודין געשריבן אויף ענגליש און האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער. וויכטיק איז זיין **די טעאָרעטישע סיסטעם פון קאַרל מאַרקס** (1907).

נאָך דער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין 1919 איז ער אַוועק מיט די לינקע.

בורגין, הערץ (1870 — נאָוועמבער 4, 1949). געב. אין מאָטאַל, ווילנער גוב. געלערנט אין חדר, שפּעטער געענדיקט אַ רוסיש־יידישע שול, דעם יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע. 1897 געוואָרן אַ לערער אין ריגע און גלייכצייטיק אָנטייל גע־נומען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. 1902 שטו־דירט אין ריגער פּאָליטעכניקום, פון וואַנען אויס־געשלאָסן פאַר אָנטיילנעמען אין סטודענטישע דעמאָנסטראַציעס. 1903 פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, פון וואַנען אַנטלאָפן און אָנגעקומען קיין אַמעריקע. באַטייליקט זיך אין פאַרשיידענע יידישע צייטשריפטן און אין **פאָרווערטס**, וואו געשריבן פאַרשיידענע אַרטיקלען און עדיטאָריאַלס. געווען אויך אַ מיטאַרבעטער פון **צייט־גייסט** (1906).

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער קאַמף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט ער פאַרטיידיקט די לינקע ריכטונג אין דער פּאַרטיי.

שפּעטער איז ער אַריין אין דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי און האָט געדרוקט אַרטיקלען אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע ביכער, צווישן זיי **די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע, רוס־לאַנד און ענגלאַנד**, ניו־יאָרק 1915. אין מאַנוסקריפּט געבליבן אַ דערגאַנצטער טעקסט פון זיין געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

ביאַלאָסטאָצקי, בנימין־יעקב (יוני 15, 1893 — סעפּט. 23, 1962). געב. אין פּומפּיאַן, ליטע. גע־לערנט אין חדרים און ישיבות. גאָר יונג געדרוקט קאָרעספּאָנדענציעס אין פּעטערבורגער **פריינד**. אין 1909 דעביוטירט מיט אַ ליד אין **לעבן און וויסנ־שאַפט**, ווילנע.

1911 געקומען קיין אַמעריקע. אַ בויער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן און אַ לערער אין די אַרבעטער־רינג שולן.

1919-1918 מיטרעדאַקטאָר פון יונגן **יידישן קעמפער**, 1919 מיטרעדאַקטאָר פון די **קינדער־וועלט**. 1920-1919 פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון **יידישן קעמפער**, 1922-1920 רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון דער טעגלעכער **די צייט**. פון 1922 ביז זיין טויט מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו געשריבן נייעס און אַמאָל אויך אַרטיקלען. זיך באַטייליקט אין דער זעלביקער צייט אין פאַרשיידענע יידישע צייטשריפטן. און 1932—1927 מיטרעדאַקטירט דעם **אויפקום**.

האָט פאַרעפנטלעכט אַ צאָל לידער זאַמלונגען און זאַמלונגען פון עסייען. צווישן זיי **לידער און עסייען**, צוויי בענד, נ. י. 1932; **פון די שטאַמען, לידער**, נ. י. 1939; **פון גלות בבל ביז רוים**, נ. י. 1949; **חלום און וואָר**, 1956; **געזאַמלטע לידער ליד צו ליד**, 1958; **יידישער הומאָר און יידישע לצים**, 1963; **די משלים פון דובנער מגיד**, 1962. רעדאַקטירט דוד עדעלשטאַט **געדענק־בוך**, 1953.

פּסעוודאָנימען: **ב. י. בעלקין, בן־המגיד, ש. ת. העלער, אביב, ב. י. ב.**

בייקער, שמעון (יולי 29, 1928 —). געב. אין ביעליצע, ביי לידע, נאָוואָגרודסקער געגנט, דעמאָלט פּוילן. געלערנט ביים פאָטער, אַ למדן, אין חדר, אין אַ יידיש־העברעאישער פאָלקס־שול, און אין דער באַראַנאָוויטשער ישיבה. יונגערהייט געוואָרן אַקטיוו אין דער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג.

נאָך דער מלחמה געקומען קיין פּאַריז, שטו־דירט אין אַ שול פאַר פּאָליטישע וויסנשאַפטן און זשורנאַליזם. געאַרבעט אין ביוראָ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. מיטגעאַרבעט אין דער וועכנט־לעכער ציוניסטישע **שטימע** און אין דער טאָג־צייטונג **אונזער וואָרט**.

געקומען קיין אַמעריקע אין 1952 און געשריבן פאַרן **טאָג־מאָרגן זשורנאַל**. זינט 1971 אַ מיט־אַרבעטער אין **פאָרווערטס**, וואו ער שרייבט אויף אַקטועלע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעמעס, אַר־

טיקלעך וועגן יידישע פּראָגן און רעפּאָרטאַזשן, אינטערוויוען מיט געזעלשאַפטלעכע טוער און רייזע־פּאַרצייכענישן.

בייקער איז אַ טעגלעכער ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר, אַ קאָרעספּאָנדענט ביי די „פּאַראייניקטע פעלקער" (יו־ען) פאַר יידישע צייטונגען אין אויסלאַנד און איז אַ מיטגליד פון דעם פאַרבאַנד פון יו־ען־קאָרעספּאָנדענטן.

בלום, יצחק (יוני 11, 1887 — אויגוסט 1965). אַדאָפּטירטער נאָמען פון **י. קריוואָנאָגי**. געב. אין טשעכינאָוועצ, גראָדנער געגנט. געלערנט אין דער שטאָטישער תלמוד־תורה.

1905 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ און שפּעטער געהאַט אַ קליידער־קליניק... קלייט וואו מען האָט גערייניקט קליידער. איז געווען דער מאַן פון דער שרייבערין ראָזע שאַמער, אַ טאָכטער פון נ. מ. שמ"ר.

דעביוטירט אין 1906 אין דער **פרייער אַרבעטער שטימע** און געדרוקט, פון צייט צו צייט, דערציילונגען און סקיצן אין **פאָרווערטס**.

אַרויסגעגעבן עטלעכע זאַמלונגען דערציילונגען און לידער, אַ צייטשריפט און אַ בינטל זכרונות אין מיין **ליטעראַרישער אכסניה**, מעקסיקע 1964, 34 זייטן.

בליט, לוציאַן (נאָוועמבער 26, 1904 — סעפּטעמבער 10, 1978). באַקאַנט מיט זיין פּסעוודאָנים **ז. פינסבער**. געב. אין וואַרשע, געענדיקט אַ פּוילישע גימנאַזיע און שטודירט סאָציאַלע וויסנשאַפטן אין אַ וואַרשעווער הויכשול.

1917 אַריינגעטראָטן אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט", געווען סעקרעטאַר פון איר צענטראַל־קאָמיטעט, און אין 1939 אויסגעקליבן געוואָרן אין ביוראָ פון סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל.

ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אַרטיקלען אין 1922 אין דער וואָכנשריפט **יוגנט־וועקער**.

נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה אין 1939 אַוועק קיין ווילנע, אַרעסטירט געוואָרן פון דער סאָוועטישער רעגירונג, באַפרייט געוואָרן אין אויגוסט 1941, אַריינגעטראָטן ווי אַ פרייוויליקער אין דער פּוילישער אַרמיי און פאַרלאָזן רוסלאַנד מיט דער אַרמיי אין 1942. אין פעברואַר 1943 זיך באַזעצט אין לאָנדאָן און האָט פאָרגעזעצט זיין שרייבן. זיך געדרוקט אין: **אונזער צייט, צוקונפט** און אַנדערע צייטשריפטן.

בליט איז געוואָרן אַ שטענדיקער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן פּובליציסטישע אַרטיקלען וועגן פּאָליטישגעזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. איז געבליבן אַ מיטאַרבעטער ביזן סוף פון זיין לעבן.

בן ישראל, שלמה (יולי 27, 1908 —), אָריגינעלער נאָמען **שלמה געלפער**. געב. אין בריסק (ברעסט ליטאָווסק). אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה צוזאַמען מיט דער משפחה געלעבט אין ראַגאָטשאָוו. געלערנט אין אַ חדר און אין אַ רעאַל־גימנאַזיע. אין 1920 זיך אומגעקערט קיין בריסק, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון פּוילן. געלערנט אין אַ תרבות־שול.

אין 1926 אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, וואו ער האָט, ווי אַ חלוץ, געאַרבעט ביים טריקענען זומפּן, שפּעטער געאַרבעט אין אַ זאַלץ־פאַבריק. אין קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע און איז געפאָרן זיך היילן אין בערלין. זיך אומגעקערט קיין ארץ ישראל אין 1931.

דעביוטירט מיט אַ יידיש ליד אין **היינט**, וואַרשע 1926. אין ארץ־ישראל אָנגעהויבן שרייבן אויף העברעאיש דעטעקטיוו־דערציילונגען, וואָס זיינען געווען פּאָפּולער, ספּעציעל ביי דער יוגנט. געשריבן אַרטיקלען פאַר דער העברעאישער פּרעסע, און זינט 1939 האָט ער געאַרבעט פאַר דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער **ניו יאָרק טאַימס** אין קאַירע. ער פלעגט אים צושיקן נייעס פון תל־אביב.

1939 צוזאַמען מיט דער משפחה אָנגעקומען קיין אַמעריקע, געוואוינט אין באָסטאָן און מיטגעאַרבעט אין דער טעגלעכער צייטונג **באָסטאָן גלאָב**.

אין אויגוסט 1940 אָנגעהויבן שרייבן פאַרן **פאָרווערטס** פּאָפּולערע דעטעקטיוו ראָמאַנען.

אין 1945 איז ער געפאָרן פאַרן **פאָרווערטס** און דעם **באָסטאָן גלאָב** קיין ארץ ישראל, עגיפּטן און מאַראָקאָ. באַזוכט אייראָפּע און ארץ־ישראל אין 1946-1947. שפּעטער געווען דער **פאָרווערטס** קאָרעספּאָנדענט ביי דער **יו־ען**.

אין 1950 זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק און האָט אָנגעפירט אַ ראַדיאָ נייעס־פּראָגראַם.

שלמה בן ישראל איז געווען אן אינעווייניק־סטער מיטארבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן אַרטיקלען, ספּעציעל וועגן ישראל און דעם נאָענטן מזרח, און פעליעטאָנען. ער פלעגט שרייבן אונטער זיין נאָמען און אונטער די פּען־נעמען **שלמה איזראַעלי** און **בן לארשי**.

אין בוך־פאָרם איז אַרויס אין ישראל אין 1961 זיין ראָמאַן **דער שכל פון נקמה**. פּענסיאָנירט פון **פאָרווערטס** יאַנואַר 1980.

בערגעלסאָן, דוד (1884 — אויגוסט 12, 1952).
געב. אין אָכרימאָווע, אוקראַינע. דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט דער נאָוועלע **אַרום וואָקזאַל**, אין 1909, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט ליב פון דער יידישער קריטיק. זיין ראָמאַן **נאָך אַלעמען**, 1913, האָט אים עטאַבלירט ווי איינער פון די וויכטיקסטע יידישע פּראָזאַיקער. זינט דעמאָלט אָנגעשריבן אַ גרעסערע צאָל ראָ־מאַנען, נאָוועלן און דערציילונגען, צווישן זיי **אָפּגאַנג, יוסף שור, ביים דניעפּער**, באַנד 1 **פּענעק**.

געלעבט אין בערלין אין 1921—1933 און זיך דעמאָלט באַטייליקט פון צייט צו צייט מיט דערציילונגען אין **פאָרווערטס**, צווישן זיי די נאָ־וועלע **באַמאַשקאַ**.

„בערגעלסאָן האָט אָפט צוגעשיקט קלענערע און גרעסערע נאָוועלן צום **פאָרווערטס**, וואָס מען האָט געוויינלעך אַנאָנסירט ווי די ווערק פון איינעם פון די בעסטע שריפטשטעלער אין אונדזער יידישער ליטע־ראַטור."

(מ. אַשעראָוויטש)

1934 זיך באַזעצט אין רוסלאַנד, וואו געשריבן לויט דער דאָרטיקער אידעאָלאָגיע, צווישן זיי **פּענעק**, באַנד 2. אַרעסטירט געוואָרן 1948 און דערשאָסן געוואָרן אויף סטאַלינס באַפעל אויגוסט 12, 1952, צוזאַמען מיט די וויכטיקסטע יידישע שרייבער און אינטעלעקטואַלן.

בערקאָוויטש, יצחק דוד (אָקטאָבער 15, 1885 — מערץ 23, 1967). געב. אין סלוצק, ווייסרוסלאַנד, וואו באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג. אין 1903 איז ער געקומען קיין לאָדזש, וואו זיך באַפריינדעט מיטן העברעאיש־יידישן שרייבער יצחק קאַצענעלסאָן. אין זעלביקן יאָר דעביוטירט מיט אַ העברעאישער דערציילונג אין **הצפה** און פאַר זיין דערציילונג **משקהלי חזיר** האָט ער באַ־קומען דעם ערשטן פּריז אין אַ קאָנקורס אָנגעפירט פון דער זעלביקער צייטונג. אין דער זעלביקער צייט אָנגעהויבן שרייבן יידיש און איז זיין גאַנצן לעבן געווען אַ העברעאיש־יידישער שרייבער. אין 1908 באַזוכט אַמעריקע, וואו זיך באַטייליקט אין דער יידישער פּרעסע. זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד 1909, וואו געוואָרן דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון **די נייע וועלט**. ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן איז ער געקומען קיין אַמעריקע, וואו פאַרבליבן ביז 1928, דערנאָך זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל, וואו ער איז געבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

בערקאָוויטש האָט אין אַמעריקע און שפּעטער אין ארץ־ישראל געשריבן דערציילונגען, ראָמאַנען און דראַמעס. אין די יאָרן 1930—1937 האָט ער סיסטעמאַטיש געדרוקט זיינע ווערק אין **פאָרווערטס**. אַזוי זיינען אין די זונטיק־נומערן **פאָרווערטס** פאַרעפנטלעכט געוואָרן **מנחם מענדל אין ארץ ישראל, באַגינען, אונזערע ראשונים** — זכרונות און דערציילונגען וועגן **שלום עליכם און זיין דור**. שפּעטער זיינען די ווערק אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוך־פאָרעם אין ישראל. האָט אויך אָנגעשריבן אויף יידיש און העברעאיש **קינדער־יאָרן**, תל־אביב, 1970.

בערקאָוויטש איז געווען דער איידעם פון שלום עליכם. ער האָט איבערגעזעצט אויף העברעאיש זיינע ווערק, האָט צוגעגרייט און רעדאַקטירט די ניו־יאָרקער פאָלקס־פאָנד אויסגאַבע פון שלום־עליכמס ווערק און האָט אויך צוגעפּאַסט עטלעכע פון שלום־עליכמס ווערק פאַרן טעאַטער. ער האָט אויך רעדאַקטירט דעם **שלום־עליכם בוך**, ניו־יאָרק 1926.

ברכות, רחל (סעפּטעמבער 23, 1880 — 1945).
געב. אין מינסק, ווייסרוסלאַנד. געאַרבעט ווי אַ שניידערין, שפּעטער אַ לערערין פון האַנט־אַרבעט אין דער מינסקער יידישער האַנטווערקער שול פאַר מיידלעך. דעביוטירט אין 1899 מיט אַ דער־ציילונג אין **דער יוד**, שפּעטער געדרוקט דערציי־לונגען אין פּעטערבורגער **דער פריינד, די צוקונפט**, אין **פאָרווערטס**.

אין **פאָרווערטס** פון 8טן מאַי 1907 איז געווען אַנאָנסירט „אַ בריליאַנטענע יידישע דערציילונג מיט אַן אויספירלעכער קריטיק". די דערציילונג האָט געהייסן **אַ מיאוסער געדאַנק** און די מחברין איז געווען רחל ברכות. אַב. קאַהאַן האָט וועגן

דער דערציילונג אָנגעשריבן אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג, וואָס איז געווען געדרוקט אין דריי נומערן **פֿאָרווערטס**.

נאָך יאָרן ניט שרייבן האָט זי געדרוקט אַ צאָל דערציילונגען אין דער מינסקער טאָג־צייטונג **אָקטיאַבער** און חודש־זשורנאַל **שטערן**. איז אומגעקומען אין דער מינסקער געטאָ.

בראַון, דוד (סעפּטעמבער 7, 1876 — סעפּטעמבער 6, 1945). געבוירן אין אָזערקאָוו, ביי לאָדזש. 1903 געקומען קיין אַמעריקע, וואו געוואָרן אַ וועבער אין פּעטערסאָן, ניו־דזשוירזי.

פֿאַרעפֿנטלעכט אין **פֿאָרווערטס** אַ גרעסערע צאָל דערציילונגען וועגן לעבן פֿון די יידן אין אַמעריקע.

אין בוך־פֿאָרעם: **מיט אייג און האַרץ**, בילדער און **דערציילונגען**, ניו־יאָרק 1922.

ג

גאָטליב, לעאָן (דעצעמבער 18, 1978 — יאַנואַר 13, 1947). געבוירן אין גראָדזשיסק, ביי וואַרשע. ביז 17 יאָר געלערנט אין ישיבות און אין דער יידישער האַנטווערקער שול אין וואַרשע. אין 1900 אַוועק קיין לאָנדאָן, וואו געוואָרן מיטרעדאַקטאָר פֿון **דער אַרבעטער**, יידישער אָרגאַן פֿון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין 1901 געקומען קיין אַמעריקע, וואו געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס**. ער איז געווען אי אַב. קאַהאַנס סעקרעטאַר, אי סעקרעטאַר פֿון רעדאַקציע.

„דורך זיינע הענט פלעגט דורכגייז די גאַנצע פּאָסט פון דער רעדאַקציע, אַלע מאַנוסקריפּטן, אַלע בריוו, סיי פון מיטאַרבעטער, סיי פון לעזער.“

(ה. ראָגאָף)

גאָטליב האָט געדרוקט אין **פֿאָרווערטס** אַ גרעסערע צאָל ראָמאַנען, וואָס אַ טייל זיינען אַרויס אין בוך־פֿאָרעם, ווי **גאָלד אין בלוט**, 1912, **ליבעס־ווייען**, נ. י. 1912. ער האָט איבערגעזעצט פֿאַרשיידענע פּיעסן פֿאַרן יידישן טעאַטער און פּשעוווישעווסקים **דער טאַנץ פֿון ליבע און טויט** און **די מוטער**. ער האָט אויך געשריבן די זכרונות פֿון אַ צאָל יידישע אַקטיאָרן ווי ז. מאָגולעסקאָ, באָריס טאָמאַשעווסקי. גאָטליב האָט אַ לאַנגע צייט געשריבן די עצות אין „בינטל בריוו“.

פּסעוודאָנימען: **ל. גראַדסקי, דער פּוילישער** **ליטוואַק, ג. ליפּסקי, ג. קווינטאָוו.**

גאָטעספעלד, חנא (מאַי 15, 1890 — יאַנואַר 27, 1964). געבוירן אין סקאַלע, מזרח־גאַליציע. געלערנט אין חדר, בית־מדרש און אין אַ גימנאַזיע אין טשערנאָוויץ. געקומען קיין אַמעריקע אין 1907 און אין זעלביקן יאָר אָפּגעדרוקט אַ דערציילונג אַ קהלניק אין **פֿאָרווערטס**. 1914 איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס**, וואו אונטערן פּסעוודאָנים **טוביה שמייכל** געשריבן יעדע וואָך אַ הומאָרעסקע. איז געווען אַ צייט דער רעדאַקטאָר פֿון „שטיף־קינד“, די הומאָריסטישע אָפּטיילונג פֿון **פֿאָרווערטס**.

געשריבן אויך אונטער זיין נאָמען אין **פֿאָרווערטס** פֿאַרשיידענע אַרטיקלען און רייזע־באַשרייבונגען.

גאָטעספעלד איז געווען דער מחבר פֿון אַ צאָל פּיעסן וואָס עס זיינען געשפּילט געוואָרן מיט דערפֿאָלג אין יידישן טעאַטער.

צווישן זיינע פּיעסן זיינען רייכע **קבצנים**, 1922, **געוואַלד, ווען שטאַרבט ער?**, 1924, **אַמעריקאַנער חסידים**, 1928, **מחותנים**, 1936. צווישן די ביכער וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן זיינען **מיין רייזע איבער גאַליציע**, נ. י. 1937; **אַבי מען לעבט**, נ. י. 1948; **פֿון בראָדוויי ביז תל־אביב**, נ. י. 1951; **וואָס איך געדענק פֿון מיין לעבן**, נ. י. ־ בוענאָס־איירעס, 1960.

גאָלדפֿאַרב, מאַקס (1883 — 1936 אָדער 1937). פּסעוודאָנים פֿון **דוד ליפּעץ**. געב. אין בערדיטשעוו, אוקראַינע, שטודירט סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן אין בריסל, בעלגיע, וואו באַקומען זיין דאָקטאָראַט. אָנטיילגענומען אין דער אומלעגאַלער בונדישער באַוועגונג ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסט. 1913 געקומען קיין אַמעריקע, וואו געוואָרן אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. פֿון אָנהויב 1915 ביז מערץ 1917 געוואָרן אַרבעטער־רעדאַקטאָר פֿון **פֿאָרווערטס**, וואו ער האָט אויך געשריבן אַרטיקלען, נאָטיצן, נייעס און איז געווען דער „אַמבאַסאַדאָר“ פֿון **פֿאָרווערטס** צו דער אַרבעטער־באַוועגונג.

נאָך דער פֿעברואַר־מערץ, 1917, רעוואָלוציע אַוועק קיין רוסלאַנד, וואו געוואָרן אַקטיוו אין בונד. געווען דעפּוטאַט אין דער אוקראַינער „ראַדע“ (פּאַרלאַמענט), וואו ער האָט פֿאַרטיידיקט

יידישע אינטערעסן. נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש געאַרבעט אין קריגס־מיניסטעריום, שפּעטער, אונטערן נאָמען גענעראַל פּעטראָווסקי פאַרנומען אַ הויכן פּאָסטן אין דער סאָוועטישער קריגס־אַקאַדעמיע. ליקווידירט געוואָרן אין צייט פון די מאָסקווער פּראָצעסן אין 1936 אָדער 1937.

אין ניו־יאָרק האָט ער אָנגעשריבן די בראָשור **די אַרבעטסלאָזיקייט — וואָס זי איז און ווי זי קאָן געלייזט ווערן**, נ. י. 1915, 32 זייטן; **דער גרויסער קאַמף פון די קלאָוקמאַכער**, נ. י. 1916, 63 זייטן.

גאָלדקאָרן, יצחק (אָקטאָבער 1, 1911 —). געב. אין שידלאָוויצע, קעלצער געגנט. געלערנט אין חדרים, אין אַ ישיבה און וועלטלעכע לימודים ביי פּריוואַטע לערערס. דעביוטירט מיט לידער אין 1930 און געדרוקט לידער און עסייען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן אין פּוילן.

דורכגעמאַכט דעם חורבן אין אַ צאַל ערטער. נאָך דער מלחמה מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן וואָס עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין די פּליטים־לאַגערן. דאָרטן אויך אַרויסגעגעבן **ליטעראַרישע פּיליעטן** (מינכען, 1949); **לידער** (מינכען, 1950).

1951 אויסגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע, וואו פאַרגעזעצט זיין ליטעראַרישע אַרבעט און אַרויסגעגעבן **עפּיגראַמאַטיש** (מאָנטרעאָל, 1954).

שפּעטער געוואוינט אין ניו־יאָרק און געאַרבעט אין **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן נייעס און פאַרשיידענע אַרטיקלען. זיך צוריקגעצויגן. זיך אומגעקערט קיין קאַנאַדע. דרוקט אָפט אין **פאָרווערטס** לידער און משלים.

חוץ די פריער דערמאָנטע ביכער אויך אַרויסגעגעבן פון **וועלט־קוואַל** (תל־אביב, 1963); **זינגערס און זאָגערס** (תל־אביב, 1971); **היימישע און פרעמדע** (בוענאָס־איירעס, 1973); **משלים** (ניו־יאָרק 1976), און **לעצטער שניט, משלים** (טאָראָנטאָ, 1984).

גאָלדשטיין, דוד (אַפּריל 15, 1868 — נאָוועמבער 24, 1931). געב. אין יאַנעסטאָוו, סוואַלקער געגנט. געלערנט אין חדר און ישיבה. געקומען קיין אַמעריקע אין 1885. דעביוטירט דעם 18טן פעברואַר 1887 מיט אַ ליד אין דער **ניו־יאָרקער יודישער פאָלקס־צייטונג**. געדרוקט לידער אין פאַרשיידענע צייטשריפטן און אין דער אָפּטיילונג „דיכטער־אַלבאָם" אין **פאָרווערטס**.

גאָלדשטיין, יוסף שמעון (יולי 12, 1894 — פעברואַר 18, 1978). באַקאַנט אויך ווי **דער לוסטיקער פּעסימיסט**. געב. אין לאָדזש. דעביוטירט אין **לאָדזשער טאָגבלאַט**, וואו ער האָט געשריבן הומאָרעסקעס. אין 1925 איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון וואַרשעווער **היינט**, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע הומאָריסטישע שריפטן. ער האָט אויך געשריבן פאַרן יידישן קליינקונסט־טעאַטער און איז געווען איינער פון די הויפּט־שרייבער פאַר די באַרימטע קאָמיקער דזשיגאַן און שומאַכער.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה איז ער אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, וואו ער האָט צוזאַמען מיטן הומאָריסט משה נודעלמאַן געשריבן סאַטירעס.

נאָך דער מלחמה האָט ער אַ געוויסע צייט געלעבט אין ארץ־ישראל, און איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1949. אין 1950 איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געדרוקט הומאָרעסקעס אונטערן אַלגעמיינעם קעפּל „אַ ייד צו יידן" און מייסטערהאַפטע גראַמען אין דער הומאָריסטישער רובריק „דאָס שטיף־קינד", מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט עטלעכע יאָר. ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון **פאָרווערטס** אין 1976 און האָט זיך באַזעצט אין מיאַמי, וואו ער איז געשטאָרבן. אַ טייל פון זיינע זאַכן וואָס עס זיינען געווען געדרוקט אין **פאָרווערטס** זיינען אַריין אין זיין בוך **געגראַמטע פעליעטאָנען און זכרונות**, נ. י. 1976.

„זיין גרויסן נאָמען אַלס הומאָריסט האָט ער זיך דערוואָרבן אין פּוילן און שפּעטער אין רוסלאַנד און אין ישראל, וואו ער האָט געלעבט אין די מלחמה־יאָרן. ער האָט פיל געשריבן פאַרן יידישן טעאַטער, זיינע הומאָריסטישע סקיצן זיינען אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג פון די בעסטע יידישע וואָדעוויל־אַקטיאָרן אין אַמאָליקן פּוילן, און אויך אין רוסלאַנד און ישראל."

(ה. ראָגאָף)

„יוסף גאָלדשטיין איז אַ גראַמען דערפינדער. ער ווייסט די סודות פון אונזער שפּראַך־קונציקייט, און ווען ער וויל צוזאַמענפירן אַ וואָרט מיט אַ וואָרט, וואָס זאָלן זיך צוזאַמענקלינגען, איז ער אַ מאַדים. אַז מען לייענט זיינע לייכטע פערזן, זעט מען אַז ער האָט אינגאַנצן באַצוואונגען די מלאכה פון גראַמען. נישטאָ

פאקטיש קיין יידיש ווארט, וואס ער זאל נישט קאנען באגראמען."

(יעקב גלאטשטיין)

גארדין, יעקב (מאי 1, 1853 — יוני 10, 1909). געב. אין מירגאראד, פאלטאווער גוב., רוסלאנד. געלערנט יידישע און אלגעמיינע לימודים ביי פריוואטע מלמדים און לערערס. געלייענט העברע־אישע השכלה־ביכער און רוסישע און וועלט־ליטע־ראטור. ארום 1870 אנגעהויבן שרייבן פאר דער רוסישער פרעסע און מיטגעארבעט אין פארשיי־דענע צייטונגען. חוץ ארטיקלען געשריבן אויך דערציילונגען וועגן יידישן און נישט־יידישן לעבן.

אין 1880 האט גארדין געגרינדעט די **גייסטיק־ביבלישע ברודערשאפט**, וואס האט אפגעווארפן די יידישע רעליגיעזע מנהגים, ריטואל און האט אנער־קענט נאר דעם תנ"ך, וואס איז אויסגעטייטשט געווארן אין גייסט פון דער וויסנשאפט.

די **ברודערשאפט** האט עקזיסטירט א קורצע צייט און גארדין האט אימיגרירט קיין אמעריקע אין 1891. ער איז גלייך געווארן א מיטארבעטער אין דער וועכנטלעכער **ארבעטער־צייטונג**, וואו ער האט פארעפנטלעכט דערציילונגען און א ראמאן „די צעבראכענע הארץ".

גארדין האט אויך אנגעהויבן שרייבן דראמעס פארן יידישן טעאטער און זיין ערשטע דראמע **סיביריא** איז אויפגעפירט געווארן אין ניו־יארק אין נאוועמבער 1891. ער האט פארגעזעצט שרייבן דראמעס און אין משך פון 18 יאר האט ער אנגעשריבן ארום אכציק דראמעס, וואס זיינען געשפילט געווארן אויף יידישע בינעס אומעטום וואו מען האט געשפילט יידיש טעאטער.

ער איז אויך געווען א צייט א מיטארבעטער פון **פארווערטס**, וואו ער האט געשריבן פעליע־טאנען, סקיצן און ארטיקלען וועגן דער געשיכטע פון דער דראמע.

צווישן קאהאנען און גארדינען זיינען פאר־געקומען קאנפליקטן, ווייל, ווי עס שרייבט הלל ראגאף, האט „קאהאן ניט געוואלט אנערקענען אז גארדינס דראמעס געהערן צו דער קאטעגאריע פון עכטער קונסט, פון אמתער ליטעראטור". די קאמפן צווישן זיי זיינען אנגעגאנגען יארן־לאנג. ווען ל. מיללער האט געגרינדעט זיין טעגלעכע צייטונג **דיווארהייט**, איז גארדין געווארן א מיטארבעטער.

גינזבורג, איסר (אקטאבער 28, 1872 — אקטאבער 12, 1947). געבוירן אין דעוועלטאוו, קאוונער געגנט, ליטע. געלערנט אין ישיבות, אין ווילקאמיר און ווילנע, און דעמאלט אנגעהויבן לייענען די השכלה ליטעראטור. אין 1893 עמיגרירט קיין אמעריקע, שטודירט אין קארנעל אוניווערסיטעט מעדיצין און געווארן דאקטאר אין 1900. ער האט פראקטיצירט מעדיצין און אין דער זעלביקער צייט אנגעהויבן שרייבן פאר פארשיידענע יידישע צייטשריפטן און איז געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער פון **פאר־ווערטס**, וואו ער האט געשריבן וועגן יידישע פראב־לעמען, יידישער קולטור, יהדות, יידישער געשיכטע און וועגן דער אלטער העברעאישער ליטעראטור.

„די טעמע פלעגט ער נעמען פון א טאג פאסירונג. ער פלעגט זי אבער אויסנוצן צו שרייבן אן אפהאנדלונג פון אלגעמיינעם, פערמאנענטן יידישן אדער וויסנשאפט־לעכן אינטערעס."

(ה. ראגאף)

אזוי האט ער אין **פארווערטס** פארעפנטלעכט זיין **די אנטשטייאונג פון קריסטנטום און יידישע דענקער און פאעטן פון מיטלאלטער**, וואס זיינען שפעטער ארויס אין בוך־פארעם. אין בוך־פארעם זיינען אויך ארויס זיינע ווערק **דער תלמוד**, ווארשע (1910) פארגרעסערטע אויסגאבע, ווארשע 1931; **דער רמב"ם**, נ. י. 1935. די לעצטע יארן פון זיין לעבן — ווען ער האט שוין ניט געקאנט שרייבן, האט דער **פארווערטס** איבערגעדרוקט א טייל פון זיינע פריער־געשריבענע ארטיקלען.

פסעוודאנימען: **עוקץ, ד"ר א. זעלדעס, דער שטעכיגער.**

גינזבורג, שאול (אפריל 6, 1866 — נאוועמבער 16, 1940). געב. אין מינסק, אין א משפחה פון סוחרים. באקומען יידישע דערציאונג ביי פריוואטע לע־רערס, געענדיקט א רוסישע גימנאזיע און שטודירט אויף דעם יורידישן פאקולטעט פון פעטערבורגער אוניווערסיטעט. נאכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט 1892, אנגעהויבן דרוקן ארטיקלען אין יידיש־רוסישן זשורנאל **וואסכאד**. 1897 זיך באזעצט אין פעטערבורג און פארגעזעצט זיין ארבעט אין זשור־נאל וואו ער האט געשריבן גרעסערע אפהאנדלונ־גען וועגן שרייבער און שטודיעס וועגן פארשיידענע תקופות אין דער געשיכטע פון יידן אין רוסלאנד. 1899 איז ער געווארן א מיטגליד פון דער רע־דאקציע **וואסכאד**.

צוזאמען מיט פ. מארעק האט ער ארויסגעגעבן

די זייער וויכטיקע זאמלונג יידישע פאלקס-לידער אין רוסלאנד, מיט אן אריינפיר, אין רוסיש, וועגן כאראקטער און אנטוויקלונג פון די יידישע פאלקס-לידער.

אין 1903 האט ער, צוזאמען מיט שבתי ראפאפארט, געגרינדעט די ערשטע טעגלעכע יידישע ציימונג אין רוסלאנד — **דער פריינד**. גינזבורג איז געווען דער הויפט-רעדאקטאר. די צייטונג איז געווען זייער אן ערנסטע, רייך אין אינפארמאציע, פובליציסטיק און ליטעראטור. גינזבורג האט צוגעצויגן צום פריינד די בעסטע יידישע שרייבער אין רוסלאנד. גינזבורג האט אין 1905 אויך ארויסגעגעבן דעם ליטעראריש-געזעלשאפטלעכן חודש-זשורנאל **דאס לעבן** (1905, 9 נומערן) און מיט-רעדאקטירט דעם חודש-זשורנאל **די יידישע וועלט** (4 נומערן, פעטערבורג 1912). אין דעם זשורנאל האט ער פארעפנטלעכט קאפיטלען פון זיין רוסישן בוך וועגן אנטייל פון די יידן אין דער מלחמה פון 1812.

אין 1908 האט זיך גינזבורג צוריקגעצויגן פון **פריינד** און האט זיך אפגעגעבן מיט רעדאקטירן פארשיידענע יידישע היסטארישע זאמלביכער (אויף רוסיש) און האט אנגעשריבן א גרעסערע צאל שטודיעס וואס ער האט אויך פובליקירט אויף יידיש אין דער **צוקונפט** (ניו יארק 1922—1927).

אין 1930 האט גינזבורג פארלאזן רוסלאנד, זיך באזעצט אין ניו-יארק, וואו ער איז געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער פון **פארווערטס**.

אין **פארווערטס** האט ער פארעפנטלעכט א גרעסערע צאל סאלידע פארשונגס-ארבעטן וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין רוסלאנד) און שטודיעס צו דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור אין רוסלאנד. א גרויסער טייל פון די ארבעטן וואס שאול גינזבורג האט געדרוקט אין **פארווערטס**, זיינען אריין אין זיינע שריפטן: **היסטארישע ווערק**, 3 בענד, ניו-יארק 1937-1938, **אמאליקע פעטערבורג**, נ. י. 1944, און **משומדים אין צארישן רוסלאנד**, נ. י. 1946.

שאול גינזבורג איז געווען איינער פון די חשובסטע יידישע היסטאריקערס, וואס האט געשריבן גרונט-ווערק אויף יידיש. עס איז איינע פון די גרויסע אויפטואונגען פון **פארווערטס**, וואס ער האט מעגלעך געמאכט אז שאול גינזבורג זאל פארזעצן זיין שרייבן אויף יידיש.

גלען, יעקב מאיר (מאי 2, 1905 — יולי 16, 1974). אדאפטירטער נאמען פון **י. מ. גלעמבאצקי**. געב. אין מערעטש, ווילנער גוב. אימיגרירט קיין אמעריקע אין 1923. שטודירט אין קאלומביע אוניווערסיטעט און אין אוניווערסיטעט פון ציריך, וואו ער האט געענדיקט אין 1942 ווי א דאקטאר-מעדיצין און פראקטיצירט זיין פראפעסיע אין ברוקלין.

פון 1963 ביזן סוף פון זיין לעבן איז דר. גלען געווען א מיטארבעטער פון **פארווערטס**, וואו ער האט געשריבן וועגן מעדיצינישע ענינים און האט געענטפערט לייענער אויף מעדיצינישע פראגעס.

דר. גלען האט ארויסגעגעבן צוויי ביכער **צו געזונט און לעבן**, ניו-יארק תשכ"ח, **די צוקער-קראנקהייט אין אונזער צייט**, ניו-יארק 1973.

געבינער, בנימין (יוני 25, 1898 —), געב. אין ראוונע, וואלין, אוקראינע. געלערנט אין חדר, אין א רוסישער גימנאזיע און שטודירט יורי אין די אוניווערזיטעטן פון אדעס און קיעוו.

אין 1922 געקומען קיין אמעריקע, געלערנט אויף די ארבעטער רינג לערער קורסן, זשורנאליזם און פארענדיקט אויף אדוואקאט.

געבינער האט זיך פארבונדן מיט דער יידישער ארבעטער און סאציאליסטישער באוועגונג. ער איז געווען א לערער אין די ארבעטער-רינג שולן, סעקרעטאר פון יידישן סאציאליסטישן פארבאנד, פון יידישן ארבעטער קאמיטעט, געהילפס-גענעראל סעקרעטאר און דערנאך עקזעקוטיוו-סעקרעטאר פון ארבעטער רינג, ביז ער איז אוועק אויף פענסיע אין 1970. **פון 1971 ביז 1982 איז ער געווען** לערער פון יידיש אין קווינס קאלעדזש.

געבינער האט אנגעהויבן שרייבן אין אייראפע און האט פארעפנטלעכט ארטיקלען אין **עמיגראנט**, ווארשע 1919, אין **באפרייאונג**, ארגאן פון צעירי-ציון, ווארשע 1919—1922.

אין אמעריקע האט ער זיך באטייליקט אין **דער פריינד**, חודש שריפט פון א. ר.; **דער וועקער**, וואס ער האט רעדאקטירט 1930—1934.

געבינער האט פון צייט צו צייט געשריבן אין **פארווערטס** וועגן פארשיידענע ארבעטער רינג פראבלעמען און האט אין דער צייטונג פארעפנטלעכט באשרייבונגען פון זיינע רייזעס אין

אייראָפּע, ישׂראל, דרום אַמעריקאַנישע לענדער און מעקסיקע.

געלבוים, הערש (יאַנואַר 1891 — יאַנואַר 7, 1954). געבוירן אין סאַטעניאָוו, פּאָדאָליער געגנט, אוקראַ־אינע. 1908 געקומען קיין אַמעריקע. דעביוטירט אין 1916 מיט אַ דערציילונג אין **פרייע אַרבעטער שטימע**, שפּעטער זיך באַטייליקט אין **די נייע וועלט** און **שריפטן**.

אי אונטער זיין נאָמען, אי אונטערן פּסעוודאָנים **דר. ס. מילגרוים**, פאַרעפנטלעכט אין **פאָרווערטס** אַ צאָל ראָמאַנען, צווישן זיי **מרדכי עטינגער**, וואָס איז אַרויס אין בוך פאָרעם אין ניו־יאָרק, 1926, און **די משפחה שטיינבערג**, וואַרשע, 1936, 509 זייטן.

געצאָף־זילבערמאַן, שרה (דעצעמבער 20, 1957 —). געב. אין ניו־יאָרק, ביי אַמעריקאַנער־געבוירענע עלטערן. שטודירט אין פאָלק־שול, מיטל־שול און קווינס־קאָלעדזש (1978) און באַקומען אַ מאַגיסטער־דיפּלאָם פון קאָלאָמביע אוניווערסיטעט, וואו זי האָט זיך ספּעציאַליזירט אין יידישער ליטעראַטור און אָנגעשריבן אַ שטודיע וועגן יוסף אָפּאַטאָשוס ראָמאַן **אַליין**.

יידישע לימודים: שלום עליכם שול, פּאַראיי־ניקטע מיטל־שול און צוויי יאָר אין יידישן לערער־סעמינאַר־הרצליה.

עטלעכע יאָרן געאַרבעט ווי אַן אויפפּאַסער אין קעמפּ **המשך** און צוויי יאָר די הויפּט־לערערין פון יידיש אין דער יידישער טאָג־שול אויפן נאָמען פון שלום עליכם אין מעלבורן, אויסטראַליע, און איין יאָר געווען אַ לערערין פון יידישער ליטע־ראַטור אין פראַהרען־קאָלעדזש, מעלבורן. געשריבן און געווען ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון **יוגנטרוף**.

געאַרבעט אין 1978 אין **פאָרווערטס**, וואו געשריבן נייעס און אַרטיקלען. ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן אין **פאָרווערטס** 1982 ווי אַ שרייבערין פון נייעס און אויך מיטאַרבעטערין אין דער ענגלישער אָפּטיילונג פון **פאָרווערטס**. געבליבן בלויז עטלעכע וואָכן, דאַן אָנגענומען אַ פּאָסטן אין דער בילדונגס־אָפּטיילונג פון אַרבעטער־רינג.

גראַדע, חיים (אַפּריל 4, 1910 — יוני 26, 1982), געב. אין ווילנע. געלערנט אַלגעמיינע לימודים אין ווילנער יידיש־וועלטלעכע שולן און טראַדיציאָנעלע אין די ישיבות פון ווילנע, ביעלסק, אָלקעניק, ביאַלי־סטאָק — ביי די נאָוואַרעדקער מוסרניקעס און זיבן יאָר ביים חזון־איש.

צו 22 יאָר האָט ער פאַרלאָזן די ישיבה און האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער, און אין זעלביקן יאָר, 1932, האָט ער פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע לידער אין **ווילנער טאָג**, אונטער דער רעדאַקציע פון זלמן רייזען. זיינע לידער האָבן גלייך אַרויס־גערופן אינטערעס מיט זייער פאַרוואַרצלטקייט, אומרו, אחריותדיקייט און זאָרג פאַרן גורל פון יידישן פאָלק, און מיט זייער קינסטלערישקייט. זיי האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין פּוילן, אַמעריקע און אין אַנדערע יידישע ישובים.

גראַדע האָט געדרוקט לידער אין די זאַמל־העפטן **יונג־ווילנע** און ער איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון דער דאָזיקער גאָר וויכטיקער ליטעראַרישער גרופּע. ער האָט אויך געדרוקט לידער אין די **ליטעראַרישע בלעטער**, **פאָלקסצייטונג**, וואַרשע, **צוקונפט**, ניו־יאָרק, און אין די **זאַמלביכער**, רעדאַקטירט פון י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק.

אין 1936 איז אין ווילנע אַרויס זיין ערשטע זאַמלונג לידער **יאָ** און אין 1939 איז אין ווילנע אַרויס זיין פּאָעמע **מוסרניקעס**. ביידע זאַמלונגען זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם אין דער יידישער וועלט.

אין 1940, בשעת ווילנע איז געוואָרן אַ טייל פון ליטע, איז דאָרטן אַרויס אַ זאַמלבוך **אונטער־וועגנס**, אונטער דער רעדאַקציע פון י. י. טרונק, נח פּרילוצקי און ישׂראל ראַבאָן. גראַדע האָט זיך אין זאַמלבוך באַטייליקט מיט לידער.

ווען ווילנע איז אָקופּירט געוואָרן פון דער סאָוועטישער אַרמיי, האָט גראַדע פאַרעפנטלעכט לידער אין די ווילנער און קאָוונער סאָוועטיש־יידישע צייטונגען.

ווען די דייטשן האָבן אַטאַקירט רוסלאַנד אין יוני 1941, איז ער אַנטלאָפן און ער האָט די מלחמה־יאָרן איבערגעלעבט אין צענטראַל־אַזיע. אין מאָסקווע איז דעמאָלט דערשינען זיין זאַמלונג **האָס, לידער און פּאָעמע**, 1943, 32 זייטן.

נאָך דער מלחמה האָט ער זיך אומגעקערט קיין פּוילן, דאָרטן געלעבט בערך אַ האַלב יאָר און אַרויסגעגעבן אַ פּאָעמע אויף די **חורבות**, לאָדזש 1947, און דערנאָך אויסגעוואַנדערט קיין פראַנק־רייך, וואו ער איז געווען אַקטיוו אין דעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן און האָט געשריבן

און געדרוקט לידער, און ארויסגעגעבן **דארטן פארוואקסענע וועגן**, לידער און פאעמען, 1947.

אין 1948 איז ער געקומען קיין ניו־יארק ווי א דעלעגאט צו דעם גרינדונגס־צוזאמענפאר פון יידישן קולטור־קאנגרעס, און איז געבליבן אין אמעריקע. ער האט דערנאך ארומגערייזט איבער אמעריקע און געלייענט רעפעראטן וועגן דער יידישער ליטעראטור.

ער האט פארגעזעצט זיין שרייבן און האט געדרוקט לידער און פאעמעס אין די יום־טוב נומערן פון דעם **יידישער קעמפער**, **צוקונפט** און דערנאך אין די **גאלדענע קייט**, תל־אביב, און אנדערע אויסגאבן.

ארום 1949 האט גראדע אנגעהויבן שרייבן און דרוקן פראזע אין **מארגן־זשורנאל** און שפעטער אין **טאג־מארגן זשורנאל**. אין די צייטונגען האט ער פובליקירט דערציילונגען און נאוועלן וואס זיינען אריין אין זיינע ביכער **דער מאמעס שבתים** (שיקאגא 1955), **דער שול־הויף** (נ. י. 1958), **די עגונה** (לאס־אנדזשעלעס 1961), **צמח אטלאס**, 2 בענד (לאס־אנדזשעלעס 1967־1968).

ווען דער **טאג־מארגן־זשורנאל** האט אויפגעהערט צו דערשיינען, איז גראדע געווארן א מיטארבעטער פון **פארווערטס**. כדי צו באקענען די לייענער פון **פארווערטס** מיט זיינע פריערדיקע שאפונגען, איז אין **פארווערטס** איבערגעדרוקט געווארן זיין ראמאן **צמח אטלאס** און דערנאך האט ער אין דער צייטונג פארעפנטלעכט א גרעסערע צאל נאוועלן און ראמאנען — צווישן זיי דעם ראמאן **בית הרב** — און דעם אויסערגעוויינלעכן ראמאן פון **אונטער דער ערד**, וואו עס ווערט געשילדערט דער פרואוו פון די לעבן־געבליבענע צו באנייען דאס יידישע לעבן אין ווילנע. דערביי גיט זיך אפ גראדע מיטן גורל פון די יידישע שרייבער אין רוסלאנד און באשרייבט אויף א קינסטלערישן, ווארהאפטיקן אופן זייער באגעגעניש מיט סאוועטישע יידישע שרייבערס.

א טייל פון די נאוועלן וואס גראדע האט פארעפנטלעכט אין **פארווערטס** איז אריין אין **די קלויז און די גאס**, פיר דערציילונגען, נ. י. 1974, **דער שטומער מנין**, דערציילונגען, 1976. אין דער זעלביקער צייט האט ער געשריבן לידער און פאעמעס און דערנאך האט ער אנגעשריבן א גרויסע עפישע פאעמע **תלמידי חכמים אין דער ליטע**, וואס איז פארעפנטלעכט געווארן אין די **גאלדענע קייט** (נומער 90 און 94, 1976־1977).

חוץ די פריער דערמאנטע ביכער האט גראדע אויך ארויסגעגעבן: **דורות**, לידער און פאעמעס, נ. י. 1945; **פליטים**, לידער און פאעמעס געשריבן אין ראטן־פארבאנד, 1941—1945, בוענאס איירעס, 1947; **דער מאמעס צוואה**, לידער און פאעמען, ניו־יארק 1949; **שיין פון פארלאשענע שטערן**, לידער און פאעמען, בוענאס־איירעס 1950; **דער מענטש אין פייער**, לידער און פאעמען, ניו־יארק 1962; **מוסרניקעס**, **מיין קריג מיט הערש ראסייגער**, ירושלים 1969; **אויף מיין וועג צו דיר**, לידער און פאעמעס מיט העברעאישער איבערזעצונג פון יוסף אחאי און אנדערע, תל־אביב 1969.

חיים גראדע איז געקומען אין דער יידישער ליטעראטור אנגעלאדן מיט יידישן וויסן, יידישער טראדיציע, יידישן אומרו און מיט גרויס אחריות. ער האט פרי באנומען דעם פולן באטייט וואס עס מיינט צו זיין א שרייבער ביי א צעפייניקט פאלק, דערצו נאך אין אזא תקופה ווי אונזערע.

גראדע איז א טיף־נאציאנאלער יידישער פאעט. ער האט סינטעטיזירט די אלטע און די נייע יידישקייט.

אין גרויסארטיקע געזאנגען האט ער אנטפלעקט סיי זיינע אייגענע זוכענישן, סיי דעם גרויל פון אונזער צייט. די טראגעדיע פון דעם יידישן פאלק האט געפונען זיין אויסדרוק אין זיינע לידער וואס שטעלן מיט זיך פאר א דערגרייכונג פאר אים, פאר דער יידישער ליטעראטור און פארן יידישן פאלק.

אין זיינע פראזע ווערק, וואס זיינען דורכגעדרונגען מיט פאעטישע עלעמענטן, האט ער רעסטאורירט דאס לעבן פון די יידן אין פוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. ער האט פאראייביקט אין די ראמאנען, נאוועלן און דערציילונגען יידישע געשטאלטן און עכטע יידישע ווערטן.

חיים גראדע האט אונז געגעבן דאס געזאנג און וויי פון אונזער טראגישער תקופה, דאס שווערע לעבן פון די יידן אין פוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, די ערב־צייט, און דעם גרויל פון די מלחמה און אומקום יארן.

גראדע האט זיין ראמאן „פון אונטער דער ערד" ניט פארענדיקט. צוויי בענד לידער וואס ער האט געהאט געגרייט צום דרוק האלטן ביים דערשיינען.

גראַס, נפתלי (דעצעמבער 15, 1886 — אַפּריל 8, 1956). געב. אין קאַלאָמיי, מזרח-גאַליציע. געלערנט ביי זיין פאָטער, אין חדרים, אין אַ פּוילישער שול און באַזוכט אַ גימנאַזיע.

אין 1913 אימיגרירט קיין קאַנאַדע און דריי חדשים שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע. 1917 געוואָרן אַ לערער אין די שולן פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, און שפּעטער במשך פון 15 יאָר אַ לערער אין די אַרבעטער רינג שולן. רעדאַקטירט 1928-1930 **קינדער-רינג** און די קינדער און פרויען אָפּטיילונג אין **דער פריינד**, אָרגאַן פון אַרבעטער רינג.

זיינע ערשטע לידער, פאַרעפנטלעכט אין **קאַנאַדער אָדלער**, און זינט 1915 געדרוקט לידער, מעשהלעך און עסייען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן. 1943 געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו געשריבן נייעס און אין 1947 אָנגעהויבן פּובליקירן אַ סעריע „מעשהלעך און משלים”, וואָס איז אַרויס אין בוך-פאָרעם מיט צייכענונגען פון חיים גראָס, ניו יאָרק 1955, 463 זייטן.

ער האָט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל לידער-זאַמלונגען, ווי **לידער און מעדיטאַציעס**, 1919; **לידער**, 1920; **לידער און באַלאַדן**, 1925; **אידן**, 1929. איבערגעזעצט אויף יידיש די **פינף מגילות**, נ. י. 1936, און **תהילים, מיט אַן אַריינפיר**, נ. י. 1948.

גרויבאַרט, דוד (אַפּריל 6, 1908 — אַפּריל 27, 1984), געב. אין סטאַשעוו, קעלצער געגנט, פּוילן. געלערנט ביי זיין פאָטער, הרב יהודה ליב גרויבאַרט ז״ל, דער שטאָט-רב און גרויסער למדן, מחבר פון 34 ספרים. אין 1920 איז די גאַנצע משפּחה געקומען קיין טאָראָנטאָ. שטודירט אין בית מדרש לרבנים, שיקאַגאָ, באַקומען סמיכה. ס'האָט אים געצויגן צו דער קאָנסערוואַטיווער שיטה און ער האָט אויך באַקומען סמיכה פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו יאָרק. גרויבאַרט האָט גלייכצייטיק שטודירט אין אַלגעמיינע אוניווערסיטעטן און באַקומען דאָקטאָראַט (1949) פון אינדיאַנאַ אוניווערסיטעט. ער איז פּראָפעסאָר פון רבנישער ליטעראַטור אין ספּערטוס קאָלעדזש, שיקאַגאָ, און דער הויפּט פון דעם קאָנסערוואַטיוון בית דין אין יענער שטאָט.

אָנגעהויבן שרייבן אין 1923 און פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין **אידישער זשורנאַל**, טאָראָנטאָ, **אידישער קוריער**, שיקאַגאָ, **דער אידישער רעקאָרד**, סט. לואיס, און אין פאַרשיידענע אַנגלאָ-יידישע זשורנאַלן, און אין העברעאישע צייטשריפטן. יידיש-רעדאַקטאָר פון פיל-שפּראַכיקן ווערטערבוך, אַרויסגעגעבן פון **ענסייקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ**.

אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס** זינט 1971, וואו ער האָט געשריבן וועגן יידיש-רעליגיעזע און קולטור-פראַגן, הלכה-פּראָבלעמען און וועגן חסידישע הויפן. מחבר פון עטלעכע ביכער אויף ענגליש וועגן יידישע ענינים.

גרעיסאָן, דזשעי (מערץ 1, 1899 — יוני 7, 1979). אַדאָפּטירטער נאָמען פון **יעקב אַבראַמאָוויץ**. געב. אין באָברויסק, מינסקער גוב., געלערנט אין אַ חדר און אין אַ רוסישער שול. אין 1920 איז ער דורך סיביר געקומען קיין אַמעריקע.

אין 1924 האָט ער פאַרעפנטלעכט אין **פאָרווערטס** אַ סעריע אַרטיקלען וועגן אַטאַמאַן סעמיאָנאָוו, וואָס האָט דעמאָלט באַזוכט אַמעריקע. ער האָט באַשריבן די קאַמפן וואָס דער אַטאַמאַן האָט געפירט אויפן ווייטן מזרח קעגן דער סאָוועטישער מאַכט.

קורץ נאָכדעם ווי די סעריע אַרטיקלען האָט זיך פאַרענדיקט דרוקן איז גרעיסאָן געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**. ער האָט געשריבן אַרטיקלען פון אַ לייכטן כאַראַקטער.

„אין פאַרלויף פון די יאָרן האָט ער אָנגעשריבן הונדערטער אַזוינע רעפּאָרטס, וואָס האָבן אַרויסגערופן באַוואונדערונג ניט בלויז צווישן די לעזער נאָר אויך אין דער פּראָפּעסיע.”

(הלל ראָגאָף).

אַ קורצע צייט איז ער געווען רעדאַקטאָר פון דער טעאַטער-אָפּטיילונג.

ד

דימאָוו, אָסיפּ (1878 — פעברואַר 3, 1959), פּסעוודאָנים פון **יוסף פּערעלמאַן**. געב. אין ביאַליסטאָק. געלערנט אין אַ רעאַל גימנאַזיע און אין 1894 האָט ער געענדיקט דעם וואַלד-אינסטיטוט אין פּעטערבורג.

זיין ליטעראַרישע אַרבעט אָנגעהויבן אין רוסיש אין 1892. ער האָט געשריבן הומאָרעסקעס, פעליעטאָנען, דערציילונגען און דראַמעס.

1901 אָנגעהויבן שרייבן אויף יידיש און געדרוקט אין דער **ראַמאַן־צייטונג**, וואַרשע.

אויף דער פֿאַרבעטונג פֿון באָריס טאָמאַשעווסקי איז ער אין 1913 געקומען קיין אַמעריקע, וווּ ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט דערציילונגען, הומאָרעסקעס און דראַמעס. אַ טייל פֿון זײַנע דראַמאַטישע ווערק וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין אַמעריקע האָט ער געשריבן אין יידיש און אַנדערע אויף רוסיש און זיי זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש פֿון ב. ריווקין. פֿאַר דער **פֿאָרווערטס** ראַדיאָ סטאַנציע האָט ער דראַמאַטיזירט אַ צאָל ווערק.

אין **פֿאָרווערטס** האָט א. דימאָוו פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע מעמואַרן **וואָס איך געדענק**, און זיי זײַנען דערנאָך אַרויס אין בוך־פֿאָרעם, צוויי בענד, נ. י. 1943—1945.

דינגאָל, (זלמן) סאָלאָמאָן (מערץ 15, 1887 — יוני 13, 1961). געב. אין ראַגאַטשעוו, ווײַסרוסלאַנד. געלערנט אין חדר און שפּעטער אין אַ רעגירונגס־שול. שטודירט אַ געוויסע צײַט פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין אוניווערסיטעט פֿון בערן, שווייץ.

1908 אויסגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד. פֿון דאָרטן געשריבן פֿאַרן **פֿרײַנד**, וואַרשע; **הײַנט**, וואַרשע, און מיטגעאַרבעט אין אבֿרהם רייזענס **דאָס נײַע לאַנד**, ניו־יאָרק, און **נײַער זשורנאַל**, פּאַריז. ער האָט רעדאַקטירט עטלעכע צײַטשריפֿטן אין לאָנדאָן.

1916 אָנגעקומען קיין אַמעריקע. 1917—1919 איז ער געווען געהילפֿס־רעדאַקטאָר פֿון **יידישעס טאַגעבלאַט**. אין די יאָרן 1923—1924 איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס** און רעדאַקטאָר פֿון דעם זונטיק־נומער. שפּעטער געווען לאַנגע יאָרן מיטאַרבעטער אין רעדאַקציע פֿון **טאָג**. זײַנע וועכנטלעכע אַרטיקלען **די וואָך אין יידישן לעבן** האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער זאַכלעכקייט און באַהאַוונטקייט אין די ענינים וואָס ער האָט באַהאַנדלט.

דינגאָל האָט אויך אָנגעשריבן עטלעכע דראַמעס און האָט איבערגעזעצט אַ צאָל ווערק פֿון דער וועלט־ליטעראַטור.

דלוזשנאָווסקי, משה (פֿעברואַר 22, 1906 — יוני 30, 1977). געב. אין טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק, פּוילן. געלערנט אין חדר, בית־מדרש, און געענדיקט אַ טעכנישן צייכן־קורס אין אַ טעקסטיל־שול.

דעביוטירט אין 1925 מיט אַ דערציילונג אין לאָדזשער **פֿאָלקסבלאַט**. פֿאַרעפֿנטלעכט נאָוועלן, דערציילונגען און אַרטיקלען אין פֿאַרשיידענע צײַטונגען אין פּוילן. אין 1930 אימיגרירט קיין פּאַריז און האָט פֿאָרגעזעצט שרײַבן און פֿאַרעפֿנטלעכן זײַנע שאַפֿונגען אין צײַטשריפֿטן אין וואַרשע, פּאַריז, לאָנדאָן, ניו־יאָרק.

ביים אויסברוך פֿון דער מלחמה איז ער דורך שפּאַניע און פּאָרטוגאַל געקומען קיין מאַראָקאָ און פֿון דאָרטן קיין ניו־יאָרק.

אין 1950 איז דלוזשנאָווסקי געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס** און האָט אין דער צײַטונג פֿאַרעפֿנטלעכט דערציילונגען, רייזע באַשרײַבונגען, זכרונות וועגן זײַנע באַגעגענישן מיט שלום אַש און ז. שניאור, אַרטיקלען וועגן קונסט און וועגן לעבן פֿון די יידן אין מאַראָקאָ.

דלוזשנאָווסקי האָט אין **פֿאָרווערטס** פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרעסערע צאָל ראָמאַנען, צווישן זיי: **דעם טעפּערס טעכטער**, 1951; **אַ הויז אויף וועסט ענד עוועניו**, 1953; **דער פֿאַרגעסענער מענטש**, 1955; **מאַרק העללערס ווידוי**, 1956; **די פֿאַרשלאָסענע וועלט פֿון גאָלדע אירים**, 1970; **דער שליח**, 1975; **פֿאַרשאָלטענע און געבענטשטע**, 1977; **אין שטילקייט און אין שטורעם, דער גאַסט פֿון אַ ווײַטן וועג, די שטראָף**.

דלוזשנאָווסקי האָט אויך אָנגעשריבן אַ צאָל דראַמעס, וואָס זײַנען געשפּילט געוואָרן אויף דער **פֿאָרווערטס** ראַדיאָ־שעה ווי **דער פֿאַלשער משפּט** (1952-1954), **אַ הויז אויף וועסט־ענד עוועניו** (1956-1957).

דעמבלין, ב. (סעפּט. 13, 1897 — יאַנואַר 27, 1976), פּען נאָמען פֿון יוסף טייטלבוים. געב. אין מאַדזשיץ, פּוילן, געלערנט אין חדר און שפּעטער אין בית־מדרש. אין עלטער פֿון 13 יאָר אַוועק קיין ראַדאָם, וווּ ער איז געוואָרן אַ היטלמאַכער.

אין די יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואוינט און געאַרבעט אין וואַרשע, געווען טעטיק אין בונד און אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען פֿון דער נאָדל־אינדוסטריע. סוף 1919 פֿאַרלאָזן וואַרשע און געלעבט אַרום אַ יאָר צײַט אין פּאַריז. אין 1921 אימיגרירט קיין אַמעריקע, וווּ ער איז

פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

אָנגעהויבן שרייבן אין 1916 — מיט אַ באַשרייבונג אין אַן אויסגאַבע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין וואַרשע.

פון פּאַריז האָט ער געשיקט רעפּאָרטאַזשן צו די בונדישע **לעבנס־פראַגן** אין וואַרשע.

אין ניו־יאָרק האָט ער געדרוקט דערציילונגען אין פאַרשיידענע יידישע צייטשריפטן ווי **פרייע אַרבעטער־שטימע, אידישער קעמפער, צוקונפט, אונזער צייט** און **זאַמלביכער**. אין משך פון די יאָרן 1939—1943 האָט ער מיטרעדאַקטירט די **זאַמלביכער המשך**.

אין **פאָרווערטס** האָט ב. דעמבלין פאַרעפנטלעכט אַ צאָל דערציילונגען און ראָמאַנען, צווישן זיי דעם ראָמאַן **אונטער פרעמדע הימלען**, 1970.

ב. דעמבלין איז געווען אַ פּראָדוקטיווער שרייבער און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל ביכער: **אויפן שוועל**, וואַרשע 1933; **וועסט־סייד**, ניו־יאָרק 1938; **צווי און אַ דריטער**, נ. י. 1943; **ערב נאַכט**, תל־אביב־ניו־יאָרק 1954; **צענקענדיקע ליכט**, נ. י. 1957; **אויף אייגענעם באָדן**, תל־אביב 1961; **אויף דריי קאָנטינענטן**, מעקסיקע 1963; **אין דער וועלט אַליין**, תל־אביב 1965; **אַ פרעמדע וועלט**, תל־אביב 1973.

ה

האָכשטיין, יהושע (אויגוסט 22, 1897 —), געב. אין ניו־יאָרק. שטודירט אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט און יידישע לימודים פּריוואַט. צווישן זיינע לערער איז געווען דער באַקאַנטער געלערנטער און ליטעראַטור־היסטאָריקער מאיר וואַקסמאַן. 1916—1918 געווען אַ יידיש־העברעאישער לערער אין האַוואַנאַ, קובאַ. נאָכדעם געווען אַ לערער פון שפּאַניש אין אַ מיטל־שול אין ניו־יאָרק. געווען לעקטאָר פון לאַטיין־אַמעריקאַנער געשיכטע אין קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט און אין נ. י. שטאָטישן קאַלעדזש. געווען פאַרבונדן מיטן אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט וואו ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ וועכנטלעכן נייעס־בולעטין, אויף יידיש, פאַר דער יידישער פּרעסע אין דרום־אַמעריקע.

דעביוטירט מיט קאָרעספּאָנדענציעס פון קובאַ אין **טאָג**, נ. י. 1917 און געשריבן אַרטיקלען, שטודיעס און זכרונות אין **טאָג, מאָרגן־זשורנאַל**, ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט און **צוקונפט**.

אָנגעהויבן שרייבן אין **פאָרווערטס** אין יאַנואַר 1963, מיט אַן אַרטיקל „ווי איך בין געוואָרן אַ לייענער פון **פאָרווערטס**" — אַ ביסל זכרונות לכבוד דעם 65טן יובל פון **פאָרווערטס**. דערנאָך פאַרעפנטלעכט פון צייט צו צייט אַרטיקלען אין **פאָרווערטס** וועגן יידן אַמאָל און היינט אין דער היספּאַנישער וועלט, שפּאַניע און לאַטיין־אַמעריקע, און וועגן גרים.

לעצטנס אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן די מאַראַנען־אָפּשטאַמיקע אין מאַיאָרקאַ, שפּאַניע.

האַלפּערן, דוד דוב, הרב (דעצעמבער 1915 —), געב. אין דיענדיעש, אונגאַרן.

אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין 1922. געלערנט אין דער מתיבתא תורה ודעת און אין דער ישיבת ר' יצחק אלחנן און באַקומען דאָרטן סמיכה פון ר' יאָשע־בער סאָלאָווייטשיק. אַלגעמיינע לימודים געלערנט אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, וואו באַקומען זיין באַקאַלאַוריאַט. געענדיקט די ברוקלין שול פאַר אַדוואָקאַטור.

פיר יאָר געווען רב אין עדת ישורון שול אין די בראָנקס און 36 יאָר אין „מאונט אידן צענטער", לעצטנס רב אין היברו אַלייענס שול אין ברוקלין.

צען יאָר 1970—1979 געווען פּראָפעסאָר פון סאָציאָלאָגיע אין לאָנג־איילאַנד אוניווערסיטעט.

אַקטיוו אין הסתדרות הרבנים, איגוד הרבנים. איןביידע פאַרבאַנדן איז ער געווען פּרעזידענט. אַצינד פּרעזידענט פון פּועלי־אגודת ישראל. ער איז אויך אַ מיטגליד פון דער אגודת־הרבנים.

צוזאַמען מיט אַ דעלעגאַציע האָט ער אין 1956 באַזוכט רוסלאַנד אויף דער פאַרבעטונג פון דער רעגירונג. זינט דעמאָלט האָט ער, פּריוואַט, באַזוכט רוסלאַנד אַכט מאָל.

וועגן זיינע באַזוכן אין רוסלאַנד האָט ער געשריבן סעריעס אַרטיקלען אין **טאָג־מאָרגן־זשורנאַל**. אין דער זעלביקער צייטונג האָט ער געדרוקט אַ צייט אויף ענגליש יעדן פרייטיק אַ דרשה באַזירט אויף דער סדרה פון דער וואָך.

זינט 1979 שרייבט ער יעדן פרייטיק אין **פאָרווערטס** „די סדרה פון דער וואָך".

הורוויטש, יצחק אייזיק הלוי (אַפּריל 14, 1860 — יולי 3, 1924). געב. אין ווילנע. געלערנט אין חדר

און פּריוואַט העברעאיש און תנ״ך. 1877 געענדיקט די מינסקער גימנאַזיע, שטודירט אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט אויפֿן מאַטעמאַטישן פֿאַקולטעט.

אַרעסטירט געוואָרן פֿאַר פּאָליטישער טעטיקייט אין 1881 און פֿאַרשיקט קיין סיביר. דאָרטן אויסגעפֿאָרשט די געצוואונגענע אויסוואַנדערונג פֿון די רוסישע פּויערים און די רעזולטאַטן פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַ רוסישן בוך, מאָסקווע 1888. 1887 אויסגעהאַלטן עקזאַמען אויף קאַנדידאַט פֿון יורידישע וויסנשאַפֿטן. זיך באַזעצט אין מינסק וואו אָרגאַניזירט סאָציאַליסטישע קרייזלעך צווישן די יידישע אַרבעטער.

1890 אימיגרירט קיין אַמעריקע, שטודירט אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט און אין 1893 באַקומען דאָקטאָראַט, האָצענט אין אוניווערסיטעט פֿון שיקאַגאָ, און דערנאָך אָנגעהאַלטן אַ רעגירונגס שטעלע, און שפּעטער פּראַקטיצירט אַדוואָקאַטור. 1905 צוריקגעפֿאָרן קיין רוסלאַנד, אָבער זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע.

האָט מיטגעאַרבעט מיט דער סאָציאַליסטישער און יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. געשריבן אַ לענגערע צייט אויף רוסיש — און אין 1897 אָנגעהויבן שרייבן אויף יידיש — און איז געוואָרן אַ וויכטיקער יידישער פּובליציסט. ער האָט אַ סך געשריבן פֿאַרן **פֿאָרווערטס**. בשעת ער האָט געאַרבעט פֿאַר דער רעגירונג אין וואַשינגטאָן האָט ער געשריבן אַ וועכנטלעכן **בריוו פֿון וואַשינגטאָן**.

אין 1922 האָט ער באַזוכט רוסלאַנד און ווען ער איז געקומען צוריק קיין ניו־יאָרק האָט ער פּובליקירט אין **פֿאָרווערטס** אַ סעריע אַרטיקלען וואו ער האָט באַשריבן די לאַגע אין רוסלאַנד אונטערן באָלשעוויסטישן רעזשים.

יצחק אייזיק הורוויטש האָט אַרויסגעגעבן אויף יידיש אַ צאָל וויכטיקע ווערק, צווישן זיי **יידישע פֿראַגן**, וואו ער שרייבט וועגן אַסימילאַציע, ציוניזם, נאַציאָנאַליזם, אַנטיסעמיטיזם, אינטערנאַציאָנאַליזם און וועגן יידישע פּראָבלעמען אין אַמעריקע; און **שטרייט פֿראַגן פֿון סאָציאַליזם** (2 בענד, 239 און 425 זייטן, נ. י. 1917). אין די צוויי בענד קומט צום אויסדרוק זיין קריטיק פֿון מאַרקסיזם.

„פֿון זיין פֿריסטער יוגנט אַן איז ער (הורוויטש) געווען און איז זיין גאַנץ לעבן פֿאַרבליבן אַ טרייער, איבערגעגעבענער פֿריינד פֿון אַלע אונטערדריקטע און פֿאַרפֿאָלגטע און האָט זיין גאַנץ לעבן געקעמפֿט פֿאַר פֿרייהייט און פֿאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט. ער איז געווען אַ דעמאָקראַט ניט נאָר לויט זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, נאָר אויך אין פּערזענלעכן לעבן. ער האָט קיינמאָל ניט געבלאָזן פֿון זיך און ניט געגרויסט זיך מיט זיין ווייסן איז מיט זיינע קענטענישן און געוואוסט האָט ער אַ סך. זיין גאַנץ לעבן האָט ער ניט נאָר געלערנט אַנדערע, נאָר ער האָט אויך אַליין שטודירט און כסדר באַרייכערט זיין גייסטיקן באַגאַזש.

יצחק אייזיק הורוויטש איז אָן צווייפֿל געווען איינער פֿון די געבילדעטסטע רוסישע יידן אין אַמעריקע, און אַ שיינע, רייכע פּערזענלעכקייט.“

(דוד שוב)

הורוויץ, חיים אברהם (נאָוועמבער 15, 1893 — סעפּטעמבער 18, 1952). באַקאַנט ווי **חיים וויטאַל**. געב. אין סמאָרגאָן, ווילנער געגנט. געלערנט אין דער לידער ישיבה, שפּעטער זיך באַזעצט אין ארץ ישראל, וואו געלערנט אַלגעמיינע לימודים.

אין די יאָרן 1915—1924 געלעבט אין בולגאַריע און שוועדן און געשריבן פֿאַר העברעאישע צייטשריפֿטן אין וואַרשע און ניו־יאָרק. אין 1924 זיך באַזעצט אין וואַרשע, וואו פֿאָרגעזעצט זיין זשורנאַליסטישע אַרבעט. אין 1937 אָנגעהויבן שרייבן קאָרעספּאָנדענציעס פֿאַרן **פֿאָרווערטס**. 1941 געקומען קיין ניו־יאָרק וואו געוואָרן אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס**. ער האָט געשריבן אַרטיקלען וועגן פֿאַרשיידענע צייטפֿראַגן און פֿאַרעפֿנטלעכט אָפּהאַנדלונגען וועגן פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע טוער און שרייבער, און אויך אינטערוויואירט וויכטיקע פּערזענלעכקייטן.

אין בוך־פֿאָרעם אַרויסגעגעבן: חיים א. הורוויץ (ח. וויטאַל) **דוד בן גוריון — ערשטער פּרעמיער פֿון ישראל**, מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון הלל ראָגאָף, ניו־יאָרק 1952, 243 זייטן.

הורוויץ, מאיר (סעפּטעמבער 22, 1913 — יולי 28, 1983), געב. אין בערעזין, מינסקער גובערניע.

אין 1922 איז הורוויץ געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער האָט געלערנט אין אַלגעמיינע שולן, אין אַן אַרבעטער־רינג שול, אין יידישן לערער־סעמינאַר און אויף די לערער־קורסן פֿון אַרבעטער רינג. 1941 אוועק דינען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און דורכגעמאַכט די מלחמה ווי אַ פּאַראַשוטיסט.

במשך פון דער מלחמה האָט ער געשריבן אין פאָרווערטס מלחמה רעפּאָרטאַזשן וואָס זיינען שפּעטער אַרויס אין בוך־פאָרעם — איבערלעבונגען פון אַ יידישן פאַראַשוטיסט (נ. י. 1948).

ער האָט אויך געאַרבעט ווי אַ רעפּאָרטער אין מאָרגן־זשורנאַל און האָט זיך באַטייליקט אין קינדער־זשורנאַל, קינדער־צייטונג, קולטור און דער־ציאונג, יידישע שפּראַך און ייוואָ־בלעטער.

הילקוויט, מאָריס (אויגוסט 1, 1869 — אָקטאָבער 7, 1933). אַדאָפּטירטער נאָמען פון מ. הילקאָוויטש. געב. אין ריגע, ביי אַ פאַמיליע וואו די אומגאַנג־שפּראַך איז געווען דייטש. ער האָט געלערנט אין אַ רוסישער גימנאַזיע.

אין 1886 איז ער געקומען קיין אַמעריקע, באַזוכט אַ מיטל־שול און שפּעטער שטודירט יוריספּרודענץ און איז געוואָרן אַן אַדוואָקאַט (1893).

ווען הילקוויט איז געקומען קיין אַמעריקע איז ער געוואָרן אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, זיך אויסגעלערנט יידיש און פלעגט אָפט האַלטן רעדעס און לייענען לעקציעס אויף יידיש.

ער איז געווען אַ מיטגרינדער פון דער וועכנט־לעכער אַרבעטער־צייטונג און האָט אין דער וואָכנשריפט געשריבן לייט־אַרטיקלען, אַרטיקלען וועגן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און אַ סעריע „געשיכטלעכע בילדער". ער האָט אויך געדרוקט לידער וואָס האָבן אויסגעדריקט זיינע סאָציאַליסטישע אידעען. אין דער צוקונפט האָט הילקוויט געדרוקט פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען.

ער איז אויך געווען איינער פון די מיטגרינדער פון פאָרווערטס און האָט אָפט געשריבן אַרטיקלען אויף אַקטועלע טעמעס.

הילקוויט האָט זיך דערווייטערט פון דער יידישער סביבה און ער איז געוואָרן אַקטיוו אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואו ער האָט פאַרנומען זייער אַ וויכטיקן אָרט.

הילקוויט'ס מיין לעבנס־געשיכטע, וואָס ער האָט געשריבן אויף ענגליש, איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש און איז געגאַנגען אין המשכים אין פאָרווערטס.

ווי עס שרייבט מ. אָשעראָוויטש אין זיין געשיכטע פון פאָרווערטס (זייט 210), איז די אויטאָביאָגראַפיע איבערגעזעצט געוואָרן פאַרן פאָרווערטס פון לעאָן קרישטאָל. אין בוך פאָרעם איז עס דערשינען אין יידיש אין 1935 און עס ווערט אויפן שער־בלאַט אָנגעגעבן „דערציילט פון אים אַליין און איבערגעזעצט פאַרן פאָרווערטס פון א. מילמאַן."

אַ צאָל פון הילקוויטס שטודיעס זיינען אַרויס אין יידישע איבערזעצונגען: די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איבערגעזעצט פון הלל האָגאָף, צוויי בענד, נ. י. 1919; די אַרבעטער און דאָס געזעץ, נ. י. 1917; דער סאָציאַליזם, זיינע אָנזיכטן, צילן און וועגן, שיקאַגאָ; פון מאַרקס ביז לענין, איבערגעזעצט פון ד. קאַפּלאַן, נ. י. 1923.

מאָרים הילקוויט'ס מיין לעבנס־געשיכטע איז, לויט מ. אָשעראָוויטש, „אַ ווערק וואו אויפן הינ־טערגרונט פון דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן אין אַמעריקע ווערט געגעבן אַ ברייטע שילדערונג פון פערציק יאָר סאָציאַליסטישן קאַמף."

אין דעם אַריינפיר־וואָרט פון פאַרלאַג „וועקער" פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד (נ. י. 1935) ווערט געזאָגט:

„מאָרים הילקוויט איז געווען דער דענקער, דער קלאָרסטער קאָפּ אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. פון נאַטור אַ שטילער, איז זיך פאַרשלאָסענער מענטש, האָבן אים אַ סך באַטראַכט פאַר אַ מענטשן אַ טרוקענעם. איז דער ווירקלעכקייט אָבער איז ער געווען אַן אויסער־געוויינלעכער האַרציקער מענטש.

„אַ שיינעם און בכבודיקן פּלאַץ אין דעם בוך פאַר־נעמט דער יידישער עמיגראַנטן און אַרבעטער לעבן, די ליידן פיזישע און גייסטיקע, וואָס דער יידישער אַרבע־טער אימיגראַנט האָט דורכגעמאַכט אין די ערשטע יאָרן דאָ אין לאַנד, זיין העלדישער קאַמף, זיין אידע־אַליזם פאַר אַ בעסערן און ליכטיקן מאָרגן."

הירשהויט, יחיאל (סעפּט. 2, 1908 — מערץ 20, 1983), געב. אין דראָהאָביטש, מזרח גאַליציע. געלערנט אין גימנאַזיע און שטודירט אין לעמבערגער אוניווער־סיטעט וויסנשאַפט און פּאָליטישע עקאָנאָמיע, וואו ער האָט באַקומען אַ מאַגיסטער־דיפּלאָם. שטודירט אויך אין העברעאישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין לעמבערג.

די צייט פון דער נאַצי־דייטשער אָקופּאַציע דורכגעמאַכט אין פּוילן. אין 1946 עמיגרירט קיין פראַנקרייך און אין 1951 אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

אָנגעהויבן שרייבן אין 1929 אין פּוילישן חודש־

זשורנאל **נארוד**, דערנאך געדרוקט ארטיקלען און אפהאנדלונגען אין **היינט**, ווארשע; **דער אמת**, ווארשע; **דער קאמף**, לעמבערג.

נאך דער מלחמה געווען גרינדער און רעדאקטאר פון דער וואכן־צייטונג **איחוד** (לאדזש).

אין פאריז רעדאקטירט **די ציוניסטישע שטימע**, **די זאמל־העפטן ווידערגעבורט**, **אונזער וועג**. פארעפנטלעכט אין פאריזער חודש־זשורנאל **קיום** סעריעס־אפהאנדלונגען וועגן **פראבלעמען פון וואר־שעווער געטא־אויפשטאנד**, **חורבן ליטעראטור ביי דייטשן און פאלאקן און יידן**.

אין אמעריקע זיך באטייליקט אין **אמעריקאנער און צוקונפט**. פון 1972 ביז זיין טויט אין הירשהויט געווען רעדאקטאר פון דער **צוקונפט** און פרעזידענט פון יידישן פען־צענטער.

אין בוך **פארעם** האט ער ארויסגעגעבן **פינצטערע נעכט אין פאוויאק**, בוענאס איירעס 1948; **יידישע נאפט־מאגנאטן**, בוענאס איירעס 1954; פארעפנטלעכט שטודיעס וועגן ד"ר יצחק שיפער און מאיר באלאבאן, **פון נאענטן עבר**, 1955 און 1959, **אין גאנג פון דער געשיכטע**, תל־אביב 1984.

אין **פארווערטס** האט י. הירשהויט פארעפנטלעכט א צאל דערציילונגען וואס זיינען אריין אין זיין בוך **דער ניגון פון נעכטן**, תל אביב 1978; זיין נאוועלע **דער ריטמייסטער** איז פארעפנטלעכט געווארן אין המשכים אין **פארווערטס** אין 1982.

העלד, אדאלף (מאי 17, 1885 — מאי 14, 1969). געבוירן אין באריסלאוו, מזרח־גאליציע. געקומען אין אמעריקע אין 1893. געלערנט אין פאלקס־שול, מיטל־שול און געענדיקט ניו יארקער סיטי קאלעדזש אין 1906.

אקטיוו אין דער יידישער און אלגעמיינער ארבעטער־באוועגונג און אין יידישן געזעלשאפט־לעכן לעבן. 1920—1925 דירעקטאר פון האיאס אין אייראפע. 1925—1945 פרעזידענט פון אמאל־געמייטעד באנק. פארוואלטער פון וואוילשטאנד אפטיילונג פון דער פרויען־קליידער יוניאן (אינטערנעשאנאל). פרעזידענט פון פארווערטס־אסאציאישאן און פון יידישן ארבעטער־קאמיטעט. פארוואלטער פון **פארווערטס** 1912—1917 און 1962—1969.

אין די יארן 1907—1921 געווען נייעס־רעדאקטאר פון **פארווערטס**. האט אויך געשריבן אין **פארווערטס** ארטיקלען וועגן יידישע און אלגעמיינע פראגן און א סעריע ארטיקלען וועגן זיין באזוך אין רוסלאנד אין די צוואנציקער יארן.

הענדין, אברהם לייב (נאוועמבער 25, 1895 — מאי 22, 1980). האט געשריבן אונטערן נאמען **ל. העגדין**. געבוירן אין סוראזש, טשערניגאווער געגנט, אוקראינע. געלערנט אין חדר־מתוקן און רוסישע פאלקס־שול. 1913 געקומען קיין אמעריקע. געענדיקט דענטיסטן קאלעדזש אין באלטימאר. 1934 איז ער געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער פון **פארווערטס**. זיבן יאר איז ער געווען דער רעדאקטאר פון ארבעטער ענינים.

הלל ראגאף האט געשריבן, אז „העגדין איז געווען גוט באקאנט מיט די פרואוון פון די קאמוניסטן צו שפאלטן דעם ארבעטער רינג און צו פארכאפן פארשיידענע צווייגן פון דער יידישער ארבעטער באוועגונג" און וועגן דעם האט ער א סך דערציילט און געשריבן און האט אזוי ארום געהאלפן אין דעם קאמף מיט די קאמוניסטן.

אין די שפעטערדיקע יארן האט העגדין געשריבן וועגן פאליטישע און עקאנאמישע פראגן און האט אויך געשריבן עדיטאריאלס.

העפטערמאן, אברהם, הרב (אויגוסט 19, 1897 — יולי 15, 1981). געב. אין נעמיראוו, אוקראינע, געלערנט אין בית־מדרש פון הרב צירלסאן אין קעשינעוו און דארטן באקומען סמיכה אויף רבנות.

אין 1926 האט ער אימיגרירט קיין אמעריקע און איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין מאנטשעסטער, ניו־העמשיר. שפעטער איז ער אויפגענומען געווארן ווי א רב אין ניו־הייווען און האט דארטן אנגעהאלטן זיין שטעלע ביזן סוף פון זיין לעבן.

אין 1950 איז ער געווארן א מיטארבעטער פון **פארווערטס**, וואו ער האט וועכנטלעך געדרוקט ארטיקלען וועגן אויסטערלישע געשעענישן אין יידישן לעבן אויף דער אמעריקאנער פראווינץ, האט געשילדערט טשעקאווע יידישע טיפן, און האט געמאלן בילדער ווי אזוי יידן האבן זיך צוגעפאסט צום לעבן אין פארווארפענע שטעטלעך וואו עס עקזיסטירן קליינע קהילות. א טייל פון די ארטיקלען איז אריין אין זיין בוך **אזוי לעבן יידן, רבנים, ראביים און סתם יידן אין אמעריקאנער כתרילעווקע**, תל־אביב 1963, 382 זייטן.

הערץ, יעקב שלום (אויגוסט 6, 1893 —). געב. אין דובינקע, לובלינער געגנט. פון קינדהייט אָן געלעבט אין וואַרשע, געלערנט אין חדר, גימנאַזיע און פּריוואַט. אַרום 1914 געוואָרן אַקטיוו אין **בונד**. 1919—1939 רעדאַקטירט צוויי וואָכן־בלאַט — **סאָציאַליסטישע יוגנט־שטימע** און **וועקער**. 1922—1939 רעדאַקציע מיטאַרבעטער פון **פאָלקסצייטונג**.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, אַוועק פון וואַרשע, געלעבט אין ווילנע און אין 1940 אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. 1941 געווען רעדאַקציע מיטגליד פון חודש־זשורנאַל **אונזער צייט** און זינט 1977 דער רעדאַקטאָר.

אין אַמעריקע האָט הערץ אָנגעשריבן אַ גרע־סערע צאָל ביכער, צווישן זיי: **50 יאָר אַרבעטער־רינג אין יידישן לעבן** (נ. י. 1950), און **די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע** (נ. י. 1954), מיטרעדאַקטירט אַ צאָל ביכער, צווישן זיי די פינף בענד **געשיכטע פון בונד** 1960, פאַר וועלכער ער האָט געשריבן אַ גרעסערע צאָל שטודיעס.

הערץ האָט געשריבן אין **פאָרווערטס** פּובלי־ציסטישע אַרטיקלען אין די יאָרן 1941—1948, סיי אונטער זיין נאָמען, סיי אונטערן פּען־נאָמען **י. האַרט**. אין 1984 באַקומען די אַטראַן פּרעמיע.

ו

וואָהלינער, א. (נאָוו. 10, 1877 — אַפּריל 20, 1942). פּען נאָמען פון **אליעזר לאַנדוי**. געב. אין אַלט־קאָנסטאַנטין, אוקראַינע. געענדיקט אַ יידישע פאָלק־שול און שפּעטער געלערנט ווי אַן עקסטערן אין זשיטאָמיר. אימיגרירט קיין אַמעריקע אין 1902.

דעביוטירט מיט לידער און פּראָזע אין 1903.

וואָהלינער איז אַ געוויסע צייט — נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע — געווען רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַטור אָפּטיילונג פון **פאָרווערטס**, האָט אויך געשריבן נייעס פאַר דער צייטונג. שפּעטער האָט ער מיטגעאַרבעט און רעדאַקטירט אַ צאָל צייטשריפטן אין ניו־יאָרק, באָסטאָן, מאָנטרעאַל און לאָס־אַנדזשעלעס.

ער האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט מיט זיינע פעליעטאָנען, וואָס ער האָט געדרוקט אין **קונדס**.

אין בוך־פאָרעם האָט ער אַרויסגעגעבן **גיפט און גאַל**, אַ זאַמלונג פעליעטאָנען, נ. י. 1909, און צוזאַמען מיט יעקב מאַרלאָוון רעדאַקטירט **הומאָר און סאַטירע**, דריי בענד, נ. י. 1912, און איז געווען מיטרעדאַקטאָר פון **ענגליש־אידישעס־ענציקלאָפּע־דישעס ווערטערבוך**, נ. י. 1915.

וואָלפסאָן, אפרים לייב (יאַנואַר 16, 1867 — אָקט. 1, 1946). געב. אין ריגע, לעטלאַנד, געלערנט אין חדר.

אין 1889 אימיגרירט קיין אַמעריקע, געוואוינט אַ צייט אין פילאַדעלפיע, וואו געאַרבעט ביי פאַר־שיידענע מלאכות. שפּעטער געאַרבעט אין די אַדמי־ניסטראַציעס פון **די וואַרהייט** און **מאָרגן זשורנאַל**. אין 1896 אָנגעהויבן דרוקן סאַטירישע לידער אין **דער פרייע אַרבעטער שטימע, אַרבעטער צייטונג, אָבענד־בלאַט** און אין לאָקאַלע אויסגאַבעס אין פילאַדעלפיע. 1908 רעדאַקטירט דריי נומערן פון אַ הומאָריסטישער וואָכנשריפט אין פילאַדעלפיע.

אין משך פון 26 יאָר האָט וואָלפסאָן פאַר־עפנטלעכט יעדע וואָך אויף דער הומאָריסטישער זייט פון **פאָרווערטס** זיינע **לוסטיקע לידער**, וואו ער האָט זיך אָפּגערופן אויף פאַרשיידענע געזעל־שאַפטלעכע ענינים און געשעענישן.

וויזעל, אליעזר (אָקטאָבער 14, 1928 —). געב. אין מאַרמאַראָש סיגעט, טראַנסילוואַניע. געלערנט אין אַ חדר און ישיבה.

אין 1944 פאַרשיקט געוואָרן פון די דייטשן צוזאַמען מיט אַלע יידן אין אונגאַרן אין קאָנצענט־ראַציע־לאַגערן. ער איז געווען פאַרשיקט אין ביר־קענאַו, אוישוויץ, בונאַ און בוכענוואַלד.

נאָך דער באַפרייאונג געלעבט אין פּאַריז, וואו ער האָט געלערנט פראַנצויזיש.

וויזעל האָט דעביוטירט מיט אַ נאָוועלע **אַ באַגעגעניש און ציון אין קאַמף**, פּאַריז 1947, דערנאָך געדרוקט דערציילונגען, רעצענזיעס, רייזע איינדרוקן און פּובליציסטיק אין **אונזער וואָרט, דער וועג, טעאַטער־שפּיגל** — אַלע אין פּאַריז. זיך אויך געדרוקט אין **מאָרגן־זשורנאַל** און **אַמעריקאַנער** — ביידע אין ניו־יאָרק. אין **אַמעריקאַנער** האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ ראָמאַן **שטילע העלדן**.

אין 1956 איז וויזעל געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין „**פאָרווערטס**", וואו ער האָט געשריבן נייעס און פּובליציסטישע אַרטיקלען.

זיין ערשט בוך **און די וועלט האָט געשוויגן** איז אַרויס אין בוענאָס איירעס אין 1956 און עס ווערט פאַררעכנט ווי זיין וויכטיקסטע שאַפונג —

און פאַר איינעם פון די בעסטע ווערק וועגן חורבן. אונטערן נאָמען **נאַכט** איז עס אַרויס אין פראַנצויזישע און ענגלישע איבערזעצונגען.

זינט דעמאָלט האָט וויזעל אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן אויף פראַנצויזיש און ענגליש אַ גרעסערע צאָל ביכער. די מערסטע גיבן זיך אָפּ מיט די איבערלעבענישן אין צייט פון אומקום.

ווײַנזאַפּט, פּנחס. געב. אין זבאַרזש, מזרח־גאַליציע. פאַרענדיקט אַ פּוילישע גימנאַזיע. שטודירט מעדיצין אין פּאַריז, וואו באַקומען דיפּלאָם פון דאָקטער־מעדיצין.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרויסגעפאָרן קיין קאַסאַבלאַנקאַ, מאַראָקאָ. 1941 אָנגעקומען קיין אַמעריקע און באַקומען די רעכט צו פּראַקטיצירן מעדיצין, און זיך ספּעציאַליזירט אין אינערלעכער מעדיצין. פּראַקטיצירט פּריוואַט, דערנאָך אין וועטעראַנען שפּיטאָל אין ניו־יאָרק. געווען דאָרטן געהילף־מעדיציני שער דירעקטאָר און שפּעטער זעקס חדשים אַמטירנדיקער דירעקטאָר.

אין די יאָרן 1961—1979 געווען פאַרבונדן מיטן יידישן שפּיטאָל פאַר עלטערע מענטשן — וואָס הייסט אַצינד „מעטראָפּאָליטאַנער גערי אַטרישער יידישער צענטער". דערנאָך זיך צוריקגעצויגן פון דעם צענטער און איבערגעגאַנגען צו פּריוואַטער פּראַקטיק פון געריאַטריק (מעדיצין פאַר עלטערע מענטשן).

זינט 1974 אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער שרייבט אויף מעדיצינישע טעמעס און ענטפערס לייענער וועגן געזונט־פראַגן.

ווײַנשטיין, בערנאַרד (יולי 10, 1866 — אַפּריל 23, 1946), געב. אין אָדעס.

אימיגרירט קיין אַמעריקע מיט אַן **עם־עולם** גרופּע אין 1882. איז גלייך געוואָרן אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. פון 1888 ביז 1915, מיט הפסקות, געווען סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן.

ווײַנשטיין איז געווען אַ מיטגרינדער פון דער **אַרבעטער־צייטונג** און איז געווען אַ מיטאַרבעטער. איבערגעזעצט פון רוסיש און צונויפגעשטעלט דעם בריוו־קאַסטן, געשריבן אויך אין **אַבענד־בלאַט** און שפּעטער געשריבן פאַרן **פאָרווערטס**. ער איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פון **צייט־גייסט** (1905-1908) און **וועקער**. אין די אַלע צייטשריפטן האָט ער געשריבן וועגן אַרבעטער־פראַגן. דורך די אַלע יאָרן האָט ער פאָרגעזעצט זיין הויפּט־אַרבעט — העלפן אָרגאַניזירן יוניאָנס — און אָנפירן מיט טרעיד־יוניאָן אַרבעט.

ב. ווײַנשטיין איז דער מחבר פון די וויכטיקע ביכער **פערציק יאָר אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג**, נ. י. 1924, און **די יידישע יוניאָנס אין אַמעריקע**, נ. י. 1929.

ווייס, שמואל (סעפּטעמבער 6, 1897 —), אַדאָפּטירטער נאָמען פון **שמואל ווייסברויט**. געב. אין פּולאַוו, לובלינער געגנט. געלערנט אין חדר. צו דרייצן יאָר געוואָרן אַ שניידער־געזעל.

אין 1918 אויסגעוואַנדערט קיין אונגאַרן, שפּעטער קיין דייטשלאַנד און קובאַ, און אין 1924 געקומען קיין ניו־יאָרק. זיך געלערנט אין יידישן לערער־סעמינאַר און איז געוואָרן אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג. געווען אַן אָנגעשטעלטער אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן 1944—1950.

אין 1935 האָט ווייס אָנגעהויבן שרייבן אין **פרייע אַרבעטער שטימע**, וואו ער האָט געשריבן וועגן טרעיד יוניאָנס. 1936—1940 געווען רעדאַקטאָר פון די **סאָציאַליסטישע שטימע**, די צייטשריפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, מיטגעאַרבעט אין **אונזער צייט**, און זינט 1942 איז ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **וועקער**, וואו ער שרייבט אין יעדן נומער אַן אַרטיקל וועגן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און אַרבעטער־פּראָבלעמען.

ש. ווייס האָט, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, זינט 1940 געדרוקט אַרטיקלען וועגן אַרבעטער־ענינים אין **פאָרווערטס**.

אין די יאָרן 1968—1978 איז ער געווען דער פאַרטרעטער פון **פאָרווערטס** אין לאָס־אַנדזשעלעס און ער האָט געשריבן אַרטיקלען וועגן יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטאָט.

פאַר דער **אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע**, סעריע יידן, באַנד ה', האָט ש. ווייס אָנגעשריבן אַן אַרבעט וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע.

ווײַנרייך, מאַקס (אַפּריל 22, 1894 — יאַנואַר 29, 1969), געב. אין גאָלדינגען, קורלאַנד. געלערנט אין אַ מאָדערניזירטן חדר, אין אַ רוסישער פּריוואַטער

גימנאַזיע. 1912 אָנגעקומען אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. 1919—1923 שטודירט אין בערלין און מאַרבורג, און אין 1923 באַקומען דאָקטאָראַט פון וועגן יידישער פילאָלאָגיע.

ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין דער בונדישער צייטונג **די האָפענונג**, ווילנע 1907, און האָט אַ סך געשריבן און איבערגעזעצט אויף יידיש. דעצ. 1917 רעדאַקטירט דעם **וועקער** אין מינסק. 1923 זיך באַזעצט אין ווילנע, וואו געוואָרן אַ לערער אין יידישן לערער־סעמינאַר. שפּעטער געווען איינער פון די גרינדער פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — **ייוואָ**.

אין 1919 האָט וויינרייך אָנגעהויבן שרייבן פאַרן **פאָרווערטס** און זיינט דעמאָלט געדרוקט פּאָפּולערע אַרטיקלען וועגן צייט־פּראָבלעמען און קאָרעספּאָנדענציעס. אַזוי איז וויינרייך געווען דער **פאָרווערטס**־קאָרעספּאָנדענט אויף דער היסטאָרישער גענוא קאָנפערענץ, וואו ער האָט יעדן טאָג געשיקט באַריכטן און ער האָט געהאַט שמועסן מיט מאַקסים ליטווינאָוו, כריסטיאַן ראַקאָווסקין, וואָס האָבן אים געגעבן אַרטיקלען ספּעציעל פאַרן **פאָרווערטס**. ער האָט אויך געמאַכט פאַרבינדונגען מיט ג. טשיטשערינען, דעם קאָמיסאַר פאַר אויסלענדישע ענינים און געהאַט מיט אים אינטערוויוען פאַרן **פאָרווערטס**.

וויינרייך האָט געשריבן פאַרן **פאָרווערטס** לענגערע סעריעס אַרטיקלען וועגן היסטאָרישע פיגורן און וועגן שרייבער.

זיינע קאָרעספּאָנדענציעס, אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען האָט ער אונטערגעשריבן אי מיט זיין ריכטיקן נאָמען, אי מיט זיינע פּסעוודאָנימען — **שרה ברענער, יוסף פּערל און א. בערמאַן.**

פון זיינע סעריעס אין **פאָרווערטס** זיינען אַרויס אין בוך־פאָרעם: **שטורעמווינט — בילדער פון דער יידישער געשיכטע אין 17טן יאָרהונדערט** (1927) און פון בײדע זייטן פּלויט — **דאָס שטורעמדיקע לעבן פון אורי קאָוונערן — דעם ניהיליסט** (1955).

זיין הויפּט־אַרבעט איז אָבער געווען די יידישע שפּראַך־פאָרשונג. זיינע פיר בענד געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך ווערן פאַררעכנט פאַר די וויכטיקסטע אויף דעם פעלד.

וויכנין הלל (אָקט. 17, 1879 — סעפּט. 13, 1942), געבוירן אין דרויע, ווילנער געגנט, געלערנט אין חדר, אין אַ פאָלקשול אין דרויע און אין אַ ישיבה אין ווילנע. אַ צייט געווען אַ לערער אין אַ דאָרף לעבן זיין היים־שטעטל.

1904 געקומען קיין אַמעריקע. אין די יאָרן 1904—1909 מיטגעאַרבעט אין **פאָרווערטס**, וואו געשריבן נייעס, אַרטיקלען, דערציילונגען און איבערזעצונגען פון דער רוסישער ליטעראַטור. שפּעטער געאַרבעט פאַר דער טאָג־צייטונג **וואַרהייט** און פילאַדעלפיער **די אידישע וועלט**.

ווילק אברהם (מאַי 1, 1913 —), אַדאָפּטירטער נאָמען פון **אַרטור הערמאַן**. געב. אין קאָברין, בריסקער קרייז (פּאָלעסיע). יידישע לימודים געלערנט פּריוואַט. אַלגעמיינע לימודים געלערנט און גראַדויִרט פון אַ פּוילישער רעגירונגס־גימנאַזיע אין 1931. אין 1933 אַוועק קיין זשענעווע, וואו שטודירט אויפן יורידישן פאַקולטעט פון זשענעווער אוניווערסיטעט און באַקומען אַ דיפּלאָם פון מאַגיסטער־יורי (1939).

אין זשענעווע אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט ווי אַן אַקרעדיטירטער קאָרעספּאָנדענט אין דער פעלקער־ליגע פאַרן **מאָמענט** (וואַרשע) און אין 1937 ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור (איטאַ).

אין די מלחמה־יאָרן האָט ער, דורך דער איטאַ, פאַרעפנטלעכט אין דער יידישער פּרעסע נייעס און באַריכטן וועגן דער פאַרניכטונג פון די יידן אין דער אָקופּירטער אייראָפּע.

סוף 1956 האָט ער מיט אַן אָפיציעלער פּוילישער דעלעגאַציע באַזוכט לאָאָס, וויעטנאַם און קאַמבאָדיע. שפּעטער האָט ער דעם דאָזיקן באַזוך באַשריבן אין **פאָרווערטס**. אין מערץ 1967 געקומען ווי אַ טוריסט קיין אַמעריקע און איז געבליבן דאָ. אין יולי 1967 געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער שרייבט נייעס און אַרטיקלען וועגן אַקטועלע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע ענינים. די לעצטע יאָרן איז ווילק דער נייעס־רעדאַקטאָר פון **פאָרווערטס** און זעצט פאָר זיין אַלגעמיינע זשורנאַליסטישע אַרבעט.

אין די יאָרן 1973—1979 איז א. ווילק געווען פּרעזידענט פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין.

ווינאָגראַד מ. (דעצ. 5, 1906 — יוני 12, 1973), געב. אין שעדלעץ, דערצויגן געוואָרן אין וואָלאָמין,

לעבן וואַרשע, געלערנט אין חדר און אַליין שטודירט אַלגעמיינע לימודים. אין 1929 האָט ער אימיגרירט קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק.

אָנגעהויבן שרייבן לידער אין 1923 און זיי פאַרעפנטלעכט אין **פאָרווערטס, פרייע אַרבעטער שטימע, דאָס וואָרט** און **די פעדער**.

אין 1925 האָט מ. ווינאָגראַד באַגלייט אַב. קאַהאַנען אויף זיין רייזע קיין ארץ־ישראל, ווי זיין סעקרעטאַר. נאָך זייער צוריקקער איז ער פאַרבעטן געוואָרן צו ווערן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. אין 1926 איז ער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער ספּעציעלער קונסט־בײלאַגע, וואָס איז געדרוקט געוואָרן יעדן זונטיק.

„...ווינאָגראַד האָט דערהויבן די קונסט־בײלאַגע פון פאַרווערטס צו אַ הויכן ניוואָ דורך זיין אויסוואַל פון בילדער און דורך זיינע טרעפלעכע אונטערשריפטן.“ **(ה. ראָגאָף)**

ווינאָגראַד האָט אַרויסגעגעבן צוויי קליינע זאַמלונגען לידער **מיינע יאָרן**, ניו־יאָרק 1925, 36 זייטן, און **טאַנץ, געזאַנג און פייַ**, נ. י. 1929, 63 זייטן.

ווינטשעווסקי, מאָריס (אויגוסט 9, 1856 — מערץ 18, 1932), פסעוודאָנים פון **ליפּע בן ציון נאָוואַכאָוויטש**. געב. אין יאַנאָווע, קאָוונער גוב. אין 1861 האָט זיך די משפחה אַריבערגעקליבן קיין קאָוונע.

געלערנט אין חדר און ביי זיין פאָטער, און צוויי יאָר געלערנט אין דער רוסישער רעגירונגס־פאָלקסשול. אַ האַלב יאָר, אין 1870, האָט ער געלעבט אין ווילנע, וואו ער האָט דורך מענדעלסאָנס **ביאור** זיך אויסגעלערנט דייטש. זיך דערנאָך אומגעקערט קיין קאָוונע, און פון דאָרטן איז ער אַוועק קיין אָריאָל, וואו ער האָט צוויי יאָר געאַרבעט אין אַ באַנק. דאָרטן געלייענט די ווערק פון טשערנישעווסקין, פּיסאַרעווען און לאַווראָווען. אין אַריאָל האָט ער אָנגעהויבן שרייבן און אָפּגעדרוקט עטלעכע זאַכן אין העברעאישן זשורנאַל **המגיד** (1873, 1874).
אין 1875 איז ער צוריקגעקומען קיין קאָוונע און דערנאָך אַוועק קיין קעניגסבערג. ווען אהרן ליבערמאַן האָט אַרויסגעלאָזן זיין אויפרוף „אל שלומי בחורי ישראל“ — האָט ווינטשעווסקי זיך פאַרבונדן מיט אים און צוגעגרייט אַ ליד פאַר זיין זשורנאַל **האמת**, אָבער דער זשורנאַל איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. ווינטשעווסקי איז אין קעניגסבערג געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער העברעאישער וואָכנבלאַט **הקול** און דעם 26סטן אָקטאָבער 1877 האָט ער אין דעם יידישן **קול לעם** פאַרעפנטלעכט זיין ערשטן פעליעטאָן אין יידיש. ווינטשעסקי האָט אין קעניגסבערג רעדאַקטירט דעם העברעאישן זשורנאַל **אספת חכמים** און האָט אויך געשריבן פאַר דער צייטונג פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי **פאָרווערטס**.

ווינטשעווסקי איז אַרעסטירט געוואָרן אין קעניגסבערג אין נאָוועמבער 1878, ווייל מען האָט ביי אים געפונען בריוו פון אהרן ליבערמאַן. אין תפיסה איז ער געזעסן ביזן 16טן מערץ 1879 — דערנאָך איז ער אָפּגעפאָרן קיין קאָפּענהאַגען, פון דאָרטן קיין לאָנדאָן און דערנאָך קיין פאַריז, וואו ער האָט זיך באַקענט מיט פּ. לאַווראָוון. אין סעפּטעמבער 1879 איז ער צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן און איז דאָרטן פאַרבליבן פופצן יאָר.

אין יולי 1884 האָט ווינטשעווסקי אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ צייטונג **„דער פוילישער יידל“** — שפּעטער געענדערט דעם נאָמען אויף **די צוקונפט**. אין זיין צייטשריפט האָט ווינטשעווסקי געשריבן אונטערן נאָמען **בן־נץ** געשיכטלעכע באַשרייבונגען, דערציילונגען, פעליעטאָנען, ראָמאַנען, לידער און איבערזעצונגען.

אין 1885 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ קליינע זאַמלונג לידער אונטערן נאָמען **בן־נצס פאָלקס־געדיכטע**.

אין 1884 איז אַרויס ווינטשעווסקיס בראָשור **יהי אור**, וואָס איז געווען די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע בראָשור אויף יידיש.

אין 1885 האָט זיך זיין צייטונג **די צוקונפט** געשלאָסן. ער האָט דאַן מיט עטלעכע סאָציאַליסטישע טוער געגרינדעט דעם חודש־זשורנאַל **אַרבעטער־פריינד**, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט ביז אַפּריל 1891, ווען די צייטשריפט איז אַריבער צו די אַנאַרכיסטן.

אין 1889 האָט ווינטשעווסקי אין **אַרבעטער־פריינד** אָנגעהויבן דרוקן זיינע **צעשלאָגענע געדאַנקען פון אַ משוגענעם פילאָסאָף**, וואָס איז באַשטאַנען פון סאַטירישע קאָמענטאַרן.

1892-1891 מיטגעאַרבעט אין **די פרייע וועלט**. אין לאָנדאָן האָט ווינטשעווסקי אַ סך געשריבן און איבערגעזעצט, צווישן זיי ה. איבסענס דראַמע **נאָראַ**, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן פון יעקב אַדלער.

אין אָקטאָבער 1894 איז ווינטשעווסקי אַנגע־

קומען קיין ניו־יאָרק, וואו ער איז גלייך געוואָרן אַקטיוו אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון טעגלעכן **אַבענד־בלאַט**. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער וועכנטלעכער צייטונג **דער אמת**, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין באָסטאָן פון דער באָסטאָנער יידישער סעקציע פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. **דער אמת** איז אַרויס פון 3טן מאַי 1895 ביז דעם 17טן יאַנואַר 1896.

אין די קאַמפן צווישן דער אָפּאָזיציע און דער פּאַרטיי איז ווינטשעווסקי מיטגעגאַנגען מיט לואי מיללערן און אַב. קאַהאַנען. ער איז געווען אַ מיטגרינדער פון **פֿאָרווערטס**, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט דריי יאָר.

אין 1902 איז ער געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער **צוקונפֿט**, און אין 1905 איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין לואי מיללערס טעגלעכער צייטונג **די וואַרהייט**, אָבער אין 1906 האָט ער פֿאַרלאָזן די צייטונג.

אין 1916, ווען מען האָט געפייערט זיין 60־יאָריקן געבוירנטאָג, איז ווינטשעווסקי ווידער אַריין אין **פֿאָרווערטס**, וואו ער האָט צווישן 1916 און 1918 פֿאַרעפֿנטלעכט זיין סעריע אַרטיקלען **וואָס מיר פֿעלט**, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ קריטיק פון דעם יידישן ראַדיקאַליזם אין אַמעריקע.

ווינטשעווסקי האָט דעמאָלט אין **פֿאָרווערטס** געטאָן פֿאַרשיידענע צייטונגס־אַרבעטן, געענטפֿערט די לייענער אין בריוו־קאַסטן, געשריבן הומאָריסטישע זאַכן און אַרטיקלען, אָבער קאַהאַן האָט געפֿילט אַז ווינטשעווסקי איז ניט פֿריינדלעך צו אים און ווינטשעווסקי האָט געמוזט פֿאַרלאָזן דעם **פֿאָרווערטס** אין 1921. ער האָט דעמאָלט געשריבן אַ בריוו צו דער „פֿאָרווערטס־געזעלשאַפֿט", וואו ער האָט געבעטן אַז מען זאָל אים געבן ווייטער אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן פֿאַר דער צייטונג, אָבער ער האָט דאָס ניט באַקומען.

בשעת עס איז פֿאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַציע (1921־1922), איז ווינטשעווסקי אַוועק מיט די לינקע און איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער **פֿרייהייט**.

אין 1924 האָט ער באַזוכט רוסלאַנד, וואו ער איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם. ער איז פּאַראַליזירט געוואָרן אין 1927 און איז שוין ניט געקומען צו זיך.

מ. ווינטשעווסקי האָט גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, פֿאַרן יידישן זשורנאַליזם און פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור. זיינע **געזאַמלטע ווערק** אין צען בענד, אונטער דער רעדאַקציע פון ק. מרמר זיינען אַרויס אין ניו־יאָרק אין 1927־1928.

וולאַדעק, ב. (יאַנואַר 13, 1886 — אָקט. 30, 1938), פּסעוודאָנים פון **ברוך נחמן טשאַרני**. געב. אין דוקאַר, מינסקער גובערניע. געלערנט אין חדר און ישיבה. זיך גענומען צו וועלטלעכע לימודים און זיך געגרייט ווי אַן עקסטערן פֿאַר אַ גימנאַזיע אַטעסטאַט. 1903 צוגעשטאַנען צו דער ראַדיקאַל־ציוניסטישער באַוועגונג. 1904 איז ער אַרעסטירט געוואָרן. אין דער טורמע האָט ער זיך באַקענט מיט קאָליאַ טעפּער און אונטער זיין השפּעה געוואָרן אַ בונדיסט. נאָך דער באַפֿרייאונג איז ער געוואָרן אַקטיוו און פּאָפּולער ווי אַ רעדנער.

דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ רעפּאָרטאַזש אין דער **פֿאָלקס־צייטונג**, ווילנע 1906, דערנאָך געשריבן פֿאַר די בונדישע אויסגאַבן **דער וועקער** און **די האָפֿענונג**. געשריבן אויף אַקטועלע טעמעס, סקיצן און אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע טעמעס. ער האָט אָנטיילגענומען אין בונדישן צוזאַמענפֿאָר אין לעמבערג אין 1906 און אין דעם לאָנדאָנער קאָנגרעס פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי 1907.

סוף 1907 איז ער געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן אַקטיוו אין די בונדישע גרופּעס, סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, יידישע אַגיטאַציע ביוראָ און אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַציע.

ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט לידער, פּאָעמעס, רייזע־באַשרייבונגען, ליטעראַריש־קריטישע עסייען, פּאָרטרעטן פון וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, און אַרטיקלען וועגן פּאָליטיש געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן אין **פֿאָרווערטס**, **וועקער**, וואָס ער האָט אַ געוויסע צייט רעדאַקטירט און אין דער **צוקונפֿט**.

וולאַדעק איז דערוויילט געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון ניו־יאָרקער שטאָט־ראַט אין 1917, 1921 און אין 1937.

ער איז געווען אַקטיוו אין פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע און הילפֿס־אָרגאַניזאַציעס, און אַ גרינדער און אַ פֿאָרזיצער פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

וולאַדעק איז כמעט די גאַנצע צייט וואָס ער האָט געלעבט אין אַמעריקע געווען פאַרבונדן מיטן **פאָרווערטס**. אין 1912 איז ער געוואָרן פאַרוואַלטער פון דער **פאָרווערטס** ביוראָ אין פילאַדעלפיע, אין 1916 איז ער געוואָרן נייעס-רעדאַקטאָר פון דער צייטונג און אין 1918 פאַרוואַלטער פון **פאָרווערטס** און איז פאַרבליבן אַדמיניסטראַטאָר ביזן סוף פון זיין לעבן. במשך דער גאַנצער צייט האָט ער פאַר־געזעצט זיין שרייבן פאַרן **פאָרווערטס**.

„איך וויים, אַז די וואָס האָבן געהאַט דעם מזל צו קענען וולאַדעקן אָדער געניסן פון זיין איינפלוס, געדענ־קען אים נאָר מיט ליבשאַפט און מיט אַ געפיל פון וואַרעמקייט אין האַרצן. אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער האָט ער מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס שענסטע אין דעם גייסטיקן און קולטורעלן אויפשטייג פון דער יידישער אימיגראַנטישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע בכלל און אין ניו־יאָרק בפרט.“

(**יעקב רייך, פאָרווערטס**, סעפּט. 23 1981)

וועבער, שמעון (מאַי 4, 1911 —), געב. אין סטאַשעוו, קעלצער געגנט, פוילן. געלערנט גמרא ביי זיין זיידן טוביה (מאַרשעליק) פיאַסעצקי און אויך ביי מלמדים. שפּעטער אַריין אין אַ פוילישער פאָלק-שול און אויך געלערנט ביי פּריוואַטע לערערס.

אין 1928 האָט ער צוליב זיין פּאָליטישער טעטיקייט געמוזט פאַרלאָזן פוילן און איז אַוועק־געפאָרן קיין אַרגענטינע, וואו ער איז פאַרבליבן אַרום אַ יאָר צייט. 1929 געקומען קיין אַמעריקע, געוואוינט אין דעטראָיט, וואו געאַרבעט ביי פאַר־שידענע מלאכות און געלערנט יידישע ליטעראַטור ביי דעם דיכטער עזרא קאָרמאַן און שטודירט ענגליש. אַ פּאָר יאָר שפּעטער געוואָרן אַ לערער אין אַ יידישער שול.

אין 1932 האָט וועבער דעביוטירט אין דער **מאָרגן־פרייהייט** מיט עטלעכע דערציילונגען. שפּע־טער האָט ער דאָרט געדרוקט אַרטיקלען, מערסטנס קאָרעספּאָנדענציעס פון דעטראָיט. אין פרילינג 1936 אָנגעקומען אין דער מ. פ. רעדאַקציע אין ניו־יאָרק, וואו ער איז פאַרבליבן אַנדערהאַלבן יאָר. אין דער צייטונג האָט ער געשריבן נייעס, אַרטיק־לען און אַ צייט אויך געווען נייעס-רעדאַקטאָר.

האָט איבערגעזעצט אַפּטאָן סינקלעירס **נאָ פּאַ־סאַראַן**, וואָס איז געווען געדרוקט אין המשכים.

אין 1937-1938 איז ש. וו. געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער פילאַדעלפיער טאָג-צייטונג די **אידישע וועלט**, פון וועלכער ער איז געווען נייעס-רעדאַקטאָר און אויך געדרוקט אַרטיקלען, פעליעטאָנען און ספּעציעלע רעפּאָרטאַזשן.

אין 1939 איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן נייעס, פאַר־עפנטלעכט אַרטיקלען וועגן פּאָליטיש-געזעלשאַפט־לעכע ענינים, סיי אידישע, סיי אַלגעמיינע, רייזע באַשרייבונגען פון מדינת ישראל, אייראָפּע און אַמעריקע.

ער האָט אויך רעדאַקטירט ספּעציעלע נומערן פון **פאָרווערטס**, ווי **60 יאָר פאָרווערטס** (1957), מיט אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג געווידמעט הלל רָזגאָפס 50 יאָר אין דער צייטונג, **צען יאָר מדינת ישראל** (1958) און אַנדערע ספּעציעלע ביילאַגעס.

ש. וועבער האָט פאַרנומען פאַרשידענע פּאָסטנס אין **פאָרווערטס**, ווי נייעס-רעדאַקטאָר 1949—1960, פאַרוואַלטונגס-רעדאַקטאָר 1968—1970, רעדאַקטאָר פון זונטיק-נומער.

זינט יולי 1970 איז ער דער שעף-רעדאַקטאָר. אונטער זיין רעדאַקציע זיינען דערשינען די 75 און 80-יאָריקע יובליי-נומערן **פאָרווערטס** (1972 און 1977) און אויך דער 85-יאָריקער יובליי-נומער.

ש. וועבער האָט צוגעצויגן צום **פאָרווערטס** אַ היפּשע צאָל נייע מיטאַרבעטער ווי שמעון בייקער, הרב דוד דוב האָלענדער, דר. פנחס ווינזאַפט, מי־טשעל לאָקעטש, פּרץ מיראַנסקי, הנה גאָרדאָן-מלאָ־טעק, יוסף מלאָטעק, דר. עזריאל נאַקס, מאיר ראַק, דר. אליהו שולמאַן, מרדכי שטריגלער, ש. ל. שניי־דערמאַן, דר. ש. לעווענבערג (לאָנדאָן) און אויך די איצט-פאַרשטאָרבענע חיים גראַדע, משה פראַנק, אהרן צייטלין, משה שטאַרקמאַן און הרב דר. דוד גרויבאַרט.

באַלד נאָכדעם ווי ש. וועבער איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר האָט ער איינגעפירט די זייער פּאָפּו־לערע זייט אין דעם זונטיק-נומער **פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע**, וואָס ווערט אָנגעפירט פון חנה און יוסף מלאָטעק. ער האָט איינגעפירט אַ פעליע־טאָן **פּתּם אַזוי** וואָס איז דערשינען אַ פּאָר מאָל אַ וואָך. זיינע אייגענע פעליעטאָנען אין דער אָפּ־טיילונג האָט ער אונטערגעשריבן **שאַ־וואו**. אין טעגלעכן **פאָרווערטס** האָט שמעון געשריבן אַ וועכנטלעכן אַרטיקל אונטער דער איבערשריפט **נאָטיצן**, אין וועלכע ער האָט באַהאַנדלט אַלגעמיינע און אידישע פּאָליטישע און קולטור-פּראָבלעמען.

זינט דער „**פֿאָרווערטס**" איז געוואָרן אַ וואָכנצייטונג (דעם 4טן פֿעברואַר, 1983) שרייבט ער די עדיטאָריאַלס קאָמענטאַרן און נאָטיצן פֿון דער רעדאַקציע.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ש. וועבער איינגעפֿירט אין **פֿאָרווערטס** די מאָדערנע אָרטאָגראַפֿיע.

אין דעצעמבער 1981 האָט אַ זשורי פֿון ייִדישן קולטור־קאָנגרעס און פֿאָרשטייער פֿון ייִדישע שרייבער און קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס צוגעטיילט ש. וועבערן די אַטראַן ליטעראַטור־פּרעמיע. אין דער מאָטיווירונג ווערט, צווישן אַנדערן, געזאָגט, אַז „די זשורי האָט אויך גענומען אין באַטראַכט וועבערס קלאָרן, שאַרפֿן סטיל אין זיינע אַרטיקלען, וואָס שטעלט אים אַוועק ווי איינעם פֿון אונדזערע בעסטע זשורנאַליסטן אין דער ייִדישער פּרעסע." ער צייכנט זיך אויס מיט זיין שאַרפֿער פּאָלעמיק און מיט קוראַזש צו נעמען אַ פֿעסטע שטעלונג אין זיינע קאָלומס און אויך אין די לייט־אַרטיקלען צו פּאָליטישע פֿראַגן, אַפֿילו ווען זיי זיינען נישט שטענדיק פּאָפּולער. ער פֿאַרטיידיקט זיין שטאַנדפּונקט מיט ליידנשאַפֿט און מיט דער מאָטיווירונג אַז אַ צייטונג דאַרף פֿירן, נישט נאָכטאַנצן.

ש. וועבער איז אַקטיוו באַטייליקט אין דער ייִדישער קולטור־אַרבעט און ער איז אַ קעמפֿער פֿאַר אונדזער שפּראַך און פֿאַר דער מזרח־אייראָפּעאישער ייִדישער קולטור־ירושה. ער פֿאַרטרעט אָפֿט דעם **פֿאָרווערטס** ביי פֿאַרשיידענע קאָנפֿערענצן און צוזאַמענפֿאָרן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אויפֿהאַלטונג און פֿאַרשפּרייטונג פֿון ייִדיש. אין דער ענגלישער פּרעסע און פּעריאָדיק, ווי די **ניו יאָרק טאַימס, מיאַמי העראַלד** און אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע צייטונגען און אין **פּרעזענט טענס** (פּערטליאָר שריפֿט פֿון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט) זיינען דערשינען אינטערוויוס מיט וועבערן וועגן דעם **פֿאָרווערטס** און וועגן דעם צושטאַנד פֿון ייִדיש. אַרטיקלען וועגן וועבערן זיינען אויך דערשינען אין די העברעאישע צייטונגען אין ישׂראל און אין **לעצטע נייעס, די פּרעסע** (אַרגענטינע) **אונדזער וואָרט** (פּאַריז) **אידישער קעמפֿער** (וואָכנשריפֿט, ניו־יאָרק) און **קולטור און לעבן**, אָרגאַן פֿון אַרבעטער רינג.

אין מאַי 1981 האָט די **פֿאָרווערטס** געזעלשאַפֿט (אַסאָסיעישאָן) געווידמעט איר חודשלעכע פֿאַרזאַמלונג צו וועבערס 70־יאָריקן געבוירנטאָג. מיט וואַרימע אָפּשאַצונגען און באַגריסונגען זיינען אַרויסגעטראָטן יצחק באַשעוויס זינגער, יוסף מלאָטעק, ישׂראל ברעסלאַו, מרדכי שטריגלער, וואָלף טאַמבור (בוקאַרעסט), יעקב רייך, שמשון אַפּטער און הערשל אָסטראָף.

וועגדראָף, זלמן (יאַנואַר 5, 1879 — אָקט. 1, 1972), פּען נאָמען פֿון **זלמן וועגדראָווסקי**, געב. אין סלוצק, מינסקער געגנט, געלערנט אין חדרים, ישיבה און ביי אַ פּריוואַטן לערער.

אין 1900 אָנגעהויבן שרייבן אין **דער יוד**. אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן און מיטגעאַרבעט דאָרטן אין ייִדישע צייטונגען. 1905 געקומען קיין אַמעריקע און מיטגעאַרבעט אין **מאָרגן־זשורנאַל** און **דער אַמעריקאַנער**. אין 1908 צוריקגעפֿאָרן קיין רוסלאַנד ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון **מאָרגן־זשורנאַל**. נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש געוואוינט אין מאָסקווע און איז אַ לענגערע צייט געווען דער קאָרעספּאָנדענט פֿון **פֿאָרווערטס**.

איז צוזאַמען מיט אַלע ייִדישע שרייבער אַרעסטירט געוואָרן אין 1948 און איז אָפּגעזעסן אין אַ לאַגער. באַפֿרייט געוואָרן אין 1956.

וועגדראָף האָט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל ביכער אין ווילנע און וואַרשע, מערסטנס הומאָריסטישע, וואו ער האָט אַרויסגעוויזן זיין טאַלאַנט.

אין 1967 איז אין מאָסקווע אַרויס זיין זאַמלונג דערציילונגען **אונדזער גאַס**. אין דעם בוך זיינען אַריין זיינע בעלעטריזירטע זכרונות וועגן זיין יוגנט און בילדער פֿון ייִדישן לעבן אין לאָנדאָן און אין אַמעריקע.

וועפּרינסקי, ראַשעל (אַפּריל 16, 1895 — יולי 1, 1981), געב. אין איוואַנקאָוו, לעבן קיעוו. שפּעטער מיט די עלטערן זיך באַזעצט אין קיעוו, וואו זי האָט געלערנט אין אַ רוסיש־ייִדישער פֿאָלקס־שול. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אין 1907. אין 1918 דעביוטירט מיט אַ ליד אין **די נייע וועלט** און זינט דעמאָלט געדרוקט לידער און דערציילונגען אין פֿאַרשיידענע צייטשריפֿטן און אין **פֿאָרווערטס**.

אין 1954 האָט זי אָנגעהויבן צו דרוקן אין **פֿאָרווערטס** אַ סעריע בעלעטריזירטע ביאָגראַפֿיעס פֿון איזאַדאָראַ דאַנקאַן, היינריך היינע, ראַשעל, גאָגען, טשאַיקאָווסקי, א.אַ. די סעריע האָט זיך געצויגן עטלעכע יאָר.

ראשעל וועפרינסקי איז געווען די פרוי פון מאני לייבן. זי האט זיך באפריינדעט מיט די **יונגע** און האט אנגעשריבן א ראמאן וואו זי שילדערט די שרייבער וואס האבן זיך אידענטיפיצירט מיט די **יונגע**. דער ראמאן, ווען הענט קרייצן זיך, איז ארויס אין תל אביב אין 1971.

זי האט ארויסגעגעבן א בוך **מאני לייב צו ראשעל וועפרינסקי; בריוו 1918—1953**, תל-אביב, 1980.

פון אירע לידער זיינען ארויס אין בוך-פארעם: **רוף פון פויגל**, לידער, נ. י. 1926; **די פאליטרע**, לידער, תל-אביב, 1964; **נאכט-פייערן**, תל-אביב, 1976; **לידער**, תל-אביב, 1979.

ז

זאלאוויץ, נחמן-נאטאניעל (אויגוסט 22, 1892 — מערץ 1, 1971), געב. אין ביאליסטאק.

געקומען קיין אמעריקע ווען ער איז געווען זייער יונג און „איז אויפגעהאדעוועט געווארן אויף דער יידישער איסט-סייד. דארט האט ער באקומען זיין אמעריקאנער און זיין יידישע דערציאונג" (ה. ראגאף). יונגערהייט איז ער געווארן א מיטארבעטער אין **מארגן־זשורנאל**, וואו ער האט געשריבן באריכטן און רעפארטאזשן. שפעטער איז ער געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער אין **פארווערטס**, וואו ער איז פארבליבן איבער פופציק יאר. דארט האט ער זיך אנטוויקלט ווי א פעאיקער צייטונגס-מאן. „קיין געביט פון אמעריקאנער לעבן איז אים ניט געווען פרעמד און ער האט אין א פאפולערער שפראך באקענט דעם יידישן אימיגראנט מיט דער פארשיידנארטיקייט פון דעם לעבן אין דעם נייעם לאנד" (**פארווערטס**, מערץ 3, 1971).

זאלאוויץ האט געשריבן אין **פארווערטס** פאפולערע ארטיקלען וועגן פאליטיש-געזעלשאפטלעכע און קולטור ענינים. ער האט געדרוקט לענגערע סעריעס וועגן פערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון אמעריקע און אין אמעריקאנער זשורנאליזם. האט אויך געשריבן וועגן טאג-פראגן און ארטיקלען וועגן מענטשלעכע פראבלעמען (היומען אינטערעס), וואס האבן אינטערעסירט דעם ברייטן עולם. די לעצטע יארן געשריבן עטלעכע מאל א וואך וועגן טעלעוויזיע און טעלעוויזיע-פראגראמען. אין זיינע ארטיקלען האט ער אויסגענוצט „זיין ברייטן און טיפן וויסן פון געשיכטע, פאליטישע און סאציאלע ז׳סנשאפטן און ליטעראטור... מיט דער פעדער איז ער מייסטנס א לערער, אן אויפקלערער, א קולטור-טרעגער" (**ה. ראגאף**).

זאמעטקין, מיכאיל (1859 אדער 1860 — מערץ 7, 1935), געב. אין אדעס. געלערנט אין דער אדעסער קאמערץ-שול. 1877-1878 געהערט צום ערשטן קרייזל פון יידישע סאציאליסטן. זיי האבן געגרינדעט אן אומלעגאלע שול צו לערנען יידישע יונגעלייט רוסיש און סאציאליזם. 1882 אנגעקומען מיט דער דריטער גרופע פון **עם־עולם** קיין אמעריקע, זיך באזעצט אין ניו-יארק און לאנגע יארן געארבעט ביי נייען העמדער.

זאמעטקין איז געווען א פיאניר און א בויער פון דער יידישער ארבעטער-באוועגונג אין אמעריקע. ער איז געווען אקטיוו ווי א לעקטאר, אגיטאטאר און זשורנאליסט. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון די פאראייניקטע יידישע געווערקשאפטן.

איז געווען א מיטארבעטער פון דער וועכנטלעכער **ארבעטער־צייטונג**, פון דער טאג-צייטונג **אבענד־בלאט** און איז געווען איינער פון די גרינדער פון **פארווערטס**. 1900-1901 געווען מיטרעדאקטאר פון **פארווערטס**.

זאמעטקין איז געווען אן אקטיווער זשורנאליסט און האט געשריבן א סך אי וועגן טאג-טעגלעכע פראגן, אי טעארעטישע ארטיקלען וועגן סאציאליזם. ער האט אויך געשריבן האלב - בעלעטריסטישע מעשהלעך און אלעגאריעס, וואס האבן געטראגן א סאציאליסטיש-פראפאגאנדיסטישן כאראקטער. ער האט אויך געשריבן און געהאלטן לעקציעס וועגן ליטעראטור.

ווען עס זיינען אנגעגאנגען די דיסקוסיעס וועגן סאציאליזם און דער נאציאנאלער פראגע, איז זאמעטקין ארויסגעטראטן און געשריבן ווי אן אינטערנאציאנאליסט און איז געווען קעגן יענע יידישע סאציאליסטן וואס האבן אנטוויקלט אויך א נאציאנאלע פראגראם.

זאמעטקין האט איבערגעזעצט א צאל ווערק אויף יידיש, צווישן זיי ניקאליי טשערנישעווסקיס ראמאן **וואס טוט מען?** (ארויס אונטער דער רעדאקציע פון דר. ק. פארענבערג, נ. י. 1917).

זילבערצווייג, זלמן (סעפּט. 27, 1894 — יולי 25, 1972), געב. אין אָזאָרקאָוו, ביי לאָדזש. געלערנט אין אַ חדר מתוקן, אין דער לידער ישיבה און אויף האַנדלס־קורסן.

אין 1922 האָט ער אָנגעהויבן זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן יידישן טעאַטער און פון דעם איז אַרויסגעוואַקסן זיין **לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער**, זעקס בענד, 1931—1969. זילבערצווייג איז געווען דער מחבר פון אַ גרעסערער צאָל ביכער וועגן יידישן טעאַטער און האָט געדרוקט אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן אין אייראָפּע און אין אַמעריקע.

ער האָט אַרומגעוואַנדערט אין פאַרשיידענע לענדער, ער האָט באַזוכט אַמעריקע אין 1926, 1927 און האָט זיך באַזעצט אין 1937.

ער איז געווען אַ קאָרעספּאָנדענט פון **פאָרווערטס** אין ארץ־ישראל, וואו ער האָט געלעבט עטלעכע יאָר. זיינע קאָרעספּאָנדענציעס האָט ער אונטערגעשריבן מיטן פּען־נאָמען **ש. גלות.**

זינגער, יצחק באַשעוויס (יולי 14, 1904 —), געבוירן אין לעאָנטשין, פּוילן. זיין פאָטער איז געווען אַ רב. זיין מוטערס נאָמען איז געווען בת־שבע און פון דעם שטאַמט זיין פּסעוודאָנים — באַשעוויס. זיין עלטערער ברודער איז געווען י. י. זינגער, און זיין שוועסטער אסתר קרייטמאַן איז אויך געווען אַ שרייבערין.

ווען יצחק איז אַלט געווען פיר יאָר האָט זיך די משפחה אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע, וואו זיין פאָטער איז געווען אַ מורה־הוראה און האָט אָנגעפירט מיט אַ בית־דין וואו ער האָט געפּסקנט שאלות און זיך בכלל אָפּגעגעבן מיט רבנישע אָנגעלעגנהייטן.

יצחק האָט געלערנט אין אַ חדר און אין דעם „תחכמוני" ראַבינער־סעמינאַר.

אין 1917 איז יצחק צוזאַמען מיט זיין מוטער און יונגערן ברודער משה אַוועקגעפאָרן קיין בילגאָריי, וואו עס האָט געוואוינט זיין זיידע פון דער מוטערס צד. ער איז אויך געווען אַ רב. אין בילגאָריי איז יצחק פאַרבליבן ביז אָנהויב די צוואַנציקער יאָרן. ער האָט זיך אומגעקערט קיין וואַרשע, וואו ער איז געוואָרן אַ קאָרעקטאָר אין די **ליטעראַרישע בלעטער.**

באַשעוויס זינגער האָט אָנגעהויבן שרייבן אויף העברעאיש און ער האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע דערציילונגען אין דער וואַרשעווער העברעאישער צייטונג **הצפירה.** ער איז אָבער באַלד איבערגעגאַנגען אויף יידיש.

אין 1925 האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ קאָנקורס וואָס די **ליטעראַרישע בלעטער** האָט אַרויסגערופן. ער האָט אַריינגעשיקט אַ דערציילונג און אונטערגעשריבן מיטן פּען־נאָמען **צע.** די דערציילונג **אויף דער עלטער** האָט געוואונען דעם ערשטן פּרייז און זי איז געדרוקט געווען אין **ליטעראַרישע בלעטער,** נומער 60, 26סטער יוני 1925. זיין ערשטע דערציילונג וואָס ער האָט אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים י. באַשעוויס האָט געהייסן **ווייבער** און איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין **ליטעראַרישע בלעטער,** נומער 80, 13טער נאָוועמבער, 1925. ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון די טאָג־צייטונגען **היינט** און **עקספּרעס,** וואו ער האָט געדרוקט פאַרשיידענע זאַכן.

באַשעוויס זינגער האָט אין פּוילן פאַרעפנטלעכט זעכצן דערציילונגען. זיי זיינען געווען געדרוקט, חוץ אין **ליטעראַרישע בלעטער** אויך אין זאַמלבוך **וואַרשעווער שריפטן,** 1926־1927, אין חודש־זשורנאַל **די יידישע וועלט** (וואַרשע, 1928) און **אַמאָל איז אַ יובל,** נומ. 1 און 2, וואַרשע 1931.

אין 1932 איז ער געוואָרן אַ מיטרעדאַקטאָר פון דעם חודש־זשורנאַל **גלאָבוס.** דער אַנדערער רעדאַקטאָר איז געווען אהרן צייטלין.

אין **גלאָבוס** האָט באַשעוויס זינגער פאַרעפנטלעכט אין המשכים זיין נאָוועלע **דער שטן פון גאָריי,** וואָס האָט אים גלייך באַקאַנט געמאַכט אין דער יידישער וועלט און אים אַרויסגעשטעלט ווי אַ שרייבער פון ערשטן ראַנג.

אין דער נאָוועלע ווערן געשילדערט די נאָכווייענישן פון די כמעלניצקי פּאָגראָמען 1648־1649, די שבתי־צבי באַוועגונג און די דעמאָראַליזאַציע וואָס די באַוועגונג האָט אַריינגעבראַכט אין דעם יידישן לעבן. **דער שטן פון גאָריי** צייכנט זיך אויס מיט דעם אָריגינעלן סטיל, מיט דעם יאָדערדיקן יידיש און מיטן פּרואוו צו שרייבן אין נוסח פון דעם יידיש פון זיבעצעטן יאָרהונדערט.

דער שטן פון גאָריי איז אַרויס אין בוך־פאָרעם אין וואַרשע, מיט אַ הקדמה פון אהרן צייטלין, אין 1935. אַ צווייטע אויפלאַגע פון **דער שטן פון גאָריי — און אַנדערע דערציילונגען,** איז אַרויס אין ניו־

יאָרק אין 1943 (שפּעטער אויך אַרויס אין ירושלים, 1972).

באַשעוויס זינגער האָט אויך פאַרעפנטלעכט רעצענזיעס וועגן ביכער, אַרטיקלען וועגן שרייבער און אינטערוויוען מיט שרייבער און קינסטלער, אַלע אין **ליטעראַרישע בלעטער** און אין **גלאָבוס**.

אין וואַרשע האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור. ער האָט איבערגעזעצט אויף יידיש: **פּאַן**, פון קנוט האַמסון, ווילנע 1928; **וואַגלער**, פון קנוט האַמסון, ווילנע 1928; **וויקטאָריאַ**, פון קנוט האַמסון, ווילנע 1929; **מעטע טראָפּ, די מאָדערנע פרוי**, פון קאַרין מיכאַע־ליס, וואַרשע 1929; **ראָמען ראָלאַן — דער מענטש און זיין ווערק**, פון סטעפאַן צווייג, וואַרשע 1929; **אויפן מערב־פראָנט קיין נייעס**, פון עריך מאַריא רעמאַרק, וואַרשע 1929; **אין אָפּגרונט פון תאווה**, פון ג. ד'אַנונציאַ, וואַרשע 1929; **דער צויבערבאַרג**, פון טאָמאַס מאַן, וואַרשע־ווילנע 1930; און **דער וועג אויף צוריק**, פון ע. מ. רעמאַרק, ווילנע 1931.

אין 1935 איז באַשעוויס זינגער געקומען קיין אַמעריקע, וואו עס איז שוין געווען זיין ברודער י. י. זינגער, וועלכער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**. באַשעוויס זינגער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן ווי אַן אויסערלעכער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**. ער האָט געשריבן לייכטע צייטונגס־אַרטיקלען, פעליעטאָנען און האָט אָנגעפירט אַ ספּעציעלע רובריק **כדאַי צו וויסן**, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן מיטן נאָמען **ד. סעגאַל**. אַנדערע אַרטיקלען, און שפּעטער רעצענזיעס וועגן ביכער האָט ער אונטערגעשריבן מיטן נאָמען **י. וואַר־שאַווסקי**.

אין יענער צייט האָט ער אָנגעהויבן צו דרוקן אין **פאָרווערטס** זיין ראָמאַן וועגן יעקב פראַנקן — **דער זינדיקער משיח**. דער ראָמאַן איז געווען (ווי עס שרייבט מ. אַשעראַוויטש) אין אַ געוויסן זין אַ פאַרזעצונג פון **דער שטן פון גאָריי**. דעם ראָמאַן **דער זינדיקער משיח** האָט ער ניט פאַרענדיקט. ער האָט פאָרגעזעצט זיין זשורנאַליסטישע אַרבעט אין **פאָרווערטס** און פון צייט צו צייט האָט ער אָפּגע־דרוקט אַ דערציילונג.

ביים סוף פון 1945 האָט ער אָנגעהויבן דרוקן אין וועכנטלעכע המשכים, יעדן שבת, דעם ראָמאַן **די פאַמיליע מושקאַט**, און פון דעמאָלסט אָן האָט ער פאַרעפנטלעכט אין **פאָרווערטס** אַ גרעסערע צאָל ראָמאַנען, דערציילונגען און בעלעטריזירטע זכרונות. אַזוי האָט ער פּובליקירט אין פאָרזעצונגען: **דער הויף, שאָטנס איבערן האַדסאָן, אַ שיף קיין אַמעריקע, דער שאַרלאַטאַן, דער פאַרלוירענער שבט, דער פעטער פון אַמעריקע, שוים, בונטאַרן, דער מאַן פון חלומות, גלויבן און צווייפל, דער קנעכט, דער קונצן־מאַכער פון לובלין, יאַרמע און קיילע** (ניט פאַרענדיקט), **דער בעל־תשובה, שונאים, נשמה־עקספּעדיציעס, דער קעניג פון די פעלדער, פאַרלוירענע נשמות, די משפחה, דער וועג אַהיים**, און צענדליקער גרעסערע און קלענערע דערציילונ־גען, וואָס בלויז אַ קליינע טייל פון זיי איז ביז איצט דערשינען אין ביכער־זאַמלונגען אויף אידיש.

אין **פאָרווערטס** האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט די בעלעטריזירטע זכרונות **מיין טאַטנס בית דין שטוב** און **פיגורן און עפּיזאָדן פון ליטעראַטן פאַראיין**.

חוץ אין **פאָרווערטס** האָט ער אויך געדרוקט דערציילונגען אין **סביבה, די גאָלדענע קייט, צוקונפט** און אין אַנדערע שריפטן. ער האָט אָנגע־שריבן אַ גרעסערע צאָל קינדער־דערציילונגען, וואָס נאָר אַ קליינער טייל פון זיי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אידישן אַריגינאַל.

זיין ראָמאַן **די פאַמיליע מושקאַט** איז דראַמאַ־טיזירט געוואָרן און איז אויפגעפירט געוואָרן אין יידישן טעאַטער. די דערציילונג **יענטל דער ישיבה־בחור** איז דראַמאַטיזירט געוואָרן אויף ענגליש און איז געשפּילט געוואָרן אויף ענגליש אויף בראָדוויי. פון דער דערציילונג איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ פילם.

חוץ **דער שטן אין גאָריי** זיינען אַרויס אין בוך־פאָרעם אויף יידיש זיינע פאָלגנדיקע ווערק: **די פאַמיליע מושקאַט**, ניו־יאָרק 1950; **מיין טאַטנס בית דין שטוב**, נ. י. תשי"ז, 1956 (אַ צווייטע אויפ־לאַגע איז דערשינען אין ירושלים אין 1979); **גימפּל תם און אַנדערע דערציילונגען**, נ. י. 1963); **דער קנעכט**, נ. י. 1967; **דער קונצן־מאַכער פון לובלין**, תל־אביב 1971; **מעשיות פון הינטערן אויוון**, תל־אביב 1971; **דער בעל־תשובה**, תל־אביב 1974; **דער שפּיגל און אַנדערע דערציילונגען**, ירושלים 1975, און **די נאָבעל רעדע**, אין אידיש און ענגליש, נ. י. 1979.

אין דער יידישער ליטעראַטור פאַרנעמט באַשע־וויס זינגער אַן אָרט אויבנאָן און ער ווערט פאַר־

רעכנט ווי איינער פון די גרויסע קינסטלער פון אונדזער צייט. באלד ווי עס זיינען דערשינען זיינע ערשטע שאפונגען, ספּעציעל **נאכן שטן פון גאריי**, איז ער אנערקענט געווארן ווי א גרויסער מייסטער־סטיליסט. ווען עס איז צום ערשטן מאל דערשינען אויף ענגליש זיין דערציילונג **גימפל תם (פארטיזן רעוויו**, 1953, אין דער איבערזעצונג פון סאל בעלאו) האט ער אנגעהויבן צו קריגן גרויס אנזען אויך אין דער ענגליש־רעדנדיקער וועלט.

ביסלעכווייז האט מען זיינע שאפונגען איבערגעזעצט אין א סך שפראכן און זיין רום איז געשטיגן. אין 1978 האט די שוועדישע אקאדעמיע אים צוגעטיילט די **נאבעל־פרעמיע פאר ליטעראטור**, די העכסטע אנערקענונג וואס א שרייבער קען באקומען. דאס איז געווען דער ערשטער פאל ווען א יידישער שרייבער, וועלכער שאפט אויף יידיש, האט באקומען די הויכע וועלט־אויסצייכענונג. דערמיט האט די יידישע ליטעראטור און דאס יידישע לשון געקראגן דעם גרעסטן כבוד, וואס איז א שטאלץ פאר יעדער ליטעראטור.

באשעוויס זינגער האט אליין אויך ארויסגעהויבן די יידישע שפראך ווען ער האט זיין נאבעל־רעדע אין דער שוועדישער אקאדעמיע אנגעהויבן אויף יידיש מיט די ווייטערדיקע שורות:

„דער גרויסער כבוד וואס די שוועדישע אקאדעמיע האט מיר אנגעטאן איז אויך אן אנערקענונג פון יידיש — א שפראך פון גלות, אן א לאנד, אן גרענעצן, נישט אונטערגעשטיצט פון קיין שום רעגירונג; א שפראך, וואס פארמאגט כמעט נישט קיין ווערטער פאר וואפן, אמוניציע, מיליטערישע איבונגען און טאקטיק; א לשון וואס איז געווארן פאראכטעט סיי פון גוים און סיי פון רוב עמאנציפירטע יידן. דער אמת איז, אז וואס די גרויסע רעליגיעס האבן געפּרידיקט, האבן די יידן אין געטא פּראקטיצירט. זיי האבן נישט געהאט קיין גרעסערע פרייד ווי לערנען וועגן מענטשן און מענטשלעכע באציאונגען וואס זיי האבן אנגערופן תורה, תלמוד, מוסר, קבלה. די געטא איז געווען נישט בלויז אן ארט פון אנטרינונג פאר א פארפאלגטער מינאריטעט, נאר אויך א גרויסער עקספּערימענט אין שלום, זעלבסטדיסציפּלין און הומאניזם. רעשטלעך דערפון עקזיסטירן ביז היינט צו טאג, נישט געקוקט אויף דער גאנצער ברוטאליטעט, וואס רינגלט זיי ארום..."

און אין דעם טעקסט, וואס ער האט געלייענט אויף ענגליש, האט ער אויך געזאגט:

„פאר מיר איז יידיש ענג פארבונדן מיט יענע וואס האבן גערעדט דאס דאזיקע לשון. מ'קאן געפינען אין גייסט פון יידיש ווארע פרייד, לוסט צום לעבן, די בענקשאפט נאך משיח'ן, געדולד צו ווארטן און א טיפע אפשאצונג פון מענטשלעכער אינדיווידואליטעט. ס'איז פאראן א שטילער הומאר אין יידיש, א דאנקבארקייט פאר יעדן טאג וואס מען בלייבט לעבן, פאר יעדן ברעקל הצלחה, פאר יעדער באגעגעניש מיט ליבשאפט. יידיש איז נישט גאווה'דיק, נישט זיכער מיט נצחון. יידיש פאדערט נישט און קעמפט נישט, נאר קומט־איבער, לעבט־אדורך, שמוגלט זיך אדורך צווישן די כוחות פון צעשטערונג, ווייסנדיק דערביי אז גאט'ס פלאן פאר דער באשאפונג איז ערשט אין סאמע אנהויב."

אין דער באגרינדונג פאר געבן באשעוויס זינגערן די נאבעל פרעמיע ווייזט־אן די שוועדישע אקאדעמיע אויף זיינע „ווארצלען אין דער פויליש־יידישער קולטור־טראדיציע" דורך וועלכער ער „ברענגט צום לעבן דעם אוניווערסאלן מענטשלעכן צושטאנד" א דאנק זיין „ליידנשאפטלעכער דערציילערישער קונסט."

די נאבעל־פרעמיע איז דורך י. ב. זינגערן פארוואנדלט געווארן אין א „יידישער וואך" אין שטאקהאלם. דאס זיינען געווען פייערונגען נית בלויז פון דער יידישער ליטעראטור, נאר אויך פון יידיש לעבן.

י. באשעוויס זינגער'ס ווערק זיינען איבערזעצט אויף נאענט צו צוואנציק (אויף ענגליש זיינען שוין ארויס העכער דרייסיק ביכער, אבער טייל פון זיי זיינען דופּליקאציעס) צווישן זיי העברעאיש, פראנצויזיש, דייטש, שוועדיש, רוסיש, נארוועגיש, דעניש, איטאליעניש, פויליש, יאפאנעזיש און אנדערע.

וועגן זיינע שאפונגען זיינען דערשינען ביכער אויף א סך שפראכן און טויזנטער ארטיקלען, אפּהאנדלונגען און אינטערוויוען אין זשורנאלן און צייטונגען כמעט אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט.

צווישן זיינע כיבודים געפינען זיך די לאמעד־פרעמיע און די לייוויק־פרעמיע און צענדליקער ערן־דאקטאראטן פון אמעריקאנער און אויסלענדישע אוניווערסיטעטן, וואו ער טרעט ארויס מיט לעקציעס. ער פארנעמט אויך א פאסטן ווי א לערער אין דער קונסט פון שרייבן אין דעם מיאמי אוניווערסיטעט.

זינגער, ישראל יהושע (נאוועמבער 30, 1893 — פעברואר 10, 1944), געב. אין בילגאריי, לובלינער גובערניע. געלערנט אין חדרים אין ראדזימין, ביים רבין און אין גערער ישיבה אין ווארשע. אין דער זעלביקער צייט געלייענט די יידישע און העברע־

אישע ליטעראַטור.

אין עלטער פון 18 יאָר זיך באַזעצט אין וואַרשע וואו געאַרבעט ביי פאַרשיידענע אַרבעטן, זיך אויך פאַרנומען מיט מאַלעריי.

אָנהויב 1918 אַוועק קיין קיעוו וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ צאָל נאָוועלעס אין דער טאָגצייטונג נייע צייט און די וויכטיקע זאַמלביכער באַגינען און אויפגאַנג (קיעוו 1919). סוף 1921 זיך אומגעקערט קיין וואַרשע און אָפּגעדרוקט אין רינגען זיין דערציילונג פערל, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויס אינטערעס. ווען אַב. קאַהאַן האָט איבערגעלייענט די דערציילונג האָט ער זי איבערגעדרוקט אין פאָרווערטס און אָנגעשריבן וועגן איר אַ באַגייסטערטע אָפּשאַצונג (1923) און קאַהאַן האָט אים פאַרבעטן מיטצואַרבעטן אין פאָרווערטס.

י. י. זינגער האָט מיט יאָרן שפּעטער אין אַן אַרטיקל אין פאָרווערטס געשריבן אַז: „אַב. קאַהאַן איז געווען דער ערשטער מענטש וואָס האָט מיר געגעבן פאַר מיין אַרבעט אָנערקענונג און באַלוינונג.”

אונטערן נאָמען ג. קופּער האָט זינגער אין פאָרווערטס פאַרעפנטלעכט קאָרעספּאָנדענציעס וועגן יידישן לעבן אין פוילן. אין 1924 האָט ער באַזוכט גאַליציע און האָט אָנגעשריבן אַ לענגערע סעריע אַרטיקלען וועגן האַרטיקן יידישן לעבן. אין 1926 האָט ער געמאַכט אַ רייזע קיין סאָוועטן-פאַרבאַנד און האָט אָנגעשריבן פאַרן פאָרווערטס אַ רייע אַרטיקלען וועגן דער נסיעה.

אין דער זעלביקער צייט איז זינגער געווען אַקטיוו אין יידישן ליטעראַרישן לעבן אין וואַרשע, געווען מיטגרינדער און אַ צייט מיטרעדאַקטאָר פון צענטראַל-אָרגאַן פון דער יידישער ליטעראַטור ליטעראַרישע בלעטער און איינער פון די הויפּט איניציאַטאָרן פון דער באַנייטער די יידישע וועלט. און חוץ דעם האָט ער פאַרעפנטלעכט דערציילונגען און קריטישע אַרטיקלען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן אין פוילן.

פאַר אַ צייט האָט י. י. זינגער זיך צוריקגעצויגן פון דער ליטעראַטור און האָט זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט שרייבן זיינע פּאָפּולערע קאָרעספּאָנדענציעס אין פאָרווערטס. אָבער נאָך אַ באַגעגעניש מיט אַב. קאַהאַנען אין בערלין אין 1931 האָט ער אָנגעהויבן שרייבן און דרוקן אין פאָרווערטס אין המשכים יאָשע קאַלב, און מאָריס שוואַרץ האָט דעם ראָמאַן דראַמאַטיזירט און אין אָקטאָבער 1932 האָט ער מיט יאָשע קאַלב געעפנט דעם נייעם סעזאָן פון יידישן קונסט טעאַטער.

אין 1933 האָט זיך זינגער באַזעצט אין ניו-יאָרק, וואו ער האָט אָפּגעדרוקט אין המשכים אין פאָרווערטס זיינע ראָמאַנען: די ברידער אשכנזי, חבר נחמן, די משפחה קאַרנאָווסקי, אין די בערג און זיינע זכרונות פּאַסירונגען פון לעבן.

אַלע ראָמאַנען, חוץ אין די בערג, זיינען אַרויס אין בוך-פאָרעם אין וואַרשע און אין ניו-יאָרק. פּאַסירונגען פון לעבן איז אַרויס אין בוך-פאָרעם אונטערן נאָמען פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער, נ. י. 1946. זיין סעריע אַרטיקלען וועגן רוסלאַנד איז אַרויס אין בוך-פאָרעם אונטערן טיטל ניי-רוסלאַנד, בילדער פון אַ רייזע אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, וואַרשע 1928.

י. י. זינגער איז איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע יידישע פּראָזע-שרייבער. זיינע שאַפונגען שטעלן מיט זיך פאָר גרונט-ווערק פון דער יידישער פּראָזע.

זינגער, שמואל דוד (יוני 25, 1903 — נאָוו. 20, 1973), געב. אין טאָמאַשאָוו-מאַזאָוויעצק, ביי לאָדזש. געלערנט אין חדר און בית-מדרש.

1920 געקומען קיין אַמעריקע, אויפגענומען קורסן אין פּיטסבורגער אוניווערסיטעט, און געלערנט אין יידישן לערער-סעמינאַר. לאַנגע יאָרן געווען אַ לערער אין די אַרבעטער רינג שולן.

דעביוטירט מיט לידער, דערציילונגען און עסייען אין 1925 און זינט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן שרייבער און ביכער אין פאַרשיידענע יידישע צייטשריפטן. אַ צייט געווען ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון אונזער וועג, ניו-יאָרק-טאָראָנטאָ.

פון צייט צו צייט געשריבן אין פאָרווערטס פאַרשיידענע אַרטיקלען און ספּעציעל וועגן יידישע שרייבער און ביכער.

אַ טייל פון זיינע אָפּהאַנדלונגען זיינען אַריין אין זיין בוך דיכטער און פּראָזאַאיקער, נ. י. 1959.

זיסקינד, מאָריס (יאַנואַר 15, 1872 — סעפּ. 5, 1958), געב. אין קאָוונע. געלערנט אין דער ישיבה אין סלאָבאָדקאַ.

1889 געקומען קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט

אין שיקאַגאָ. זינט 1905 איז ער געווען אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אָנגעהויבן שרייבן אין באַלטימאָרער וואָכנבלאַט **דער אורחאַ־פּרחאַ**, 1891. שפּעטער געדרוקט אַרטיקלען אין **יידישער קוריער**, **יידישע אַרבעטער־וועלט** (שיקאַגאָ) און אין **פֿאָרווערטס**. פֿון 1920 איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פֿאַר אַרבעטער ענינים (לעיבאָר עדיטאָר) פֿון דער שיקאַגער אויסגאַבע פֿון **פֿאָרווערטס**.

זעצער, שמואל צבי (אָקט. 1876 — אָקט. 10, 1962), געב. אין זוואַהיל, וואָלינער גובערניע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג. ער איז געווען אַ יוגנט־פֿריינד פֿון דעם העברעאישן שרייבער מ. ז. פֿייערבערג און צוזאַמען האָבן זיי געלערנט.

זעצער האָט געלעבט אַ קורצע צייט אין זשיטאָמיר, וואו ער איז געווען אַ לערער, דערנאָך האָט ער זיך באַזעצט אין וואַרשע און געשריבן פֿאַר דער העברעאישער טאָג־צייטונג **הצפירה**. ער האָט אין וואַרשע אויך אָנגעהויבן שרייבן יידיש און האָט איבערגעזעצט אויף יידיש **אויסדערוויילטע שריפֿטן פֿון אחד־העם**, וואַרשע 1911.

אין 1912 איז זעצער געקומען קיין אַמעריקע וואו ער האָט אַנטוויקלט אַ שעפֿערישע ליטעראַרישע אַרבעט. ער האָט געשריבן וועגן חסידיזם, קבלה און יידישן מיסטיציזם און האָט איבערגעזעצט אַ טייל פֿון זוהר אויף יידיש.

ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ צאָל אַרטיקלען אין אַ צאָל צייטשריפֿטן און האָט אַרויסגעגעבן אַן אייגענע שריפֿט **דאָס וואָרט־ביבליאָטעק**, וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער פֿאָרשונג פֿון יידישער געשיכטע, עטיק, פֿילאָסאָפֿיע, הלכה און מיסטיק. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ צאָל ביכער, צווישן זיי **ספּורי מעשיות** — וואונדער מעשיות פֿון רבי נחמן בראַסלאַווער, נ. י. 1929.

זעצער האָט געדרוקט שטודיעס אין **פֿאָרווערטס**, וואו ער האָט אין 1919 פֿאַרעפֿנטלעכט **די געשיכטע פֿון די יידן אין פּוילן**.

אין 1961 האָט זיך זעצער באַזעצט אין ישראל און איז געשטאָרבן אין חולון.

ט

טונקעל, יוסף — „דער טונקעלער" (1881 — אויג. 9, 1949), געב. אין באָברויסק, ווייסרוסלאַנד. צו 16 יאָר אָנגעקומען אין ווילנער צייכן־שול. נאָכן ענדיקן אין 1899 אַוועק קיין אָדעס, אָבער צוליב זיין קורצער ראיה ניט געקאָנט זיך ווייטער פֿאַרנעמען מיט מאָלעריי.

אין 1901 דעביוטירט מיט לידער אין **יוד**. זינט דעמאָלט פֿאַרעפֿנטלעכט לידער, פֿעליעטאָנען און הומאָרעסקעס.

אין 1906 אָנגעקומען קיין אַמעריקע. אין 1908 האָט ער געגרינדעט אין ניו־יאָרק דעם הומאָריסטישן וועכנטלעכן זשורנאַל **דער קיבעצער**, און אין 1909 **דעם קונדס**. אין 1910 צוריקגעפֿאָרן קיין אייראָפּע, געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון **מאָמענט (וואַרשע)** און רעדאַקטירט די וועכנטלעכע הומאָריסטישע אָפּטיילונג **דער קרומער שפּיגל**.

פֿון אייראָפּע האָט טונקעל אָפֿט געשיקט הומאָרעסקעס צום **פֿאָרווערטס**.

אין 1941 איז ער געקומען קיין אַמעריקע און איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן הומאָרעסקעס.

טרייסטער, לייזער (אַפּריל 15, 1905 — יאַנואַר 22, 1981), געב. אין אַפּט (אָפּאַטאָוו), פּוילן. געלערנט אין חדר, ישיבה און רעאַל גימנאַזיע.

אין 1927 אויסגעוואַנדערט קיין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, געוואָרן אַ לערער אין די יידישע שולן. 1937 זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק און זיך ווייטער פֿאַרנומען מיט לערעריי.

דעביוטירט אין 1928 מיט אַ דערציילונג, און זינט דעמאָלט האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט דערציילונגען און ראָמאַנען אין פֿאַרשיידענע צייטונגען און צייטשריפֿטן.

אין 1933 איז אַרויס זיין ראָמאַן **אין די שטילע טעג** (וואַרשע), שפּעטער זיינען אַרויס: **אַריבער די ברעגן** (ניו־יאָרק 1942), **דער פֿאַסטעך־קעניג**, אַ ביבלישע טראַגעדיע אין 5 אַקטן (נ. י. 1955), **די וויזיע ביי דער טייסל** (נ. י. 1971), **ביי די טייכן פֿון ניו־יאָרק** (נ. י. 1978). די דראַמע **דער פֿאַסטעך קעניג** איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן פֿון מאָריס שוואַרצן אין 1955.

טרייסטער האָט געדרוקט אין **פֿאָרווערטס** דעם ראָמאַן **דער שליח פֿון אבות לאַנד און אורי דער סאַברע** (1981).

י

יהואש (1872 — יאנואר 10, 1927), פען נאמען פון **שלמה בלומגארטען.** געב. אין ווערזשבאלאווע, סואוואלקער געגנט, אויף דער גרעניץ צווישן אמאליקן רוסלאנד און דייטשלאנד.

געלערנט אין חדר, ביים פאטער און ביי פריוואטע מלמדים תנ"ך און גמרא. א קורצע צייט געלערנט אין דער וואלאזשינער ישיבה, דערנאך געלערנט פרעמדע שפראכן און זייערע ליטעראטורן. אימיגרירט קיין אמעריקע אין 1890.

דעביוטירט מיט לידער אין י. ל. פרצעס זאמלביכער **יידישע ביבליאטעק,** בענד 1 און 2, ווארשע 1891. אין אמעריקע אנגעהויבן דרוקן זיינע לידער אין 1891 אין **פאלקס־אדוואקאט.** פון דעם 16טן סעפטעמבער 1900 ביז דעם 23סטן סעפטעמבער 1905 געדרוקט יעדע וואך לידער אין **פארווערטס** און אין די **פארווערטס אלמאנאכן.**

יהואש איז געווען איינער פון די סאמע וויכטיקסטע יידישע פאעטן אין אמעריקע. ער האט איבערגעזעצט אויף יידיש דעם תנ"ך, וואס שטעלט מיט זיך פאר איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען **אין דער יידישער** קולטור.

יוד, נחום (אויגוסט 1, 1888 — פעברואר 19, 1966), אדאפטירטער נאמען פון **נחום יערוסאלימטשיק.** געבוירן אין באבער, מאהילעווער געגנט. געלערנט אין חדר און אלגעמיינע לימודים ביי פריוואטע לערער און ווי אן עקסטערן דורכגעמאכט א גימנאזיע. זיינע ערשטע לידער פארעפנטלעכט אין זאמלבוך **ניסן,** ווארשע 1913. אין 1916 אנגעקומען קיין אמעריקע. פארעפנטלעכט זיינע לידער אין פארשיידענע צייטשריפטן.

לאנגע יארן געווען אן איינעוויניקסטער מיטארבעטער פון **פארווערטס,** וואו פארעפנטלעכט אין די זונטיק נומערן זיינס א ליד אדער פאבל. געטאן אויך פארשיידענע צייטונגס־ארבעט און צוגעגרייט צום דרוק **דאס ביגטל־בריוו.**

„און וואס שייך דעם פאעט נחום יוד... האט זיין פארבינדונג מיטן פארווערטס, ווי א שטענדיקער מיטארבעטער אין רעדאקציע, פאר אים געשאפן די מעגלעכקייט זיך מער אפצוגעבן מיט זיינע לידער — די מעגלעכקייט און אויך דעם געמיט, וואס ער האט ניט געקענט האבן פריער, ווען ער האט געדארפט ארויסקוקן דערויף אז מען זאל אמאל ערגעץ אין א צייטונג, אדער אין א זשורנאל, קויפן ביי אים א ליד אדער אן ארטיקל."

(מ. אשעראוויטש)

יונין, וואלף (פעברואר 29, 1908 — מאי 31, 1984), אדאפטירטער נאמען פון **וו. האכמאן.** געב. אין אירקוטסק, סיביר. די משפחה האט זיך אומגעקערט פון דארטן קיין פוילן און געלעבט א צייט אין ביעלסק, לעבן ביאליסטאק. יונין האט דארטן אנגעהויבן ארבעטן ביי א שמיד, שפעטער זיך געלערנט שלאסעריי אין א האנטווערקער שול אין ביאליסטאק.

אין 1928 ארויסגעגעבן אין ביאליסטאק א זאמלונג **7 לידער.** ארום יענער צייט עטלעכע מאל באזוכט ווילנע, זיך באקענט מיט משה קולבאקן און מיט די שרייבערס פון דער גרופע **יונג־ווילנע.** אין יאר 1930 איז ער געקומען קיין אמעריקע, געארבעט ביי פארשיידענע ארבעטן און אין די מלחמה־יארן אנגעפירט מיט א יידישער ראדיאפראגראם. אין 1943 געווארן א מיטארבעטער פון **טאג,** וואו ער האט געשריבן נייעס און אנגעפירט א רובריק **שפראכווינקל,** וואו ער האט פארעפנטלעכט פאלקס־ווערטלעך, אידיאמאטישע אויסדרוקן און פאלקלאר־מאטעריאלן.

ווען דער **טאג־מארגן־זשורנאל** האט זיך געשלאסן, געווארן א מיטארבעטער פון **פארווערטס,** וואו ער האט חוץ דעם **שפראכווינקל** פארעפנטלעכט אין די זונטיק נומערן א ווערטערבוך פון די העברעאישע ווערטער און אויסדרוקן אין יידיש.

וואלף יונין האט געדרוקט לידער אין **אינזיך, צוקונפט** און האט פארעפנטלעכט אין **טאג** (1950־1951) טיילן פון זיין ראמאן אין פערזן **דער 13טער שבט.**

אין בוך־פארעם: **לידער,** נ. י. 1936, 63 זייטן, **דער 13טער שבט,** ראמאן אין פערזן, נ. י. 1956, 127 זייטן.

יעפרויקין, זלמן (אפריל 18, 1895 — אקט. 1, 1966), געב. אין וועקשנע, ליטע. צו פינף יאר צוזאמען מיט דער פאמיליע אריבערגעפארן קיין לובאווע. זיך געלערנט אין א חדר־מתוקן און פארענדיקט א רעאל־גימנאזיע ווי אן עקסטערן, און א יידישן לערער־סעמינאר אין ריגע.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווארן אקטיוו אין ליבאווע, וואו ער האט, צוזאמען מיט יודל

און מענדל מאַרקן געגרינדעט אַ פֿאָלקס־הויז פֿאַר ייִדישער קולטור און אַ ייִדישע שול.

סוף 1921 געקומען קיין ניו־יאָרק וואו געוואָרן אַ לערער אין אַרבעטער־רינג שולן, דערנאָך במשך פֿון לאַנגע יאָרן געווען דירעקטאָר פֿון דער אַרבעטער־רינג מיטל־שול, פֿון אַרבעטער־רינג זומער־קעמפּ פֿאַר קינדער, ווי אויך פֿון די אַרבעטער־רינג לערער־קורסן. פֿון 1953 ביזן סוף פֿון זיין לעבן געווען דער בילדונגס־דירעקטאָר פֿון אַרבעטער־רינג.

זיין ליטעראַרישע אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן אין 1919 ווען ער האָט רעדאַקטירט די בונדישע וואָכנשריפֿט **די שטים** אין ליבאַווע, לעטלאַנד. אין אַמעריקע געדרוקט אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען אין **דער וועקער**, **דער פֿריינד** און אין **שול־אַלמאַנאַך** (פֿילאַדעלפֿיע 1935).

יעפּרויקין איז געווען דער מיטרעדאַקטאָר פֿון **קולטור און דערציאונג** און פֿון דער **קינדער־צייטונג**,ביידע אַרויסגעגעבן פֿון אַ. ר.

פֿון צייט צו צייט פֿאַרעפֿנטלעכט אַרטיקלען אין **פֿאָרווערטס** און אין 1961 געדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען — רייזע־באַשרייבונגען וועגן דעם אַלגעמיינעם און ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד.

יעפּרויקין האָט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל לערן־ביכער וואָס ווערן באַנוצט אין די ייִדיש־וועלטלעכע שולן. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן **ייִדן גיבן זיך ניט אונטער** — רייזע איינדרוקן פֿון אַ באַזוך אין די לענדער פֿון די קאָמוניסטישע **פֿאָלקס־דעמאָקראַטיעס** (ניו־יאָרק 1966).

ישורין יעפֿים (**חיים**) (יולי 9, 1885 — אָקט. 25, 1967), געבוירן אין ווילנע, געלערנט אין אַ ייִדיש־רוסישער מלוכה־שול, דערנאָך געענדיקט אַ גימנאַזיע. געווען אַקטיוו אין **בונד**. 1906־1907 געלעבט אין פּאַריז, פֿון וואַנען געקומען קיין אַמעריקע. די גאַנצע צייט טעטיק אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. 1921—1959 קאַסירער פֿון **פֿאָרווערטס**, אַקטיוו אין אַרבעטער־רינג, אַרבעטער־קאָמיטעט, **פֿאָרווערטס**־אַסאָסיעישאָן, אָרט, מיטגרינדער פֿון ווילנער הילפֿס־קאָמיטעט, פֿון צייט צו צייט געשריבן אַרטיקלען אין **פֿאָרווערטס** און דאָרטן פֿאַרעפֿנטלעכט ביבליאָגראַפֿיעס פֿון אַב. קאַהאַן און הלל ראָגאָף. אין דעם ספּעציעלן נומער **פֿאָרווערטס** פֿון 25סטן מאַי 1947 פֿאַרעפֿנטלעכט **ייִדישע שרייבער אין 50 יאָר פֿאָרווערטס**, מיט געבורט־ און טויטן־דאַטעס.

נאָך זיין צוריקציִען זיך ווי קאַסירער פֿון **פֿאָרווערטס** אין 1959 זיך אָפּגעגעבן מיט דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין **יעפֿים ישורין יובל־בוך**, נ. י. 1960, איז דאָ אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿון די זאַמלביכער וואָס ער האָט רעדאַקטירט און אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿון זיינע ביבליאָגראַפֿיעס. אין 1965 איז אַרויס זיין **100 יאָר מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור**. זיין אַרכיוו געפֿינט זיך אין **ייִוואָ**.

כ

כאַנין, נחום (יאַנואַר 29 1886 — אויגוסט 10, 1965), געב. אין כלאַפּעניש, מינסקער געגנט. געלערנט אין חדר און אין אַ תלמוד תורה. שפּעטער זיך אָפּגעגעבן מיט אַליין־בילדונג. יונגערהייט געוואָרן אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג אין אָרשע, באָריסאָוו, מינסק, יעקאַטערינאָסלאַוו, לובלין און וואַרשע. אַרעסטירט געוואָרן און געזעסן אין טורמעס אין פֿאַרשידענע שטעט און שפּעטער פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף קאַטאָרגע. איז געווען 7 און אַ האַלב יאָר אין טורמעס און קאַטאָרגע אין סיביר.

פֿון דאָרטן אַנטלאָפֿן און געקומען קיין אַמעריקע אין 1912. געוואָרן אַקטיוו אין דער ייִדישער אַרבעטער באַוועגונג. אין 1921—1936 גענעראַל סעקרעטאַר פֿון ייִדישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד. פּרעזידענט פֿון אַרבעטער רינג 1930—1932. 1936—1952 בילדונגס־דירעקטאָר פֿון אַ. ר. און דערנאָך גענעראַל סעקרעטאַר פֿון אַ. ר.

געדרוקט אין יעדן נומער **וועקער** „אַ בריוועלע צו אַ פֿריינד“, אין **קולטור און דערציאונג** געפֿירט די אָפּטיילונג פֿון „מיין שרייב־טיש“.

כאַנין האָט אָפֿט געשריבן אַרטיקלען אין **פֿאָרווערטס** וועגן פּאָליטישע ענינים, קולטור־פֿראַגן. אין 1929 האָט ער באַזוכט רוסלאַנד און האָט אין **פֿאָרווערטס** פֿאַרעפֿנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען „סאָוועט רוסלאַנד — ווי איך האָב איר געזען“. אונטערן זעלביקן נאָמען איז די סעריע אַרויס אין בוך־פֿאָרעם, פֿאַרלאַג **וועקער**, נ. י. 1929.

כהן, צבי (יולי 18, 1885 — ?), געבוירן אין לוּוויטש, וואַרשעווער געגנט. געלערנט אין חדר און אין בית־מדרש, שפּעטער וועלטלעכע לימודים. 1920 געקומען קיין אַמעריקע און שטודירט אין

דראַפּסי־קאַלעדזש וואו באַקומען דאָקטאָראַט פאַר זיין שטודיע וועגן די קאַראימער.

דעביוטירט אין העברעאיש אין 1907 מיט אַ דערציילונג, דערנאָך געאַרבעט אין פאַרשיידענע צייטונגען אין לאָדזש און אין ווארשע. אין ניו־יאָרק געאַרבעט אין **מאָרגן־זשורנאַל** (1921) **אידישעס טאַגעבלאַט** (1922—1928) און אין **טאָג**, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט „הונדערט מעשיות און אַ סוף". אין 1930 געוואָרן אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער אין **פאָרווערטס** ביזן סוף פון זיין לעבן.

אין **פאָרווערטס** האָט ער געדרוקט יעדן זונטיק, אונטערן נאָמען **שמואל וויניצער** „מערקווירדיקע געשיכטעס". אויך פאַרעפנטלעכט אין די שבת נומערן **פאָרווערטס** אַ סעריע אַרטיקלען וואָס זיינען אַרויס אין בוך פאָרעם אונטערן נאָמען **די פילאָזאָפיע פון אידענטום: די אַנטוויקלונג פון אידישן געדאַנק דורך אַלע צייטן**, צוויי בענד, נ. י. 1958, אויך געדרוקט אין **פאָרווערטס** 1959—1961 אַ גרויסע סעריע „די העלדן פון דער וועלט־געשיכטע", וואָס איז אַרויס אין צוויי בענד אין תל־אביב אין 1961. האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ צאָל דראַמעס **„דער רבי פון קאָצק** (1950), **דער רבי פון באַרדיטשעוו** (1953) און אַ היסטאָרישן ראָמאַן **שטורמישע דורות** (1950).

כינאַי, מאַרק (מאיר) (אָקטאָבער 21, 1884 — 1968), געב. אין אַ וואַלד, סוראַזשער געגנט, אוקראַינע. געלערנט אין חדרים און אין אַ רוסישער פאָלקסשול. 1899 אַוועק קיין ווילנע, וואו געוואָרן אַ שריפטזעצער. אַקטיוו אין דער רוסלענדישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער באַוועגונג און געאַרבעט אין אומלעגאַלע דרוקערייען. אַרעסטירט געוואָרן, געזעסן אין טורמעס און סיביר, פון וואַנען אַנטלאָפן עטלעכע מאָל.

1913 געקומען קיין אַמעריקע, זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ, געאַרבעט ווי אַ שריפטזעצער און געשריבן פאַר רוסישע צייטונגען. אין 1922 געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו געשריבן עדיטאָריאַלן און אַרטיקלען וועגן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

אין 1934 באַזוכט רוסלאַנד און האָט אָנגעשריבן אַ לענגערע סעריע אַרטיקלען וועגן זיין רייזע. אַ צייט געווען אַ מיטרעדאַקטאָר פון **דער וועקער**.

אין בוך פאָרעם איז אַרויס: **פון צאַרישן און סאָוועטישן אונטערגרונט; פּאָליטישע און ביאָגראַפישע עטאַפּן אין מיין לעבן**, ניו־יאָרק, 1965. צווישן די פאַרשיידענע אַרבעטן אין בוך גייען אַריין „יידן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד" און אָפּהאַנדלונגען וועגן רפאל אַבראַמאָוויטש און אַב. קאַהאַן.

כמעלניצקי, מלך (מאַי 5, 1885 — מערץ 28, 1946), געב. אין קאָנסטאַנטינאָוועק, קיעווער גוב. אין 1897 איז די משפחה אַריבערגעפאָרן קיין גאַליציע.

כמעלניצקי האָט געלערנט אין חדרים און שפּעטער אין אַ גימנאַזיע אין לעמבערג און שטודירט מעדיצין אין ווינער אוניווערסיטעט. אין 1912 באַקומען זיין דאָקטער־דיפּלאָמע, פּראַקטיצירט מעדיצין אין ווין ביז 1938.

זינט 1904 האָט ער פאַרעפנטלעכט לידער און אַרטיקלען אין פאַרשיידענע יידישע אויסגאַבעס אין גאַליציע און אין ווין. אין 1919 האָט ער אָנגעהויבן דרוקן אַרטיקלען אין **פאָרווערטס** איבער מעדיצינישע פראַגעס.

אין 1939 איז כמעלניצקי אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין מיטאַרבעט אין **פאָרווערטס** און האָט געענטפערט לייענער וועגן זייערע געזונט פּראָבלעמען. זיין לעצטער אַרטיקל, „דער טערמאָמעטער מיט וועלכן מען מעסט פיבער ביי קראַנקע", איז געווען געדרוקט אין **פאָרווערטס** דעם 31סטן מערץ 1946, דריי טעג נאָך זיין טויט.

הגם מלך כמעלניצקי האָט זיין גאַנצן דערוואַקסענעם לעבן פּראַקטיצירט מעדיצין, האָט ער אין דער זעלביקער צייט זיך אָפּגעגעבן מיט זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען. ער האָט געשריבן לידער, עסייען און האָט איבערגעזעצט אויף יידיש לידער פון פאַרשיידענע פּאָעטן. אַן אויסקלייב פון זיינע לידער, פּאָעמעס און איבערזעצונגען, אונטערן נאָמען **רו און אומרו** איז אַרויס אין ניו־יאָרק אין 1948 מיט „אַ וואָרט פון אַ תלמיד" פון מלך ראַוויטש און אַ ביאָגראַפיש־קריטישער עסיי פון מענדל נייגרעשל.

ל

לאַנג, הערי (הערץ), (דעצעמבער 10, 1888 — יוני 20, 1970), געב. אין שקוד, קאָוונער געגנט. געלערנט אין חדרים און אין דער ישיבה אין סלוצק.

1904 אימיגרירט קיין אַמעריקע, געאַרבעט אין שאַפּ און שפּעטער געוואָרן אַ שטובן מאָלער. 1908 אָנגעהויבן שרייבן אין דער **פרייע אַרבעטער שטימע** וועגן אַרבעטער פּראָבלעמען און וועגן דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג. געדרוקט אויך סקיצן אין **צייט־גייסט**, אַ וואָכנשריפט וואָס דער **פאָרווערטס** האָט אַרויסגעגעבן. האָט זיך אויך געדרוקט אין די צייטשריפטן וואָס עס האָבן אַרויסגעגעבן די יידישע יוניאָנס.

אין 1917 געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**. געדרוקט אַרטיקלען וואו ער האָט באַהאַנדלט פּראָבלעמען פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע. געווען אַ צייט דער רעדאַקטאָר פון דער אַרבעטער־אָפּטיילונג אין **פאָרווערטס**. האָט אין דער צייטונג אויך פאַרעפנטלעכט סעריעס אַרטיקלען „יידישע פאָלקס־מעשיות פון די געטאָס אין מיטלאַלטער" און וועגן דער אינקוויזיציע אין שפּאַניע. האָט אויך געשריבן פּאָרטרעטן פון אַמעריקאַנער אַרבעטער־פירער און אַ סעריע אַרטיקלען וועגן זיין רייזע אין רוסלאַנד (1934־1933) וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין עטלעכע שפּראַכן.

אין **פאָרווערטס** האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט צוויי ראָמאַנען „די אומגליקלעכע כלה פון סאָפאָלק סטריט" און „דער קאַמף פאַר אַ מאַמע". ביידע זיינען דראַמאַטיזירט געוואָרן און זיינען געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער.

האָט אַ צייט רעדאַקטירט די ליטעראַטור־זייט און דעם ספּעציעלן נומער וואָס איז אַרויס לכבוד דעם 50־יאָריקן יובילײ פון **פאָרווערטס**.

אַ קורצע צייט געווען רעדאַקטאָר פון **וועקער**.

אין 1950 זיך באַזעצט אין לאָס־אַנדזשעלעס, אָבער פאַרגעזעצט זיין מיטאַרבעט אין **פאָרווערטס**.

אין בוך **פאַרעם אַרויס אויף אַמעריקאַנער וועגן** (נ. י. 1925) און אַ באַנד מעמואַרן **פיר דורות**, אַרויסגעגעבן פון זיין טאָכטער (נ. י. 1974).

לאַסאָווין, לייזער (מאַי 19, 1906 —), געב. אין אָדעס. אין עלטער פון 8 יאָר אויסגעוואַנדערט מיט זיינע עלטערן קיין ביירות, לבנון. געלערנט אין חדר און אין דער אַליאַנס שול, און „קאָלעדזש לאַאיק". אין 1926 אימיגרירט קיין אַמעריקע, געלערנט אין יידישן לערער־סעמינאַר און אין סיטי־קאָלעדזש.

1930 דעביוטירט מיט אַ קינדער־דערציילונג אין **קינדער־זשורנאַל**. דערנאָך געשריבן דערציילונגען, רייזע־איינדרוקן, געדרוקט אין **פאָרווערטס**, **פרייע אַרבעטער שטימע**, **צוקונפט** און אַנדערע.

אין די יאָרן 1979—1974 געדרוקט אין **פאָרווערטס** קאָרעספּאָנדענציעס פון מיאַמי ביטש וועגן דער האָרטיקער יידישער קולטור־טעטיקייט. האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער.

לאַקעטש, מיטשעל (סעפּטעמבער 21, 1911 —), געב. אין נאָווי־דוואָר, לעבן וואַרשע. זיינע עלטערן זיינען געווען אַרבעטער. געלערנט אין אַ פּוילישער פאָלקס־שול, געענדיקט אַ רעגירונגס גימנאַזיע אין קאַליש און גראַדואירט פון דעם וואַלענבערג אינזשענירן־אוניווערסיטעט, וואַרשע 1933, און געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון פּלאַסטיקס. געווען אַקטיוו אין **בונד** און אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.).

אָנגעהויבן שרייבן פאַרן **יוגנט־וועקער** און פאַר דער **פאָלקס־צייטונג** אין וואַרשע אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס. זיך באַטייליקט אין קאָנקורס וועגן יוגנט וואָס דער **ייוואָ** האָט דורכגעפירט און געוואונען אַ פּרעמיע.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז ער אַנטלאָפן פון וואַרשע און איז אין 1940 אַרעסטירט געוואָרן. צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד פאַרשיקט געוואָרן קיין אַרכאַנגעלסק, באַפרייט געוואָרן אין 1942, און אין דעם זעלביקן יאָר אַרויס פון רוסלאַנד מיט גענעראַל אַנדערסעס פּוילישער אַרמיי. שפּעטער אַריין אין דער ענגלישער אַרמיי וואו געדינט ביז 1947. געקומען קיין ניו־יאָרק אין 1947 און איז געווען פאַרבונדן זינט 1951 מיט דער פאַרוואַלטונגס און אינזשיניערן אָפּטיילונג פון דער „אינטערנעשאַנאַל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן". אין 1972 האָט ער באַקומען אַ מאַגיסטער־דיפּלאָם פון דעם פאַקולטעט פון געשעפטס־אַדמיניסטראַציע פון בערנאַרד באַרוך קאָלעדזש.

לאַקעטש איז דער מחבר פון צוויי ביכער אויף ענגליש **אַרבעטערשאַפט און טעכנאָלאָגיע**, 1973 און **פּראָדוקטיוויטעט און סטימולן**, 1976.

איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס** זינט 1973. וואו ער שרייבט וועגן פּאָליטיש־עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. ער איז אויך אַ מיטאַרבעטער פון **אונזער צייט**, **דער וועקער** און

ליבין, ז. (1872 — אפריל 16, 1955), פסעוודאנים פון **ישראל זלמן הורוויץ**. געבוירן אין הארקי, מאהיליעווער גוב. געלערנט אין חדרים און פריוואט. זיך אויסגעלערנט רוסיש, אימיגרירט קיין לאנדאן אין 1891 און דעם זעלביקן יאר קיין ניו־יארק.

אנגעהויבן שרייבן אין דער **ארבעטער־צייטונג** אין 1892. געשריבן פעליעטאנען, סקיצן און דערציילונגען. געווארן א מיטארבעטער פון **פארווערטס**, וואו געארבעט איבער א האלבן יארהונדערט. אין **פארווערטס** טאקע פארעפנטלעכט זיינע רירנדיקע שילדערונגען פון דעם לעבן אין דער אימיגראציע־תקופה און וועגן דער שווערער ארבעט אין די שוויץ־שעפער. אנגעשריבן א גרעסערע צאל פיעסן וואס זיינען געשפילט געווארן אין יידישן טעאטער אין אמעריקע און אייראפע.

אין בוך־פארם זיינען ארויס: **געקליבענע סקיצן**, ארויסגעגעבן פון **פארווערטס**, נ. י. 1907; **געקליבענע שריפטן**, נ. י. 1910; **געקליבענע שריפטן**, 2 בענד, היברו פאבלישינג קא., נ. י. 1912; **געזאמלטע ווערק**, פיר בענד, ארויסגעגעבן פון **פארווערטס** 1915 - 1916; **דערציילונגען, סקיצן, פעליעטאנען**, פארלאג **וועקער**, נ. י. 1943, און אויך ארויסגעגעבן אין בוך־פארעם א צאל דראמען.

„זיינס (ליבינס) אייגנארטיקער, גוטמוטיקער הומאר און טראגי־קאמיזם האבן זיינע דערציילונגען פארשאפט א גרויסע פאפולאריטעט. זיי זיינען ניט סתם שטיפערישע מעשהלעך, זיי זיינען קונסט. א גרויסע צאל פון זיי געהערן צו די אוצרות פון דער יידישער ליטעראטור. שפעטער, ווען בעל־מחשבות האט שוין געשריבן זיינע קריטישע איבערבליקן און ער איז באקאנט געווארן מיט ליבינס ווערק, האט ער וועגן זיי אויסגעדריקט די זעלביקע מיינונג".

(אב. קאהאן)

ליבערזאן, דוד (מאיר), (פעברואר 15, 1903 —), געב. אין בערדיטשעוו, אוקראינע. געלערנט אין חדר. אימיגרירט מיט די עלטערן קיין אמעריקע אין 1912. פארגעזעצט זיינע יידישע לימודים אין א וועלטלעכער יידישער שול. שטודירט אין ניו־יארקער אוניווערסיטעט און אין קאלאמביע אוניווערסיטעט וואו באקומען א מאגיסטער־דיפלאם אין פאליטישע וויסנשאפטן (1940).

אין 1919 געווארן אן אנגעשטעלטער אין דער געשעפט אפטיילונג פון **פארווערטס** און אין 1929 געווארן א שטענדיקער רעדאקציע מיטארבעטער.

ליבערזאן האט געשריבן נייעס און פארשיידענע צייטונגס־ארטיקלען און אפהאנדלונגען וועגן אמעריקאנער יידישן לעבן און בכלל וועגן יידישער דעמאגראפיע. ער האט אויך פארן **פארווערטס** אינטערוויואירט באקאנטע יידישע און ניט־יידישע פערזענלעכקייטן. אין 1953 איז געווען געדרוקט אין **פארווערטס** זיין וויסנשאפטלעכע נאוועלע „צוויי טעג אויף דער לבנה".

זיך צוריקגעצויגן פון דער ארבעט אין 1973, אבער האט אויך זינט דאן געשריבן ספעציעלע ארטיקלען ביי יום טוב געלעגנהייטן. איינע אזא אריגינעלע ארבעט זיינע איז געווען וועגן יידישע נאבעל־לארעאטן.

ליבערזאנ'ס ארטיקלען און אפהאנדלונגען האבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט דער גרינדלעכער פארשונגס־ארבעט, וואס ער האט אין זיי אריינגעלייגט און מיט זיינע טיפע קענטענישן פון דעם געביט וואס ער האט באשריבן.

ליבערמאן, חיים (יאנואר 10, 1890 — מאי 16, 1963), געב. אין קאלק, א דארף לעבן דאמבראוויץ, וואלין. געלערנט אין חדרים און אין א תלמוד־תורה.

1905 אימיגרירט קיין אמעריקע, געארבעט ביי פארשיידענע מלאכות און שפעטער אין דער אדוואקאטן־ביורא פון אברהם שאמער.

אין 1906-1907 אפגעדרוקט עטלעכע ארטיקלען וועגן יידישער דערציאונג אין **אידישעס טאגעבלאט**, אנגעפירט אין דער צייטונג א קינדער־אפטיילונג און אין 1910 געווארן רעדאקציע - סעקרעטאר. שטודירט אין סיטי־קאלעדזש און באקומען זיין באקאלאורעאט פון קאלאמביע אוניווערסיטעט אין 1926.

ליבערמאן איז געווען א לערער אין דער ערשטער נאציאנאל־ראדיקאלער יידישער שול. מיטגרינדער פון יידישן לערער־סעמינאר, וואו ער איז געווען א לערער פון דער יידישער ליטעראטור. 1920 געווארן א מיטארבעטער פון דער טעגלעכער די צייט. נאכן אונטערגאנג פון דער צייטונג אוועק קיין דייטשלאנד וואו שטודירט ליטעראטור און פילאסאפיע. ער האט זיך אומגעקערט קיין אמעריקע אין 1924 און איז געווארן א מיטארבעטער פון **פארווערטס**, וואו ער האט געשריבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

ליבערמאַן האָט אין דער זעלביקער צייט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, מערסטנס וועגן ליטעראַטור.

אין פאָרווערטס האָט ליבערמאַן געשריבן לייט־אַרטיקלען, אַ צייט געווען דער רעדאַקטאָר פון די זונטיק נומערן און מיט דעם אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געדרוקט זיין צוויי־שפּאַלטיקן קאָלום, פריער יעדן טאָג און נאָכדעם דריי מאָל אַ וואָך, וואָס איז געלייענט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס.

אין זיינע קאָלומס, וואָס זיינען אָפט געשריבן געוואָרן אין אַ שאַרפן פּאָלעמישן און טעמפּעראַמענטפולן טאָן, איז ער אַרויסגעטראָטן ווי אַ קעמפער פאַר רעליגיעזער יידישקייט. ער האָט אָנגעפירט קאַמפן קעגן קאָמוניזם, קעגן אַסימילאַציע, קעגן די קריסטלעכע ראָמאַנען פון שלום אַש, קעגן דער פּראָ־סאָוועטישער שטעלונג פון ב. צ. גאָלדבערג, קעגן די נטורי־קרתא צוליב זייער קעגנערשאַפט צו מדינת־ישראל, קעגן חיים זשיטלאָווסקין.

אין די קאָלומס, וואָס זיינען געדרוקט געווען אין צייט פון דער מלחמה, האָט ער געגעבן אַ טעגלעכן איבערבליק איבער דעם לויף פון די קאַמפן.

חיים ליבערמאַן האָט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל ביכער וועגן ליטעראַטור. אַ טייל פון דעם מאַטעריאַל פון די קאָלומס איז אַריין אין זיינע ביכער און בראָשורן, ווי: **ווען די וועלט האָט געברענט, 1946—1939**, צוויי בענד, נ. י. 1947; **שלום אַש און קריסטנטום**, נ. י. 1950; **יידישע קווויזלינגס** — וועגן דער נסיעה פון ב. צ. גאָלדבערג אין 1946 אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נ. י. 1947, **דער רבי און דער שטן**, נ. י. 1959; **פאַרראַט**, נ. י. 1962.

אין 1955 האָט ליבערמאַן באַזוכט ישראל און האָט אין פאָרווערטס פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען.

„ביי חיים ליבערמאַן איז דאָס שרייבן ניט קיין מלאכה נאָר אַ דינסט. דאָס אויפשרייבן פון אַן אַרטיקל נעמט ביי אים אַ סך ווייניקער צייט און ענערגיע ווי דאָס צוגרייטן און אָנזאַמלען פון דעם מאַטעריאַל. עס זיינען געווען פאַלן ווען ער האָט אָפּגעגעבן עטלעכע וואָכן אויף צוגרייטן דעם שטאָף פאַר איינעם אָדער צוויי קאָלומס.

„עס דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז פאַר יעדן קאָלום וואָס האָט דערוועקט צאָרן ביי געוויסע לעזער האָט ליבערמאַן אָנגעשריבן פינף אָדער צען וואָס האָבן ביי די זעלבע לעזער אַרויסגערופן באַוואונדערונג. זיינע קאָלומס וועגן קאָמוניזם, זיין פּאָלעמיק מיט שלום אַשן, זיינע אַרטיקלען וועגן דער יידישער קאַטאַסטראָפע פריער אין די נאַצישע לענדער און שפּעטער אין די לענדער הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג — די און פיל־פיל אַנדערע האָבן זיך איינגעקריצט אין די מוחות פון צענדליקער טויזנטער יידן, און אַ סך פון זיי וועלן בלייבן קלאַסיש אין דער געשיכטע פון יידישן זשורנאַליזם."

(ה. ראָגאָף)

ליטוואַק, א. פּסעוודאָנים פון **חיים יאַנקל העלפאַנד** (1874 — סעפּטעמבער 20, 1932). געבוירן אין ווילנע. געלערנט אין חדרים און אין ישיבות, געלערנט רוסיש און אַ סך געלייענט. אין יאָר 1893 זיך פאַרבונדן מיט די יידישע סאָציאַליסטישע קרייזלעך און שפּעטער געוואָרן אַקטיוו אין **בונד** ווי אַ לערער, רעדנער, לעקטאָר און רעדאַקטאָר. ער איז אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט קיין סיביר. 1904 זיך אומגעקערט פון דאָרטן און ווייטער געוואָרן אַקטיוו. אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַפּריל 1915, געקומען קיין אַמעריקע וואו געוואָרן אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטערבאַוועגונג. נאָך דער רעוואָלוציע פון פעברואַר 1917 צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד. צוליב זיין קעגנערשאַפט צו די קאָמוניסטן, פאַרלאָזט רוסלאַנד. געלעבט אַ פּאָר יאָר אין ווילנע און וואַרשע, וואו פאָרגעזעצט זיינע ליטעראַרישע און פּאָליטישע אַרבעטן. 1925 געקומען קיין אַמעריקע, וואו פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

אין יענע יאָרן 1932—1925 פלעגט ליטוואַק פון צייט צו צייט אָפּדרוקן אַרטיקלען אין **פאָרווערטס** וועגן פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. ווי עס שרייבט ה. ראָגאָף האָט אים דער **פאָרווערטס** געגעבן אַ געלעגנהייט צו שרייבן אַזוי אָפט ווי ער האָט געוואָלט, אָבער ער האָט ניט תמיד אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט.

ליטווין, א. (1862 — מערץ 6, 1943), פּסעוודאָנים פון **שמואל הורוויץ**. געב. אין מינסק. געלערנט אין חדר און דערוואָרבן זיך וויסן ווי אַן אויטאָדידאַקט. זיין ערשטן אַרטיקל, „ארץ ישראל און אירע העלדן", פאַרעפנטלעכט אין **דער יוד** אין 1898 (קראָקע).

אין 1901 געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן אַן אָפטער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס** און פאַרשידענע צייטשריפטן, וואו

געדרוקט לידער, סקיצעס, פובליציסטיק און פאפולער-וויסנשאפטלעכע ארטיקלען. אין 1905 האט זיך ליטווין אומגעקערט קיין רוסלאנד. ער האט געוואוינט אין ווארשע און ווילנע און האט פארגעזעצט זיין ליטעראַרישע און געזעלשאפטלעכע ארבעט. 1912—1909 ארויסגעגעבן אין ווילנע דעם חודש-זשורנאל **לעבן און וויסנשאפט**, וואו ער האט פארעפנטלעכט זיינע אפהאנדלונגען און עסייען וועגן יידישע שרייבער. האט געדרוקט ארבעטן פון די יונגע יידישע שרייבער ווי דוד איינהארן, לייב ניידוס און ש. ניגער. אין דער זעלביקער צייט האט ער געשריבן פאר דער טאג-צייטונג **דער פריינד**. ער האט באזוכט א צאל שטעט און שטעטלעך אין פוילן, גאליציע און ליטע, וואו ער האט געזאמלט מאטעריאלן וואס זיינען באארבעט געווארן און זיינען אריין אין זיינע זעקס בענד **יידישע נשמות**, ניו-יארק 1916-1917.

אין 1914 האט ער זיך אומגעקערט קיין אמעריקע און האט אפט געשריבן פארן **פארווערטס** און אנדערע צייטשריפטן.

ליטווין האט געשריבן וועגן יידישער דערציאונג, קאאפעראטיוון און פראדוקטיוויזאציע, און האט געקליבן פאלקס-מעשיות און פאלקס-לידער. די מאטעריאלן געפינען זיך אין ארכיוו פון טעאלאגישן סעמינאר. די דריי בענד **יידישע נשמות אין אמעריקע**" זיינען געבליבן אין מאנוסקריפט און געפינען זיך אין ארכיוו פון **ייווא**.

ליטווין איז געווען אויך איינער פון די וויכטיקסטע מיטארבעטער פון **פארווערטס** אין די ערשטע יארן פון דער עקזיסטענץ פון דער צייטונג.

ליכטענשטיין, זלמן (דעצ. 5, 1903 — סעפט. 5, 1978), געב. אין מלאווע, פוילן. געלערנט אין חדר און שפעטער אין א פוילישער מלוכה-גימנאזיע אין וולאצלאוועק. געווען דארטן סעקרעטאר פון דער בונדישער ארגאניזאציע 1926—1939, געווען פון צייט צו צייט סעקרעטאר פון יידישע פראפעסיאנעלע פאראיינען אין ווארשע.

1939 אנטלאפן פון פוילן און אין 1940 געקומען קיין אמעריקע. געווען א מיטארבעטער אין יידישן ארבעטער-קאמיטעט, שפעטער געהאלפן גרינדן די קלובן פאר עלטערע מענטשן און איז געווען פארבונדן מיט דער אפטיילונג פאר פענסיאנירטע מיטגלידער פון דער אינטערנאשאנאל (פראפעסיאנעלער פאראיין פון פרויען-קליידער ארבעטער).

ליכטענשטיין האט געדרוקט דערציילונגען אין **וולאצלאוועקער שטימע**, 1922; **וולאצלאוועקער וואכנבלאט** און אין די יארן 1926—1939 געדרוקט פון צייט צו צייט ארטיקלען אין דער **ווארשעווער פאלקס-צייטונג** וועגן דער יידישער פראפעסיאנעלער באוועגונג.

אין ניו-יארק געדרוקט, אונטערן פסעוודאנים **ז. ליכט** און אונטער זיין פולן נאמען דערציילונגען און דערנאך ארטיקלען וועגן סאציאלער פארזיכערונג, און פראבלעמען פון עלטערע מענטשן אין **פארווערטס**.

ליליפוט (קרעטשמער) **גבריאל הירש** (מאי 15, 1883 — יוני 5, 1938). געב. אין ריגע, לעטלאנד. געלערנט אלגעמיינע לימודים אין א פריוואטער שול און יידישע ביי זיין פאטער. געווען אקטיוו אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג און געזעסן א צייט אין טורמעס.

זשורנאליסטישע טעטיקייטן אנגעהויבן אין דער בונדישער פרעסע אין רוסלאנד 1905-1906. געקומען קיין אמעריקע סוף 1906. געארבעט אין פארשיידענע צייטונגען און שפעטער אין **פארווערטס**, וואו אויך געווען א געוויסע צייט נייעס-רעדאקטאר.

אין 1921, בשעת דער שפאלטונג אין דער יידישער סאציאליסטישער פעדעראציע, האט ער צוזאמען מיט א גרופע שרייבער פארלאזן דעם **פארווערטס**, געארבעט א קורצע צייט אין דער טעגלעכער פועלי-ציוניסטישער צייטונג **די צייט**, און אין 1922 געווארן א מיטארבעטער אין דער **פרייהייט**, וואו פארעפנטלעכט איבערזעצונגען פון פארשיידענע ראמאנען. דארטן אויך געדרוקט א ראמאן **דער רויטער פארים**. אין 1932 צוריקגעקומען אין **פארווערטס** ווי אן אינעווייניקסטער מיטארבעטער. ער האט געשריבן ארטיקלען אויף אקטועלע טעמעס און וועגן ארבעטער-פראבלעמען.

ליעסין, אברהם (מאי 19, 1872 — נאוו. 5, 1938), ארגינעלער נאמען **וואלט**. געב. אין מינסק, ביי עלטערן וואס האבן געשטאמט פון רבנים און תלמידי חכמים. באקומען א טראדיציאנעלע דערציאונג און צו אכט יאר האט ער שוין געלערנט גמרא און האט ארויסגעוויזן גרויס התמדה אין לערנען. ער האט געלערנט אין די ישיבות פון

ווילקאמיר, סלאבאדקע און וואלאזשין, וואו ער האט געשמט פאר אן עילוי.

אין דער וואלאזשינער ישיבה האט ער זיך פאראינטערעסירט אין השכלה און האט מיט עטלעכע ישיבה בחורים געשמועסט וועגן השכלה, אמונה און אלגעמיינע פראבלעמען. ער איז אויסגעשלאסן געווארן פון דער ישיבה און איז אוועק קיין ווילנע. דארטן האט ער געלערנט וועלטלעכע לימודים. צווישן זיינע לערער איז געווען מ. מ. ראזענבוים.

אין ווילנע האט זיך ליעסין באגעגנט מיט די רעוואלוציאנערע קרייזלעך און ווייל ער איז געווען טיף פארווארצלט אין יידישן לעבן און אין לומדות, האט ער אנגעהויבן שאפן א סינטעז צווישן סאציאליזם און יידישקייט.

ווען ער האט זיך צוריקגעקערט קיין מינסק איז אויפגעקומען ארום אים א קרייז פון יונגע יידישע סאציאליסטן וואס איז געווען באקאנט ווי די וואלטאוועצעס. ארום יענער צייט האט ליעסין אנגעהויבן שרייבן לידער, וואס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט רעוואלוציאנערע אידעען. די לידער, אין א העקטאגראפירטן ביכל, זיינען פארשפרייט געווארן געהיים.

ליעסין איז געקומען קיין אמעריקע אין 1897 און איז געווארן אקטיוו אין דער יידישער סאציאליסטישער באוועגונג און א מיטארבעטער פון **פארווערטס**. ער איז אפילו א צייט געווען א מיטרעדאקטאר פון דער צייטונג.

אין **פארווערטס** האט ליעסין געדרוקט זיינע לידער און פאעמעס, פובליציסטישע ארטיקלען און אפט לייט־ארטיקלען. חוץ דעם האט ער געדרוקט מאנאגראפיעס וועגן פארשיידענע תקופות און העראאישע קאפיטלען אין דער יידישער געשיכטע. ער האט מיט באגייסטערונג געשריבן וועגן **בונד** און אין דער זעלביקער צייט האט ער געפאדערט פון **בונד** א מער פאזיטיווע באציאונג צו יידישע נאציאנאלע פראבלעמען און קעגן דער טעאריע פון נייטראליזם לגבי דער עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאלק וואס א צאל בונדיסטן האבן דעמאלט אנטוויקלט.

ווען אב. קאהאן האט ענטגילטיק איבערגענומען די רעדאקציע פון **פארווערטס** (1903) זיינען אויפגעקומען קאנפליקטן צווישן אים און ליעסינען. די סיבות זיינען געווען פארשיידענע — ווי די אונטערשיידן אין זייער כאראקטער, ליעסינס סענסיטיוויטעט, עמפינדלעכקייט און קאהאנס אומגעדולד. אבער ליעסין איז געבליבן א מיטארבעטער פון **פארווערטס** ביז ער איז געווארן רעדאקטאר פון דער **צוקונפט** אין 1913. ער האט פארוואנדלט די צוקונפט אין איינעם פון די בעסטע יידישע זשורנאלן אין דער וועלט. ער האט געדרוקט די שאפונגען פון די וויכטיקסטע יידישע שרייבער אין אמעריקע און אייראפע. ער האט אין יעדן נומער געהאט זיין לייט־ארטיקל און זיינע לידער.

ביי זיין לעבן האט ליעסין ניט ארויסגעגעבן קיין זאמלונגען פון זיינע ווערק, אבער נאך זיין טויט זיינען ארויס : **לידער און פאעמען**, דריי בענד, נ. י. 1938; **זכרונות און בילדער**, נ. י. 1954.

„ליעסינס בעסטע נאציאנאלע לידער און פאעמעז, זיינע בעסטע אפהאנדלונגעז וועגן יידישע יום־טובים, יידישע היסטארישע פערזענלעכקייטן און מארטירער, און א סך פון זיינע בעסטע עסייען וועגן יידישקייט זיינען געדרוקט געווען אין **פארווערטס** אונטער קאהאנס רעדאקציע, און זיי זיינען „געפיטשורט" געווארן מיט דער געהעריקער פראמינענץ... מיר אלע אין רעדאקציע האבן געהאט גוואלדיקן רעספעקט פאר ליעסינען, פאר זיין הויכער מאראלער פערזענלעכקייט און פאר זיין ריזיקן טאלאנט. פיל פון אונז האבן געטאן אלעס מעגלעכעס אפצושאפן די שלעכטע שטימונג צווישן אים און קאהאנען..."

(ה. ראגאף)

לעוויטין, בנימין (סעפט. 25, 1890 — אויגוסט 3, 1943), געבוירן אין פאטשעפ, טשערניגאווער געגנט, אוקראינע. געלערנט אין חדרים, ישיבות און אין א פאך־שול.

1906 געקומען קיין אמעריקע, פארענדיקט די אינזשיניערן שול פון אהייא סטעיט אוניווערסיטי. א צייט פראקטיצירט זיין פראפעסיע.

1916 געווארן א מיטארבעטער פון **פארווערטס**, וואו געשריבן ארטיקלען וועגן פאליטישע פראבלעמען. 1923—1929 געווען דער נייעס־רעדאקטאר, דערנאך דער רעדאקטאר פון דער טעאטער־אפטיילונג.

לעוויטין האט באזוכט רוסלאנד און ער האט אנגעשריבן א גרעסערע צאל ארטיקלען וועגן זיין רייזע און ער האט געגעבן אן אפשאצונג פון דעם סאוועטישן רעזשים.

לעווין, זבולון (יולי 18, 1877 — יאַנואַר 22, 1935), געבוירן אין קעלם, קאָוונער געגנט, ליטע. געלערנט אין חדר, ווילנער ישיבה און אין אַ פאָלקסשול. געקומען קיין אַמעריקע אין 1893, צום ערשטן זיך פאַרנומען מיט פעדלעריי, נאָך געוואָרן אַ שריפט־זעצער אין **פאָרווערטס**.

זיין ערשטע דערציילונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין **פאָרווערטס** אין 1897. ער האָט אַ צייט געדרוקט דערציילונגען און פעליעטאָנען. נאָך אַן איבעררייס אָנגעהויבן דרוקן דערציילונגען סטאַביל אין 1912. ער האָט אויך געשריבן איינאַקטערס וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן פון דראַמאַטישע קרייזן. אין 1918 פּרעמירט געוואָרן פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין פאַר זיין איינאַקטער **פּאָעזיע און פּראָזע**.

אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם **קאַפּלאָוויץ און אַנדערע דערציילונגען**, נ. י. 1919, 256 זייטן; **זיי זיינען מאַן און ווייב און אַנדערע דערציילונגען**, נ. י. 1919, 256 זייטן; **קאָמעדיען**, נ. י. 1920, 192 זייטן; **20 דערציילונגען**, נ. י. 1923, 224 זייטן; **אין לעבן**, נ. י. 1926, 287 זייטן. כמעט אַלע דערציילונגען האָבן זיך פריער געדרוקט אין **פאָרווערטס**. ער האָט זיך אויך באַנוצט מיטן פּען־נאָמען לעשץ.

לעווין, שמריהו (1867 — יוני 9, 1935), געבוירן אין סוויסלאָטש, ווייסרוסלאַנד. געלערנט אין חדר, ישיבה, רעאַל־שול און שטודירט אין די אוניווער־סיטעטן פון קעניגסבערג און בערלין. געווען ראַ־בינער אין גראָדנע, יעקאַטערינאָסלאַוו און ווילנע. 1906 אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ דעפּוטאַט פון דער דומע.

אין 1903 גענומען שרייבן פאַר דער פּעטער־בורגער טעגלעכער צייטונג **דער פריינד**, שפּעטער מיטגעאַרבעט אין **די נייע וועלט** און **דאָס יידישע פאָלק**.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געלעבט אין אַמעריקע, וואו מיטגעאַרבעט אין דער יידישער פּרעסע און ספּעציעל אין דער טאָג־צייטונג **וואַרהייט**. נאָך דער מלחמה געווען פאַר־בונדן מיטן „קרן היסוד" און אין שליחות פון פאָנד באַזוכט אַ סך לענדער. אין 1924 זיך באַזעצט אין חיפה און געלעבט דאָרטן ביזן סוף פון זיין לעבן.

אין 1928 האָט דער **פאָרווערטס** אים פאַרבעטן צו שרייבן זיינע זכרונות און זיי זיינען פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אונטערן נאָמען „זכרונות פון מיין לעבן". די זכרונות האָבן זיך געדרוקט יעדן זונטיק במשך פון דריי יאָר.

די זכרונות זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש און העברעאיש און זיינען אַרויס אין בוך־פאָרם (העברעאיש 1935, ענגליש 1920—1932).

לעווענבערג, שניאור (יוני 4, 1907 —), געב. אין קורסק, רוסלאַנד. 1920 אַריבערגעפאָרן קיין ריגע, לעטלאַנד. שטודירט אין אַ מיטל שול אין ריגע און אין 1933 געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט פון ריגער אוניווערסיטעט.

אין 1928 געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער ריגער טאָג־צייטונג **פרימאָרגן**. 1934—1936 מיט־אַרבעטער פון **דאָס וואָרט**, וואַרשע, און אַנדערע צייטשריפטן. 1936 אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן, וואו מיטגעאַרבעט אין דער טאָג־צייטונג **די צייט**.
אין די יאָרן 1949—1951 אַ מיטאַרבעטער אין **פאָרווערטס**. באַנייט זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין דעצ. 1979, וואו ער שרייבט קאָרעספּאָנדענציעס פון לאָנדאָן.

לענעמאַן, לעאָן (אַפּריל 6, 1909 —), געב. אין וואַרשע. געלערנט אין דער יידיש־העברעאישער גימנאַזיע פון מ. קרינסקי. שטודירט אויפן פּעדאַ־גאָגישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט און אין הויכשול פאַר זשורנאַליסטיק, וואָס ער האָט פאַרענדיקט אין 1931.

פון מערץ 1931 ביזן אויסברוך פון דער מלחמה געווען אַ מיטאַרבעטער אין **דער מאָמענט** און **ראַדיאָ** (ביידע וואַרשע).

די מלחמה־יאָרן איבערגעלעבט אין רוסלאַנד. 1944—1946 געלעבט אין מאָסקווע, וואו ער איז געווען רעדאַקטאָר פון דער פּוילישער פּרעסע אַגענטור און קאָרעספּאָנדענט פון דער יידישער טעלעגראַפן אַגענטור (איטאַ).

זיך אומגעקערט קיין פּוילן אין אַפּריל 1946 און אין 1947 אַוועק קיין פּאַריז.

לענעמאַן האָט פון פּאַריז געשריבן קאָרעספּאָנ־דענציעס פאַר אַ גרעסערער צאָל יידישע צייט־שריפטן אין ישראל, אַרגענטינע, קאַנאַדע, בראַזיל, אויסטראַליע, אויך געשריבן פאַרן **טאָג־מאָרגן־זשורנאַל** אין ניו־יאָרק. זינט 1960 איז ל. לענעמאַן דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון **פאָרווערטס**,

וואו ער שרייבט וועגן אַלגעמיינעם און יידישן לעבן אין פראַנקרייך, און אָפט וועגן אַלגעמיינע אייראָפּעאישע פּראָבלעמען.

ל. לענעמאַן איז דער מחבר פון: **דער חשבון בלייבט אָפן** (וועגן די באַציאונגען פון פּאָליאַקן צו יידן בעת דער היטלער־תקופה), בוענאָס־איירעס, 1958, און אַ בוך אויף פראַנצויזיש: **די טראַגעדיע פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד**, פּאַריז 1959, **אַ יידיש יינגל פון וויטעבסק — מאַרק שאַגאַל**, פּאַריז 1983. אין בוך גייט אַריין לענעמאַנס אָפּהאַנדלונג וועגן שאַגאַלן אין יידיש און פראַנצויזיש און שאַגאַלס אויטאָביאָגראַפיע אין יידיש און פראַנצויזיש.

לעשטשינסקי, יעקב (יוני 26, 1876 — מערץ 22, 1966), געב. אין האָראָדיטש, קיעווער געגנט, אין אַ שטרענג־רעליגיעזער משפּחה. געלערנט אין חדר און פאַר זיך. 1896 אַנגעקומען קיין אָדעס, וואו געגעבן העברעאישע שטונדן און זיך געגרייט ווי אַן עקסטערן אָפּצוגעבן עקזאַמענס פאַרן גימנאַזיע קורס.

געוואָרן אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. 1901 אַוועק קיין בערן, שטודירט אין אוניווערסיטעט, זיך באַקענט מיט דער ליטעראַטור פון די רוסישע פאָלקיסטן, צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד און איז געוואָרן אַקטיוו אין די ציוניסטיש־רעוואָלוציאָנערע קרייזן אין וואַרשע און יעקאַטערינאָסלאַוו. זיך באַטייליקט אין דער באַראַטונג פון די אַרבעטער־ציוניסטן, ווילנע 1903. נאָכן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס זיך אָנגעשלאָסן אָן די טעריטאָריאַליסטן, שפּעטער איינער פון די גרינדער פון דער טעריטאָריאַליסטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ס. ס. (1904) און איז געווען אַקטיוו אין דער פּאַרטיי אַ לאַנגע צייט.

אין 1903 פאַרעפנטלעכט אין העברעאישן זשורנאַל **השלוח** אַן אַרבעט: „סטאַטיסטיק פון אַ שטעטל”, און פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן זיין אַקטיוויטעט ווי אַ פאָרשער און פּובליציסט. אין 1904 פאַרעפנטלעכט אין פּרצעס **יידישע ביבליאָטעק** אַן אַרבעט „די יידן אין לאָנדאָן”. אין דער **צוקונפט**, נ. י. 1906, פאַרעפנטלעכט אַן אויספאָרשונג „דער יידישער אַרבעטער אין רוסלאַנד”. נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (1905) מיטגעאַרבעט אין די זשורנאַלן פון דער טעריטאָריאַליסטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין 1910 אַרויסגעשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד, געלעבט אין זשענעווע און שטודירט סאָציאַלע וויסנשאַפטן אין דאָרטן אוניווערסיטעט.

אין 1917, נאָך דער פעברואַר רעוואָלוציע, געפינט ער זיך אין קיעוו, וואו ער איז געווען אַ מיטגרינדער פון דער פאַראייניקטער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי ס. ס. און י. ס. (ציוניסטן־סאָציאַליסטן און סיימיסטן), וואָס איז באַקאַנט געווען ווי „פאַראייניקטע”. ל. איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דער טאָג־צייטונג **די נייע צייט**, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער פּאַרטיי. ער האָט געשריבן אַרטיקלען אויף אַקטועלע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעמעס.

1920 האָט ער זיך באַזעצט אין בערלין, וואו ער איז געוואָרן דער פאַרטרעטער און דער קאָרעספּאָנדענט פון **פאָרווערטס**. ער האָט געשיקט וויכטיקע נייעס טעלעגראַפיש און האָט סיסטעמאַטיש געשריבן אַרטיקלען. ער האָט דערהויפּט געשריבן וועגן דעם לעבן פון די יידן אין רוסלאַנד. די מאַטעריאַלן פון די אַרטיקלען האָט ער אויסגענוצט פאַר זיינע ביכער **דער אמת וועגן די יידן אין רוסלאַנד** (בערלין 1925), **צווישן לעבן און טויט, צען יאָר יידיש לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד** (1930).

אין בערלין האָט ער חוץ פאַרן **פאָרווערטס** געשריבן אויך פאַר אַנדערע שריפטן. ער האָט רעדאַקטירט צוזאַמען מיט ב. ברוצקוס, יעקב סעגאַל **בלעטער פאַר יידישער דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק** (1923—1925) און רעדאַקטירט **שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק**, אַרויסגעגעבן פון **ייוואָ** 1928 און באַנד צוויי 1932.

אין בערלין האָט ער אויך אַרויסגעגעבן **דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן** (1922). ער איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון **ייוואָ**, מיטרעדאַקטאָר און מיטאַרבעטער פון דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע.

ווען די נאַציס האָבן איבערגענומען די מאַכט איז לעשטשינסקי אַרעסטירט געוואָרן. אַ דאַנק די באַמיאונגען פון דעם **פאָרווערטס** איז ער באַפרייט געוואָרן, געלעבט אין פּראַג, ריגע און אין 1934 זיך באַזעצט אין וואַרשע און האָט רעדאַקטירט די צייטשריפט **די יידישע עקאָנאָמיק** (1934—1937).

1938 געקומען קיין ניו־יאָרק, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין אַרבעט אין **פאָרווערטס** און האָט זיך באַטייליקט אין אַנדערע צייטשריפטן, און אַרויסגעגעבן אַ צאָל ביכער און בראָשורן וואָס זיינען אַרויס אין ניו־יאָרק און בוענאָס־איירעס.

אין 1959 האָט ער זיך באַזעצט אין ישראל, וואו ער איז פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

מ

מיימאָן, בן ציון (מערץ 2, 1877 — ?), געבוירן געוואָרן אין קריוואָיע-אָזיערע, פּאָדאָליע, אוקראַינע. געלערנט אין חדר און ביי פּריוואַטע לערער. 1890 געקומען קיין אַמעריקע, געוואוינט אין פילאַדעלפיע און שטודירט אין אָוונט אין טעמפּל אוניווערסיטעט.

1915—1939 געלעבט אין וואַשינגטאָן וואו געווען דער **פאָרווערטס** קאָרעספּאָנדענט. נאָכן פאַרלאָזן וואַשינגטאָן (1939) זיך באַזעצט אין ניו-יאָרק און איז געוואָרן אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט פאַרגעזעצט שרייבן וועגן אַמעריקאַנער פּאָליטישע פראַגן. אין 1950 פּענסיאָנירט געוואָרן און זיך אומגעקערט קיין וואַשינגטאָן.

זיינע „בריוו פון וואַשינגטאָן" זיינען געווען זייער פּאָפּולער און זיינען געלייענט געוואָרן מיטן גרעסטן אינטערעס.

„אויב איר וועט אַמאָל בלעטערן דעם **פאָרווערטס** פון די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן, וועט איר דאָרט געפינען אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען מאַנכע אונטערגעשריבן „בן ציון" און אַנדערע „ב. מיימון", וואָס האָבן אַ פּערמאַנענטן ווערט און וואָס קענען זיין נוצלעך פאַר דעם שרייבער פון געשיכטע, סיי אַמעריקאַנישע, סיי יידישע. אויפן צעטל פון די אַרטיקלען זיינען דאָ פּאָרטרעטן פון היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן און אינטערוויוס וועגן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון יענער צייט און וועגן יידישע אַנגעלעגנהייטן."

(הלל ראָגאָף)

מאַני לייב (דעצ. 20, 1883 — אָקטאָבער 4, 1953), פּען נאָמען פון **מ. ל. בראַהינסקי**. געב. אין ניעזשין, טשערניגאָווער געגנט, אוקראַינע. געלערנט אין חדר און אַליין-בילדונג. זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און איז אַרעסטירט געוואָרן. אין 1904 אַוועק קיין ענגלאַנד און פון דאָרטן אָנגעקומען אין 1905 קיין אַמעריקע. געאַרבעט לאַנגע יאָרן אין שעפּער ווי אַ קאַמאַשנמאַכער.

זיין ערשטע ליד פאַרעפנטלעכט אין **פאָרווערטס** און דערנאָך געדרוקט לידער אין די זשורנאַלן און זאַמלביכער וואָס עס האָבן אַרויסגעגעבן „די יונגע". ער האָט זיך אַנטוויקלט ווי איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע פּאָעטן פון דער דאָזיקער גרופּע, פאַרנומען אַ הויפּט-אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

מאַני לייב איז לאַנגע יאָרן געווען טיילווייז אַ מיטאַרבעטער אין **פאָרווערטס**. ער האָט געדרוקט אין די זונטיק-נומערן אַ גרעסערע צאָל אָריגינעלע און איבערגעזעצטע לידער און האָט רעדאַקטירט דעם „בינטל בריוו" און באַאַרבעט אַרטיקלען פון דער ענגלישער פּרעסע. (אין 1933-1934 האָט ער יעדן טאָג אונטערן פּסעוודאָנים **כעווערעמאַן** פאַרעפנטלעכט אין **טאָג** קורצע אַרטיקלען וועגן אַרבעטער-פּראָבלעמען).

אין 1946 האָט מאַני לייב אויפגעגעבן די אַרבעט אין שאַפּ און איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געדרוקט סיסטעמאַטיש זיינע לידער און געשריבן פאַרשיידענע צייטונגס-אַרטיקלען.

מאַרינאָוו, יעקב (דעצ. 3, 1869 — נאָוו. 27, 1964), געב. אין סערניק, פּאָלעסיע. געלערנט אין חדר און ביי זיין פאָטער, און צו 13 יאָר איז ער געוואָרן אַ שמיד. אין 1893 געקומען קיין אַמעריקע.

דעביוטירט מיט אַ ליד אין מ. ווינטשעווסקיס צייטונג **אמת**, באָסטאָן, 12טן יולי 1895.

ער האָט געדרוקט לידער אין **אַרבעטער-צייטונג** און נאָכדעם ווי דער **פאָרווערטס** איז געגרינדעט געוואָרן, אַ לענגערע צייט אין **פאָרווערטס**, ספּעציעל אין דער אָפּטיילונג „דיכטער-אַלבאָם".

מוראַווטשיק, אברהם-חיים (סעפּט. 1880 — אַפּריל 7, 1950), געב. אין קיעוו. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג, דערנאָך געענדיקט אַ רוסישע גימנאַזיע אין קיעוו.

1905 געקומען קיין אַמעריקע, שטודירט סאָציאָלאָגיע אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט און איז געווען אַקטיוו אין דער יידישער סאָציאַליסטישער און פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

געשריבן אַרטיקלען וועגן עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין **וואַרהייט**, **די נייע וואַרהייט**, **די צייט**, **פאָרווערטס** און **גערעכטיקייט**.

זינט 1922 געווען אַ קאָרעקטאָר אין **פאָרווערטס**, וואו ער האָט פון צייט צו צייט אויך געשריבן אַרטיקלען וועגן עקאָנאָמישע און פינאַנץ-פראַגן.

מוראַווטשיק, רחל (1885 — אַפּריל 19, 1953), פרוי פון **אברהם-חיים מוראַווטשיק**. געב. אין קיעוו,

באקומען א יידישע דערציאונג און געענדיקט א רוסישע גימנאזיע.

1905 אימיגרירט מיט איר מאן קיין אמעריקע, שטודירט סאציאלאגיע אין קאלאמביע אוניווערסיטעט. זי איז געווען טעטיק אין דער סאציאליסטישער באוועגונג און ארום די שלום-עליכם-שולן. האט געלייענט רעפעראטן איבער סאציאלע פראגן פאר די צווייגן פון ארבעטער-רינג. געדרוקט ארטיקלען איבער פרויען ענינים און שילדערונגען וועגן ווירקלעכע געשעענישן אין דער **װאַרהייט** און **נייע וואַרהייט**.

דערנאך מיטגעארבעט אין **פאַרווערטס**, וואו זי פלעגט שרייבן יעדן זונטיק ארטיקלען אויף דער פרויען-זייט.

זיך אויך באנוצט מיט איר מיידלשן פאמיליען־נאמען **בעלקין**.

מילך, יעקב (דעצ. 4, 1866 — אויגוסט 18, 1945), אדאפטירטער נאמען פון **יעקב זויערמילך**. געב. אין ווארשע, געלערנט אין חדר און נאכדעם חסידות און קבלה. שפעטער אנגעהויבן לייענען השכלה ליטעראטור, באקאנט געווארן מיט ווארשעווער משכילים, צווישן זיי מיט בנימין פייגענבוימען.

אין 1891 אימיגרירט קיין אמעריקע. דורך פייגענבוימען זיך באקענט מיט דער יידישער ארבעטער באוועגונג.

אין אקטאבער 1891 דעביוטירט מיט אן ארטיקל „דער סאציאליזם אין רוסיש-פוילן", אין דער **אַרבייטער צייטונג**, וואו ער האט דערנאך געדרוקט ארטיקלען, פעליעטאנען און אין א סעריע ארטיקלען אויסגעטייטשט אויף א פאפולערן אופן דעם מארקסיזם. געווען א מיטגרינדער פון דער **צוקונפט**, וואס ער האט א געוויסע צייט רעדאקטירט. אין 1910 האט ער ארויסגעגעבן עטלעכע נומערן פון א פערטליארשריפט **די נייע וועלט**.

י. מילך איז געווארן א געשעפטסמאן, אבער ער איז זיין גאנץ לעבן געווען א געזעלשאפטלעכער טוער און שרייבער. ער האט געשריבן פאר פארשיידענע צייטשריפטן און א צייט געשריבן אויך פארן **פאַרווערטס**.

מילך איז געווען דער מחבר פון א צאל ביכער צווישן זיי: **די אַנטשטייאונג פון 'פאַרווערטס'**, נ. י. 1936, און **אויטאָביאָגראַפישע סקיצן**, נ.י. 1946.

„יעקב מילך איז געווען איינער פון די געבילדעטע סאציאליסטן אין אמעריקע. ער איז ניט געווען קיין פלינקער זשורנאליסט. ער איז אבער געווען א דענקנדער מענטש, וועלכער האט אפט געהאט זיין אייגענעם צוגאנג צו פארשיידענע געזעלשאפטלעכע פראגן..."
(דוד שוב)

מיללער, לואיס ע. (אפריל 30, 1866 — מאי 22, 1927), אדאפטירטער נאמען פון **ל. באנדעס**. געב. אין ווילנע, באקומען א וועלטלעכע דערציאונג, אריינגעצויגן געווארן אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג און ארום 1880 געמוזט פארלאזן רוסלאנד. געלערנט אין בערלין, די שווייץ און פאריז. אין 1886 איז ער געקומען קיין אמעריקע, ביי טאג געארבעט אין שאפ און ביי נאכט שטודירט יוריספרודענץ.

מיללער איז אין דער זעלביקער צייט געווארן אקטיוו אין דער סאציאליסטישער און אין דער טרעיד-יוניאן באוועגונג. שוין אין 1889 איז ער געווען א דעלעגאט צום קאנגרעס פון סאציאליסטישן אינטערנאציאנאל אין פאריז, וואו ער האט אפגעגעבן א באריכט וועגן דער סאציאליסטישער באוועגונג אין אמעריקע.

אין 1890 איז ער געווען א מיטגרינדער פון דער וועכנטלעכער יידישער סאציאל-דעמאקראטישער **אַרבייטער־צייטונג**, און איז געווען א מיטארבעטער וואו ער האט סיסטעמאטיש געשריבן וועגן פאליטיש-געזעלשאפטלעכע פראבלעמען.

אין 1894 ווען עס איז געגרינדעט געווארן דאס טעגלעכע **אַבענד־בלאַט**, איז ער געווארן א נאענטער מיטארבעטער. נאך דער שפאלטונג אין דער סאציאליסטישער באוועגונג איז ער אוועק מיט דער אפאזיציע און איז געווען א מיטגרינדער פון **פאַרווערטס**, וואו ער האט געשריבן ארטיקלען און לייט-ארטיקלען. ווען דער רעדאקטאר פון **פאַרווערטס** אב. קאהאן האט רעזיגנירט, איז לואיס מיללער געווארן א צייט דער רעדאקטאר.

מיללער האט געשריבן פאלעמישע ארטיקלען וואו ער האט גאנץ אפט גערעדט א שארפע שפראך. ער האט אויך געשריבן וועגן טעאטער און וועגן פארשיידענע נייע אויפפירונגען אויף דער יידישער בינע.

ווען קאהאן האט א צווייטן מאל פארלאזן דעם **פאַרווערטס**, איז מיללער געווארן א מיטגליד פון

דער רעדאַקציע קאָלעגיע וואָס איז באַשטאַנען פון אברהם ליעסין, ם. יאַפע, דר. יוליוס האַלפּערן און וויליאַם עדלין.

אין פאַרשיידענע צייטן, ווען דער **פאָרווערטס** האָט געהאַט פינאַנציעלע שוועריקייטן, איז לואיס מיללערן געלונגען צו שאַפן פאָנדן און אַרויסראַטעווען די צייטונג פון אַ קאַטאַסטראָפע.

ווען קאַהאַן האָט ווידער אָנגענומען דעם פּאָסטן פון רעדאַקטאָר, זיינען פאָרגעקומען קאָנפליקטן צווישן אים און ל. מיללערן. מיללער האָט קריטיקירט קאַהאַנען פאַר איינפירן צו פיל יידישקייט אין **פאָרווערטס** און פאַר קאַהאַנס שאַרפער קריטיק אויף יעקב גאָרדינס פּיעסע **טהרת המשפחה** (1904). ווי אַ רעזולטאַט פון די קאַמפן האָט מיללער פאַרלאָזן דעם **פאָרווערטס** און האָט געגרינדעט אַ נייע טאָג-צייטונג די **וואַרהייט** (1905). שפּעטער, ווען ער איז פון דער **וואַרהייט** אַוועק, צוליב זיין שטעלונג צו דער מלחמה, האָט ער געגרינדעט אין 1916 **מיללערס וואָכנבלאַט** און דערנאָך די צייטונג **דער פירער**. אין 1925 האָט ער פּרובירט נאָך אַמאָל און האָט געגרינדעט אַ נייע טאָג-צייטונג **די נייע וואַרהייט**, וואָס איז אונטערגעגאַנגען דעם זעלביקן יאָר. ער האָט דערנאָך אַ צייט געשריבן אַרטיקלען אין **טאָג**.

מיללער איז געווען דער מחבר פון עטלעכע פּיעסעס וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער. ער איז אויך דער מחבר פון **נייע און אַלטע פּאַלעסטינאַ**, ניו יאָרק 1912. אין בוך-פאָרם איז אויך אַרויס זיין דראַמע **דער מסור**, נ. י. 1914.

מיראַנסקי, פּרץ (פעברואַר 24, 1908 —), געב. אין ווילנע. געלערנט אין חדר און יידישער פאָלקס-שול. דעביוטירט מיט משלים אין **טאָג**, ווילנע, אין 1934, און איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער גרופּע „יונג-ווילנע". פאַרעפנטלעכט משלים אין די זאַמלונגען **יונג-ווילנע**, נומ. 2 און 3, 1935-1936, **ליטעראַרישע בלעטער**, וואַרשע, **שטודיעס**, ווילנע.

נאָכן אָנפאַל פון דייטשלאַנד אויף רוסלאַנד — אַנטלאָפן פון ווילנע, געלעבט אין סאַמאַרקאַנד, וואו ער האָט געאַרבעט אין אַן אַרטעל.

נאָך דער מלחמה, 1945-1946, געלעבט אין אַ פּליטים-לאַגער אין דייטשלאַנד, וואו געווען מיטרעדאַקטאָר פון **אונדזער לעבן**. 1949 זיך באַזעצט אין קאַנאַדע, וואו ער זעצט פאָר שרייבן זיינע משלים און לידער און דרוקט זיי אין פאַרשיידענע צייטשריפטן ווי די **גאָלדענע קייט**, **צוקונפט**.

מיראַנסקי איז אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער דרוקט אָפט אין די זונטיק נומערן משלים און לידער.

אין בוך-פאָרעם זיינען אַרויס: **אַ ליכט פאַר אַ גראָשן**, מאָנטרעאַל 1951; **שורות שירה**, תל-אביב 1974; **צווישן שמייכל און טרער**, טאָראָנטאָ 1979; **מיט פאַרזאַגט**, תל-אביב 1983.

מלאָטעק, יוסף (יולי 25, 1918 —), געב. אין פּראַשעוויץ, קעלצער געגנט. 1925 געקומען מיט זיינע עלטערן קיין וואַרשע, וואו זיך געלערנט אין אַ יידיש-וועלטלעכער שול. געווען אַקטיוו אין דער בונדישער קינדער אָרגאַניזאַציע **סקיף**.

אין 1930 האָט ער אָנגעהויבן דרוקן לידער אין דער **קליינער פאָלקס-צייטונג** און שפּעטער אין **קינדער-פריינד** און **יוגנט-וועקער** (וואַרשע). אין 1936 איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער **פאָלקסצייטונג**, וואו ער האָט געשריבן וועגן אַרבעטער אָנגעלעגנהייטן.

נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה אַנטלאָפן קיין ווילנע. איז אין ווילנע געווען אַ פּראָ-אַספּיראַנט פון **ייוואָ**. אין די יאָרן 1941—1945 האָט ער געלעבט ווי אַ פּליט אין שאַנכאַי, געדרוקט לידער אין זאַמלבוך **אין וועג** (1941) און אין **וואָכנבלאַט אונדזער וועלט**.

פון שאַנכאַי אויסגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע, וואו ער איז געווען אין די יאָרן 1947—1949 אַ לערער אין דער יידישער טאָג-שול אין קאַלגאַרי.

1949 איז מלאָטעק געקומען קיין ניו-יאָרק, געווען אַ לערער אין די אַרבעטער-רינג שולן, האָט פאַרגעזעצט זיין בילדונג אין יידישן לערער-סעמינאַר און אויפגענומען קורסן אין דער **נייער שול פאַר סאָציאַלער פאָרשונג**.

אין 1952 איז מלאָטעק געוואָרן עקזעקוטיוו-סעקרעטאַר פון די אַרבעטער-רינג שולן אין ניו-יאָרק און אין יאָר 1966 איז ער געוואָרן בילדונגס-דירעקטאָר פון אַרבעטער-רינג און רעדאַקטאָר פון **קולטור און דערציאונג**, וואָס איז אין 1967 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין **קולטור און לעבן**. זינט 1966 איז ער אויך רעדאַקטאָר פון דער **קינדער-צייטונג**.

אין די יאָרן 1967—1952 אָנגעפירט מיט דער ראַדיאָ־פּראָגראַם פון דעם אַרבעטער־רינג.

מלאָטעק האָט געדרוקט אַרטיקלען אין דער פריינד, דער וועקער, צוקונפט, קולטור און דערציאונג, קולטור און לעבן און אין פאָרווערטס.

צוזאַמען מיט חנה גאָרדאָן־מלאָטעק אָנגעהויבן אין יולי 1970, אונטערן נאָמען א. פאָרשער, צו דרוקן אין פאָרווערטס „פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע". אין דער אָפּטיילונג ווערן סיסטעמאַטיש געפאָרשט און געדרוקט פאָלקס־לידער, לידער פון אומבאַקאַנטע פּאָעטן, פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון לידער און עס ווערט אָנגעפירט אַן עפנטלעכע קאָרעספּאָנדענץ מיט די לייענער וועגן די ענינים. עס ווערן אויך איבערגעדרוקט לידער לכבוד די יאָרצייטן פון פאַרשטאָרבענע פּאָעטן און לידער פון נייערשיינענע ביכער.

עס זיינען דאָ ספּעציעלע רובריקן: „ווער איז דער מחבר?", וואו עס ווערן געגעבן עטלעכע שורות פון לידער און די לייענער ווערן געבעטן צו ענטפערן ווער עס זיינען די מחברים, און „קעסטל־רעטענישן".

די אָפּטיילונג „פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע" איז ביז 1978 געגעבן געוואָרן יעדן זונטיק, און זינט דעמאָלט ווערט זי געגעבן יעדע צווייטע וואָך.

לעצטנס האָט י. מלאָטעק, אונטערן פען־נאָמען י. האַמער, איינגעפירט אַ נייע אָפּטיילונג, „אין דער וועלט פון יידיש", וואָס דרוקט זיך יעדע צווייטע וואָך אין פאָרווערטס.

אַ טייל פון דעם מאַטעריאַל פון דער זייט „פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע" איז אַריין אין בוך פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע, תל־אביב 1974.

מלאָטעק איז דער מחבר פון עטלעכע טעקסט־ביכער און דער נאַראַטאָר פון עטלעכע גראַמאָפאָן־פּלאַטעס מיט יידישע לידער. לעצטנס מיטגליד פון דער רעדאַקציע קאָלעגיע פון „צוקונפט".

מלאָטעק־גאָרדאָן, חנה (אַפּריל 9, 1922 —), געב. אין ניו־יאָרק, באַקומען באַקאַלאַוראַט פון האָנטער־קאָלעדזש, נ. י. 1946, שטודירט יידישע לינגוויסטיק און יידישן פאָלקלאָר אויף די גראַדואיר־קורסן אין לאָס־אַנדזשעלעסער אוניווערסיטעט און אויף די קורסן פאַר פאָלקלאָריסטיק, ייוואָ.

סעקרעטאַר און אַסיסטענט פון וויסנשאַפטלעכן דירעקטאָר פון ייוואָ, 1944—1951. געאַרבעט ווי מוזיק־דירעקטאָר אין בויבעריק, קינדער־רינג און אַרבעטער־רינג שולן, זינט 1979 אַרכיוויסט אין ייוואָ.

פאַרעפנטלעכט אַ צאָל שטודיעס וועגן יידישן פאָלקלאָר און צוגעגרייט די מוזיק פאַר יידישע פאָלקס־לידער מיט מעלאָדיעס פון י. ל. כהן, רעד. פון מאַקס וויינרייך, פאַר אליקום צונזערס ווערק, רעד. מרדכי שעכטער, און צוזאַמען מיט מלכה גאָטליב רעדאַקטירט 26 געטאָ־לידער (1968) און „מיר זיינען דאָ", פערציק געטאָ־לידער.

1970 אָנגעהויבן, צוזאַמען מיט איר מאַן יאָסל מלאָטעק, אונטערן נאָמען א. פאָרשער, צו דרוקן אין פאָרווערטס די „פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע" (זע: מלאָטעק, יוסף).

מעדעם, וולאַדימיר (יולי 22, 1879 — יאַנ. 9, 1923), געב. אין ליבאַווע, וואו זיינע עלטערן וואָס זיינען געווען איינוואוינער פון מינסק האָבן זיך געפונען אויף וואַקאַציע.

זיין פאָטער, אַ מיליטערישער דאָקטאָר, האָט אים אָפּגעשמדט און ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ רוסיפיצירטער סביבה און אין פּראַוואָסלאַווען גייסט. געענדיקט די גימנאַזיע אין מינסק און שטודירט אין קיעווער אוניווערסיטעט. 1899 אויסגעשלאָסן צוליב אָנטייל אין אַ סטרייק פון סטודענטן. געזעסן אין קיעווער טורמע און צוריקגעקערט קיין מינסק אונטער פּאָליציי השגחה. 1900 אַריין אין בונד און אָנגעפירט מיט געהיימע קרייזן און געשריבן פאַר דער אונטערערדישער בונדישער פּרעסע. 1901 אַרעסטירט געוואָרן. פאַרשיקט קיין סיביר און אַנטלאָפן אין דער שווייץ. שטודירט אין בערנער אוניווערסיטעט. אַקטיוו ווי אַ רעדנער און שרייבער און סעקרעטאַר פון דער צענטראַל־ביוראָ פון די אויסלענדישע בונדישע גרופּעס.

מעדעם האָט זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע צוזאַמענפאָרן פון בונד און אין די קאָנגרעסן פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. אין 1906 איז ער אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד.

אין 1905—1907 איז ער געווען אין רוסלאַנד און זיך באַטייליקט אין דער בונדישער אַרבעט און אין דער בונדישער פּרעסע.

אין 1913-1912 האט מעדעם געלעבט אין ווין און מיטרעדאקטירט די **לעבנספראגן** (ווארשע) און **די צייט, פעטערבורג**.

אין 1913 האט ער זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאנד, איז ארעסטירט געווארן און איז געזעסן אין פארשיידענע טורמעס. ער איז באפרייט געווארן אין 1915 ווען די דייטשן האבן פארנומען ווארשע.

נאך ארום 1906 האט זיך מעדעם פאראינטערעסירט מיט דער נאציאנאלער פראגע און ער האט פארמולירט די טעאריע פון נייטראליזם בנוגע דער צוקונפט און גורל פון יידישן פאלק. אבער ארום 1910 האט ער זיך אנגעהויבן צוריקציען פון נייטראליזם און האט אנגענומען א פאזיטיווע שטעלונג צו דער יידישער נאציאנאלער פראגע און איז ארויסגעקומען פאר קולטורעלער אויטאנאמיע.

מעדעם האט זיך שפעטער אויסגעלערנט רעדן יידיש און אין 1910 האט ער געהאלטן זיין ערשטע רעדע אויף יידיש. דערנאך האט ער אנגעהויבן שרייבן יידיש און איז געווארן א וויכטיקער יידישער פובליציסט. ער האט געדרוקט זיינע ארטיקלען אין דער באנייטער **לעבנס-פראגן**, וואס איז ארויס אין ווארשע.

מעדעם איז געווארן אקטיוו אין דער באוועגונג פאר דער וועלטלעכער יידישער שול און איז געווען א מיטגליד פון ערשטן קאמיטעט פאר יידישע וועלטלעכע שולן.

בשעת די גרויסע דיסקוסיעס וועגן דער שטעלונג פון **בונד** צום באלשעוויזם, האט ער גענומען א קעגנערישע שטעלונג צום באלשעוויזם און צו דער קאמוניסטישער דיקטאטור אין רוסלאנד.

סוף 1920 פארלאזט ער פוילן, קומט קיין ניו-יארק, וואו ער ווערט א מיטארבעטער אין **פארווערטס**, וואו ער האט געשריבן פובליציסטישע און לייט-ארטיקלען און זיינע זכרונות, וואס שטעלן מיט זיך פאר א קלאסיש ווערק אין דער יידישער מעמוארן-ליטעראטור.

די מעמוארן אונטערן נאמען **פון מיין לעבן**, זיינען דערשינען אין צוויי בענד אין ניו יארק אין 1923.

מענעס, אברהם (יאנואר 29, 1897 — אקט. 18, 1969), געב. אין גראדנע. געלערנט אין חדר, אין גראדנער און מירער ישיבה און שטודירט פריוואט אלגעמיינע וויסנשאפטן און פילאסאפיע. זיך באטייליקט אין דער אומלעגאלער בונדישער באוועגונג. אין 1918 געהאלפן אויפבויען די גראדנער קהילה און געווען וויצע-פארזיצער.

סוף 1920 אוועק קיין בערלין, וואו שטודירט געשיכטע און תנ"ך וויסנשאפטן אין בערלינער אוניווערסיטעט. דארטן האט ער צוזאמען מיט רפאל אבראמאוויטשן ארויסגעגעבן א שטודיע **לייענבוך צו דער געשיכטע פון ישראל** (1923), באזירט אויף די סאמע לעצטע אנטדעקונגען. ער האט אין יענער צייט אנגעשריבן א גרעסערע צאל שטודיעס וואס זיינען פובליקירט געווארן אין פארשיידענע צייטשריפטן אין בערלין און ווארשע. אין בערלין האט ער זיך באטייליקט אין דער גרינדונג פון ייווא און אין דער גרינדונג פון דובנאוו-פאנד, וואס האט צוגעגרייט די אויסגאבע פון דער אלגעמיינער ענציקלאפעדיע.

אין 1933 האט ער פארלאזן בערלין און זיך באזעצט אין פאריז, וואו ער האט אנגעשריבן א גרעסערע צאל וויכטיקע ארבעטן פאר דער אלגעמיינער ענציקלאפעדיע. צוזאמען מיט א. טשעריקאווער, בן אדיר, פ. קורסקי האט ער רעדאקטירט דעם דריטן באנד **היסטארישע שריפטן פון ייווא** (ווילנע-פאריז 1939).

סוף 1940 געקומען קיין ניו-יארק, וואו פארגעזעצט זיין ארבעט אין דער „אלגעמיינער ענציקלאפעדיע" און געשריבן פארשיידענע אפהאנדלונגען וואס זיינען פובליקירט געווארן אין **צוקונפט**, **יידישער קעמפער**, **קולטור און דערציאונג**. ער האט רעדאקטירט דעם בוך **אליהו הנביא** (נ. י. 1955) און **דער יידישער געדאנק אין דער נייער צייט"** (נ. י. 1957).

אין 1947 איז מענעס געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער פון **פארווערטס**, וואו ער האט פארעפנטלעכט וואך איין, וואך אויס, ארטיקלען וועגן יידישע פראבלעמען. ער האט געשריבן פון א טראדיציאנעלן צוגאנג, אבער אין דער זעלביקער צייט האט ער אפגעשאצט די וויכטיקייט פון די מאדערנע יידישע געזעלשאפטלעכע באוועגונגען ווי ציוניזם, סאציאליזם און אויטאנאמיזם. ער האט געגלויבט אז אין היינטיקן יידישן לעבן דארפן ווירקן הארמאניש צוזאמען רעליגיע, ציוניזם און יידישער סאציאליזם.

אַן אויסקלייב פון די אַרטיקלען וואָס אברהם מענעס האָט פאַרעפנטלעכט אין **פאָרווערטס** זיינען אַריין אין זיינע ביכער: **שבת און יום טוב: סאָציאַלע גערעכטיקייט, חשבון הנפש, גאולה אין גאַנג פון יידישן יאָר** (תל-אביב 1973) און **יידן און יידישקייט**, צוויי בענד (ירושלים 1974). אין די צוויי בענד זיינען אויך אַריין עסייען וואָס זיינען פּובליקירט געוואָרן, אויסער **פאָרווערטס**, אויך אין אַנדערע צייטשריפטן.

מעצקער, יצחק (1901 — אָקט. 9, 1984), געב. אין קאַזאַטשינאַ, לעבן באַזשטשאַוו, מזרח גאַליציע. געלערנט אין חדר און רעאַל-גימנאַזיע אין באַזשטשאַוו. אין 1920 געקומען קיין בערלין און זיך געלערנט אין דער הומבאָלדט הויכשול. אימיגרירט קיין אַמעריקע אין 1924. געאַרבעט ביי פאַרשיידענע מלאכות און ביינאַכט געלערנט אין יידישן לערער סעמינאַר. אין 1932 געוואָרן אַ לערער אין די אַרבעטער-רינג שולן.

אין 1924 פאַרעפנטלעכט אַ דערציילונג אין **פאָרווערטס** און דערנאָך געדרוקט דערציילונגען, נאָוועלן און מעשיות פאַר קינדער אין פאַרשיידענע צייטשריפטן. אין אַפּריל 1933 פאַרעפנטלעכט אין **פאָרווערטס**, אין עטלעכע פאָרזעצונגען, „בלינדע פּאַסאַזשירן — אַ באַזונדערע געהיימניספולע וועלט" און אַב. קאַהאַן האָט אָנגעשריבן אַ לענגערן אַרטיקל וועגן דער באַשרייבונג.

אין 1942 געדינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און פאַרעפנטלעכט אין **פאָרווערטס** אַ צאָל אַרטיקלען וועגן לעבן אין דער אַרמיי. אין 1944 איז מעצקער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געדרוקט קינסטלערישע שאַפונגען און געטאָן פאַרשיידענע צייטונגס-אַרבעטן. ער האָט רעדאַקטירט מאַנוסקריפּטן, אָנגעפירט די אָפּטיילונג וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אויפזוכן קרובים פון די לעבן-געבליבענע, אויפגענומען ניי-געקומענע, באַשריבן זייערע איבערלעבענישן, רעדאַקטירט דעם „בינטל-בריוו" און פאַרעפנטלעכט אַרום הונדערט דערציילונגען, אַ סעריע „מעשיות וועגן חיות און פייגל", באַריכטן וועגן פאַרהאַנדלונגען אין דעם יידישן געריכט, און פאַרשיידענע אַרטיקלען וועגן מענטשלעכע באַציאונגען אין טאָג-טעגלעכע פאַמיליען פּראָבלעמען. ער האָט אויך פּובליקירט אין **פאָרווערטס** אַ צאָל ראָמאַנען, ווי „די אייביקע שטימע" (1942), „אויפן זיידנס פעלדער", „אויף אַמעריקאַנער ערד", „ביטערס און בען", „סילוויאַ און העלען".

אין בוך-פאָרם זיינען אַרויס אַ צאָל ביכער און צווישן זיי **אויפן זיידנס פעלדער** (ניו-יאָרק 1953), **גאָטס באַשעפעניש**, וואָס איז געווען געדרוקט אין **פאָרווערטס** איז דערשינען אין בוך-פאָרם אין ניו-יאָרק 1958. מעצקער האָט רעדאַקטירט צוויי זאַמלונגען פון **בינטל-בריוו** אויף ענגליש, וואָס זיינען אַרויס אין 1971 און 1981.

נ

נאַוויק, פסח (סעפּטעמבער 7, 1891 —), געב. אין בריסק-ליטאָווסק (בריסק דליטא). געלערנט אין חדר, ישיבה און פּריוואַט רוסיש. אין 1907 אַריין אין **בונד**.

1913 געקומען קיין אַמעריקע — סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע פון **די נייע וועלט**, וואָס איז געווען דער אָרגאַן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע.

נאָך דער רעוואָלוציע פון פעברואַר 1917 זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, וואו געווען טעטיק אין **בונד**. צוריקגעקומען קיין אַמעריקע, טעטיק אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע און מיטגעאַרבעט אין **פאָרווערטס**. נאָך דער שפּאַלטונג אין דער פעדעראַציע אַוועק מיט די לינקע.

1921-1922 געאַרבעט אין **אידישער קוריער**, שיקאַגאָ. זינט דער גרינדונג פון **פרייהייט** מיטאַרבעטער און שפּעטער רעדאַקטאָר.

נאַקס, עזריאל (מאַי 3, 1907 —), געב. אין ראַגאַטשאַוו, מאָהיליעווער גוב. אין עלטער פון זיבן יאָר געקומען קיין אַמעריקע, וואו זיין פאָטער איז שוין געווען זינט 1909.

געלערנט אין דער תלמוד-תורה און אין די אַלגעמיינע שולן אין ניו-העיווען, קאָנעטיקוט. שטודירט אין סיטי-קאַלעדזש און אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט, וואו ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פילאָסאָפיע. באַקומען זיין דאָקטאָראַט אין 1936 פאַר זיין דיסערטאַציע „די עסטעטישע טעאָריעס פון קאַנט, העגל און שאָפּענהאַוער", וואָס איז אַרויס אין בוך-פאָרם אין 1937.

בשעת ער האָט שטודירט איז ער אין דער

זעלביקער צייט געווען א לערער אין די **שלום־עליכם** שולן, א טוער פון דער סטודענטן־ליגע ביי דער יידישער קולטור־געזעלשאפט און א לעקטאר.

א לענגערע צייט געווען דירעקטאר פון דעם ענגליש־רעדנדיקן סעקטאר פון ארבעטער־רינג און רעדאקטאר פון דער אפיציעלער שריפט **דזשי קאל**, וואו ער האט לאנגע יארן אויך געשריבן א קאלום וועגן יידישע ענינים.

1951—1947 איז ער געווען פראפעסאר פון פילאסאפיע אין אוניווערסיטעט פון אהייא און פון 1951 ביז 1975 אין ניו־יארקער אוניווערסיטעט.

די גאנצע צייט איז דר. נאקס געווען אקטיוו אין יידישן קולטור־געזעלשאפטלעכן לעבן און ארום 10 יאר, 1968—1978, געווען פרעזידענט פון יידישן קולטור־קאנגרעס. ער האט עטלעכע מאל באריזט אמעריקע און געלייענט רעפעראטן און האט געהאלטן לעקציעס אויך אין ארגענטינע, אויסטראליע און דרום־אפריקע, בראזיל.

ע. נאקס האט פארעפנטלעכט ארטיקלען אין **וועקער, צוקונפט, פרייע ארבעטער שטימע.** זינט 1968 איז ער א שטענדיקער מיטארבעטער פון **פארווערטס**, וואו ער שרייבט סאציאל־פילאסאפישע אפהאנדלונגען אויף א פאפולערן אופן וועגן אלגעמיינע און יידישע פראבלעמען.

ער איז געווען א מיטגליד פון דער רעדאקציע־קאלעגיע פון **פנקס פאר דער פארשונג פון דער יידישער ליטעראטור און פרעסע**, בענד 1, 2 און 3, ניו־יארק, 1965, 1972, 1975; אין **לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**, באנד אכט, ניו־יארק 1981. ער האט געשריבן פאר פארשיידענע ענגלאַ־יידישע און אלגעמיינע פילאסאפישע צייטשריפטן.

ע. נאקס איז אויך דער מחבר פון בוך **א ראבאי אין אמעריקע** — א קריטישע ביאגראפיע פון אייזיק מ. וויס, באסטאן 1957 (ענגליש).

ניימארק, דוד לייב (דעצ. 11, 1891 — סעפט. 10, 1960), געב. אין שעדלעץ, פוילן. געלערנט אין חדר און אין א ישיבה. יונגערהייט געווארן אקטיוו אין יידישן קולטור־לעבן און איז אויפגעטראטן מיט רעפעראטן אויף ליטערארישע טעמעס. 1916 געווארן אקטיוו אין **בונד**. 1924 זיך באזעצט אין ווארשע, וואו ער איז געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער פון דער טעגלעכער בונדישער **פאלקסצייטונג**.

נאכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אוועק פון ווארשע, געלעבט א צייט אין ווילנע און אין 1941 געקומען קיין מאנטרעאל וואו ער האט געארבעט פארן יידישן ארבעטער־קאמיטעט. שפעטער געוואוינט אין דעטראיט און אין 1952 זיך באזעצט אין ניו־יארק, וואו ער האט געוואוינט ביזן סוף פון זיין לעבן.

ד. ל. ניימארק האט שוין געשריבן קארעספאנדענציעס פארן **פארווערטס** אין די צוואנציקער יארן. ווען ער האט זיך באזעצט אין דעטראיט איז ער געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער פון דער דעטראיטער אויסגאבע פון **פארווערטס**, וואו ער האט געשריבן לאקאלע נייעס און וועגן לאקאלע ענינים. אין ניו־יארק איז ער געווארן אן אינערלעכער מיטארבעטער פון **פארווערטס**. האט געשריבן נייעס, ארטיקלען וועגן צייט־פראגן און האט סיסטעמאטיש געשריבן וועגן יזכור־ביכער.

ניימארק האט אויך געשריבן אין **אונזער צייט** און אין **וועקער**. ער האט זיך אפט באנוצט מיט די פען־נעמען **אריה, ר. פעדער** און **ד. שעדלעצער**.

ס

סאנדלער, פיליפ (פייוול יונה), (אויגוסט 28, 1905 — דעצ. 22, 1979), געב. אין זאסליע, ווילנער גוב. געלערנט אין יידישע און רוסישע פאלקס־שולן.

1923 אנגעקומען קיין אמעריקע און זיך באזעצט אין פילאדעלפיע. געארבעט ביי שניידעריי און זיך געלערנט אין די אוונטן. פון פילאדעלפיע געשריבן קארעספאנדענציעס פאר דער **מארגן־פרייהייט**.

א צייט נאך די ארעסטן פון די יידישע שרייבער אין רוסלאנד, פארלאזן די **מארגן־פרייהייט** און איז שפעטער געווארן א מיטארבעטער און נייעס־רעדאקטאר פון **מאג־מארגן־זשורנאל**. נאך דעם ווי די צייטונג האט אויפגעהערט צו דערשיינען, איז ער געווארן א מיטארבעטער פון **פארווערטס**, וואו ער האט געשריבן נייעס, געווען פון צייט צו צייט דער נייעס־רעדאקטאר און געשריבן ארטיקלען וועגן צייט־פראגן און וועגן אמעריקאנער יידישער געשיכטע.

ספיר, שאול (דעצ. 15, 1895 — אויגוסט 15, 1974), געב. אין ווילנע. געלערנט אין חדר אין דער קצבישער קלויז און אין דער לידער ישיבה.

אימיגרירט קיין אמעריקע אין 1916. געוואוינט אין סיאטעל, ספרינגפילד (מאסאטשוסעטס), וואו ער איז געווען א העברעאישער לערער. שפעטער געווען א שול־דירעקטאר אין ברוקלין. 1922—1926 שטודירט אין קאלומביע אוניווערסיטעט.

אין 1913 האט סאפיר דעביוטירט מיט א העברעאישער דערציילונג אין הזמן (ווילנע). אין אמעריקע זיך געדרוקט אין אידישעס טאגעבלאט, אין דער אמעריקאנער און אין מארגן־זשורנאל, וואו ער האט פארעפנטלעכט א גרויסע צאל היסטא־רישע ראמאנען. אין 1950, ווען דער מארגן־זשורנאל האט זיך פאראייניקט מיטן טאג, איז ער געווארן א מיטארבעטער פון פארווערטס, וואו ער האט געדרוקט היסטארישע ראמאנען און א וועכנטלעכע רובריק „בארימטע מענטשן און עפיזאדן אין דער יידישער געשיכטע".

זיינע ראמאנען האבן זיך געדרוקט אין פארווערטס אויך נאך זיין טויט.

א גרעסערע צאל פון זיינע ראמאנען זיינען דערשינען אין בוך־פארם און זיי זיינען געלייענט געווארן מיט גרויס אינטערעס.

סווערדלין, נתן (1907 — יוני 9, 1981), געב. אין קאפישאק, ליטע. די פאמיליע האט זיך באזעצט אין ווילנע און ער האט געלערנט אין א גימנאזיע און אין ווילנער אוניווערסיטעט. געווען א שטענ־דיקער מיטארבעטער פון דער טעגלעכער צייטונג די צייט, ווילנע. 1936 אימיגרירט קיין ניו־יארק, געווען א לערער און שטודירט אין ניו־יארקער אוניווערסיטעט.

אין 1945 געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער אין טאג און שפעטער אין טאג־מארגן־זשורנאל. ער האט געשריבן פארשיידענע צייטונגס־ארטיקלען און איז געווען דער רעדאקטאר פון דער טעאטער־זייט, האט געשריבן קורצע נאטיצן וועגן טעאטער און אקטיארן און רעצענזיעס וועגן אויפפירונגען אין יידישן טעאטער און וועגן פילמען.

ווען דער טאג־מארגן־זשורנאל האט אויפגעהערט צו דערשיינען אין 1971 איז ער געווארן א טייל־ווייזער מיטארבעטער פון פארווערטס, וואו ער האט געשריבן נייעס.

סיגאלאווסקי, נח (אקטאבער 15, 1901 —), געב. אין א דארף לעבן ליפאוועץ, קיעווער גוב. געלערנט אין חדר ביי פריוואטע לערערס העברעאיש און רוסיש. 1920 געקומען קיין אדעס און זעלביקן יאר אוועק קיין רומעניע. א יאר שפעטער, אין 1922, אנגעקומען קיין אמעריקע.

דעביוטירט אין 1921 מיט א דערציילונג אין דער טאג־צייטונג דער איד, קעשענעוו. אין אמע־ריקע געדרוקט דערציילונגען אין טאג, דער אמע־ריקאנער, אויפקום און צוקונפט.

אין פארווערטס האט סיגאלאווסקי פארעפנט־לעכט א צאל דערציילונגען.

אין בוך־פארם ארויסגעגעבן א צאל ביכער, צווישן זיי: אין קריג, נוארק, 1942; פויערים, ניו־יארק 1944;דער אוצר, דערציילונגען, נוארק 1949; נאכן שטורעם און אנדערע געקליבענע דערציילונגען, ראטשעסטער 1958.

זינט 1964 רעדאקטירט ער די צייטשריפט אונזער אייגן ווינקל, וואס שפעטער איז דער נאמען געענדערט געווארן אויף אונזער אייגן ווארט.

סילווער לואיס (לייב), (מאי 20, 1908 —), געב. אין זאבלודאווע, ביאליסטאק. געלערנט אין חדר און תחכמוני־גימנאזיע אין ביאליסטאק. 1925 אימיגרירט קיין אמעריקע, געענדיקט א מיטל־שול און דעם יידישן לערער־סעמינאר.

פארעפנטלעכט א שטודיע „די געשיכטע פון דעם צווייטן עלטסטן יידישן ישוב אין אמעריקע — אלבאני" אין „יארבוך פון אמאפטייל", נ. י. 1938.

אין די יארן 1939־1940 פארעפנטלעכט אין פארווערטס א סעריע ארטיקלען וועגן יידן אין אמעריקע. געדרוקט ארטיקלען אין קולטור און דערציאונג וועגן יידישער דערציאונג אין אמעריקע.

אין בוך־פארם: יידן אין אמעריקע, עפיזאדן און פערזענען, בוך 1 1654—1681, נ. י. 1955.

סמאלאר, באריס (בער), (יוני 27, 1897 —), געב. אין ראוונע, וואלין. געלערנט ביי זיין פאטער יידישע און וועלטלעכע לימודים און רוסיש. געענדיקט האנדלס־קורסן.

זשורנאליסטישע טעטיקייט אנגעהויבן מיט קארעספאנדענציעס אין ווארשעווער היינט. אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה באזוכט די ערטער ארום דעם פראנט און פארעפנטלעכט א

סעריע אַרטיקלען „יידישע העלדן" אין אָדעסער **אונזער לעבן.**

1918 צוריקגעקומען קיין ראָוונע און רעדאַקטירט לאָקאַלע רוסישע טאָג-צייטונגען. פאַרעפנטלעכט אין וואַרשעווער **מאָמענט** אַ סעריע דערציילונגען „פון אוקראַינישן תחום".

סוף 1920 אימיגרירט קיין אַמעריקע, זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ און שטודירט אין נאָרט-וועסטערן אוניווערסיטעט, מיטגעאַרבעט אין שיקאַגער וואָכנבלאַט **דער אידישער רעקאָרד** און אין דער טאָגצייטונג **די צייט**, ניו-יאָרק.

1924 האָט ער זיך באַזעצט אין ניו-יאָרק, געוואָרן אַ מיטרעדאַקטאָר און קאָרעספּאָנדענט פון דער יידישער טעלעגראַפן אַגענטור, און שפּעטער געוואָרן דער רעדאַקטאָר. מיטגעאַרבעט אין דער טעגלעכער ענגלישער צייטונג **ניו יאָרק וואָירלד.** 1930 באַזוכט רוסלאַנד און געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס פאַר דער צייטונג וועגן דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די יידן אין רוסלאַנד. 1932 און 1936 געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס פון בערלין. 1937 אַרויסגעשיקט געוואָרן פון בערלין, זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע און מיטגעאַרבעט אין אַ גרעסערער צאָל יידישע צייטונגען אין אַמעריקע, אַרגענטינע און אייראָפּע.

זינט די צוואַנציקער יאָרן האָט סמאָלאַר געדרוקט אַרטיקלען אין **פאָרווערטס** און שפּעטער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, וואו ער שרייבט אַ וועכנטלעכן אַרטיקל וועגן אַלגעמיינע יידישע פּראָבלעמען און וועגן דעם יידישן געמיינדע לעבן אין אַמעריקע.

ב. סמאָלאַר האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל קינדער-מעשיות וואָס זיינען אַרויס אין אָדעס, כאַרקאָוו, וואַרשע, בערלין, ניו-יאָרק. אויף ענגליש האָט ער אַרויסגעגעבן **סאָוועטישע יידן היינט און מאָרגן**, ניו-יאָרק 1971, און **אין דינסט פון מיין פאָלק**, באַלטימאָר 1982.

סיגעל, יעקב שמואל (פעברואַר 13, 1889 — ?), געב. אין פּלינסק, וואַרשעווער געגנט. געלערנט אין חדר, בית-מדרש און אין אַ רוסיש-פּוילישער פאָלקסשול און שפּעטער ווי אַן עקסטערן. 1904—1906 געוועזן טעטיק אין **בונד**. 1906 אַנגעקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג.

אָנגעהויבן שרייבן אין 1904 אין אומלעגאַלע בונדישע אויסגאַבעס, דערנאָך אין **דער וועקער**, **פאָלקסצייטונג** (ווילנע).

סיגעל האָט געלעבט אין קענזעס סיטי, אין ניו-יאָרק, דערנאָך זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ.

אין 1911—1913 מיטגעאַרבעט אין **אידישער קוריער**, שיקאַגאָ, וואו געדרוקט אַרטיקלען, דערציילונגען און סקיצן. אין 1919 אויך אָנגעהויבן שרייבן פאַרן **פאָרווערטס** און איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון שיקאַגער אויסגאַבע פון **פאָרווערטס.**

סעגאַלאָוויטש, זוסמאַן (פעב. 26, 1884 — פעב. 19, 1949), געב. אין ביאַליסטאָק. געלערנט אין פּריוואַט-שולן און אין דער היים.

דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור אין 1904. פאַרעפנטלעכט לידער אין פאַרשיידענע צייטשריפטן און זאַמלביכער. זיין פאָעמע **קאַזימעזש** (קאַזשימיעזש), 1912, האָט אַרויסגערופן גרויס ענטוזיאַזם, פּונקט ווי זיין פּאָעמע **רייזעלע דעם שוחטס**, וואָס איז געלייענט און געזונגען געוואָרן.

די יאָרן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט ער איבערגעלעבט אין אָדעס, קרים און קאַווקאַז, און אַ יאָר צייט, 1916-1917, געדינט אין דער רוסישער אַרמיי. ער האָט די גאַנצע צייט געשריבן לידער און זיי פאַרעפנטלעכט אין די זאַמלביכער **אונטערוועגנס**, אָדעס; **קונסט-רינגען**, כאַרקאָוו; **מוט**, מאָסקווע.

אָנהויב 1919 זיך אומגעקערט קיין פּוילן, באַזעצט אין וואַרשע, און האָט געשריבן לידער, דערציילונגען, ראָמאַנען, רייזע-איינדרוקן.

צווישן די צוויי וועלט-מלחמות איז סעגאַלאָוויטש געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע און באַליבסטע יידישע שרייבערס אין פּוילן. ער איז געלייענט געוואָרן פון מאַסן יידן, ספּעציעל פון דער יוגנט, וואָס האָט אים באַטראַכט ווי זייער שרייבער. זיינע ראָמאַנען **די ווילדע צילקע**, **ראָמאַנטישע יאָרן**, **דאָס אַנאַרכיסטישע מיידל**, **אייביק אײנזאַם** האָבן אים באַשאַפן אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין די מלחמה־יאָרן האָט ער געלעבט אין ארץ־ישראל, וואו ער האָט געשאַפן זיין גרויסע פּאָעמע וועגן חורבן **דאָרטן**. ער האָט געשריבן נאָך אַ גאַנצע רייע פּאָעמעס און לידער וועגן די אומקום־יאָרן. זיי זיינען אַריין אין די ביכער: **דאָרטן**, נ. י. 1946; **איצטער**, נ. י. 1948. וועגן זיינע וואַנדערונגען ביז ער האָט דערגרייכט ארץ־ישראל, האָט ער געשריבן אין זיין בוך **געברענטע טריט**, בוענאָס־איירעס 1947.

אין 1948 איז סעגאַלאָוויטש געקומען קיין אַמעריקע. ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן לירישע אַרטיקלען און אַ סעריע „מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב", וואָס איז אַרויס אין בוך־פאָרם אין בוענאָס איירעס אין 1949.

סעיקין, בנימין מ. (1887 — פעברואַר 17, 1957), אָריגינעלער נאָמען **ב. קאַזאַטשינאַ**. געב. אין טולטשין, אוקראַינע. אימיגרירט קיין אַמעריקע אין 1906. געענדיקט אויף דאָקטאָר־מעדיצין אין 1917 און פּראַקטיצירט זיין פּראָפעסיע.

דר. סעיקין האָט געשריבן אַרטיקלען וועגן מעדיצין און געענטפערט אויף מעדיצינישע פראַגן פריער אין **טאָג** און דערנאָך אין **פאָרווערטס**. ער האָט געשריבן אויף אַ יאָדערדיקער שפּראַך און ער פלעגט דערקלערן אויף אַ קלאָרן און פשוטן אופן די סאַמע קאָמפּליצירטע מעדיצינישע ענינים.

אין בוך־פאָרם איז אַרויס שוין נאָך זיין טויט: **אייער געזונט**, נ. י. 1959.

סערדאצקי, יענטע (סעפּט. 15, 1877 — מאַי 1, 1962), געב. אין אלעקסאַט, ביי קאָוונע. געלערנט אין אַ חדר פאַר מיידלעך און פּריוואַט ביי ישיבה־בחורים.

אין 1905 דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין דער טאָג־צייטונג **דער וועג** (וואַרשע), אונטער דער רעדאַקציע פון בעל־מחשבות. אין דער זעלביקער צייטונג געדרוקט נאָך אַ דערציילונג און איז דערמוטיקט געוואָרן פון י. ל. פּרצן.

1907 געקומען קיין אַמעריקע און פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, סקיצן און דראַמאַטישע בילדער אין פאַרשיידענע צייטשריפטן.

י. סערדאצקי איז אין משך פון יאָרן געווען אַ מיטאַרבעטערין פון **פאָרווערטס**, וואו זי האָט געדרוקט דערציילונגען און איינאַקטערס, ווי „אַ די ליבע" (יוני 11, 1921), „די גרינע" (אָקטאָבער 18, 1921), „אייפערזוכט" (יאַנואַר 23, 1922).

אין בוך־פאָרם: **געקליבענע שריפטן**, נ. י. 1913.

ספּיוואַק, חיים (דעצ. 25, 1861 — אָקט. 16, 1927), פאַרקירצטער נאָמען פון **חיים חייקל ספּיקאָווסקי**. געב. אין קרעמענטשוג, אוקראַינע. געלערנט אין חדר, בית־מדרש און אין אַ רעאַל גימנאַזיע.

אימיגרירט מיט דער קיעווער גרופּע פון „עם־עולם" קיין אַמעריקע אין 1882. באַשעפטיקט ביי פאַרשיידענע אַרבעטן און אין 1886 זיך באַזעצט אין פילאַדעלפיע און האָט אויסגעשטודירט אויף דאָקטער־מעדיצין. פאַרנומען וויכטיקע שטעלעס אין פּאָליקליניק אין פילאַדעלפיע 1894-1895 און פּראָפעסאָר פון מעדיצין אין דער דענווער שול פאַר מעדיצין (1900—1907). איז געווען פאַרבונדן מיטן דענווער סאַניטאַריום אין די יאָרן 1904—1927.

ח. ספּיוואַק האָט אָנגעהויבן שרייבן אין רוסיש קאָרעספּאָנדענציעס פאַר **נעדעלנאַיאַ כראָניקאַ וואָסכאָדאַ**, 1884 און פאַר דער **ניו־יאָרקער יידישער פאָלקס־צייטונג**, 1888. שפּעטער האָט ער געדרוקט אַרטיקלען אין **פאָרווערטס** וועגן קראַנקהייטן, געשיכטע פון מעדיצין אין תנ"ך, תלמוד און געשריבן וועגן מעדיצין און היגיענע אין אַ סעריע אַרטיקלען „ווי אַזוי צו פאַרלענגערן דאָס מענטשלעכע לעבן".

אין **פאָרווערטס** האָט ער אויך געשריבן וועגן יידיש, וועגן יידישן פאָלקלאָר וואָס האָט צו טאָן מיט מעדיצין.

ח. ספּיוואַק האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט פאָרשן יידיש און צוזאַמען מיט יהואשן האָט ער אַרויסגעגעבן דעם קלאַסישן **אידיש ווערטערבוך**, — „אַנטהאַלט אַלע העברעאישע און כאַלדעאישע ווערטער, אויסדרוקן און אייגנעמען וואָס ווערן געברויכט אין דער אידישער שפּראַך...", נ. י. 1911, צווייטע אויפלאַגע נ. י. 1926.

ספּיוואַק האָט פאַרעפנטלעכט נאָך פאַרשידענע אַרבעטן וועגן יידיש ווי „דער קאָפּ — אַ רשימה פון ווערטער, אויסדרוקן, ווערטלעך און שפּריכווערטער וואָס ווערן געברויכט אין פאַרבינדונג מיטן וואָרט קאָפּ", פאַרעפנטלעכט אין **צייטשריפט**, מינסק 1926, און „אַלטע און נייע ווערטער אין

יהואשעס חומש", פילאָלאָגישע שריפטן, באַנד צוויי, ווילנע 1928.

ספּיוואַק, יונה (יאַנואַר 1, 1886 — פעב. 27, 1937), געב. אין זשאַרניסטש, קיעווער גוב. געלערנט אין חדרים און אויך באַקומען אַן אַלגעמיינע בילדונג.

1907 האָט ער אימיגרירט קיין אַמעריקע, מיטגעאַרבעט אין **אידישער קוריער** און **אידישער רעקאָרד**, שיקאַגאָ. אין 1919 איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער שיקאַגער אויסגאַבע פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן פאַרשיידענע אַרטיקלען און אַ לענגערע סעריע „די לעבנס־באַשרייבונג פון שלמה מימון".

ספּיוואַק האָט אָנגעשריבן עטלעכע דראַמעס, צווישן זיי „ר' נחמן בראַסלאַווער, אין געשטאַלט פון זיין מעשה מיט זיבן בעטלער", וואָס איז אַרויס אין בוך־פאָרם אין ווילנע, 1932.

ע

עדיסאָן, יצחק (פעברואַר 9, 1918 —), אַדאָפּטירטער נאָמען פון **יצחק ערליכסאָן**. געב. אין וויעזשבינסקי־סטראַכאָוויצע, ביי קעלץ, פּוילן. געלערנט אין חדרים און אין אַ פּראָפעסיאָנעלער שול. זיך ספּעציאַליזירט אויף די כעמישע פּראָצעסן ביים אויסאַרבעטן לעדער.

די מלחמה צייט איבערגעלעבט אין רוסלאַנד, וואו ער איז אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין די וועלדער פון צפון־רוסלאַנד. נאָך דער באַפרייאונג פון לאַגער — אַריינגעטראָטן אין דער פּוילישער אַרמיי. 1944 צוריקגעקומען קיין פּוילן. אין 1947 געקומען קיין פּאַריז און זינט 1957 אין אַמעריקע.

דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור אין 1947 און זיך געדרוקט אין **אונזער וואָרט**, פּאַריז; **די צייט**, לאָנדאָן; **דער אַמעריקאַנער**, ניו־יאָרק.

אין **פאָרווערטס** האָט יצחק עדיסאָן פאַרעפנטלעכט **עלטערן און קינדער**, **דער געהאָנגענער און דער באַן בראָנפן איבער סאָוועט־רוסלאַנד** — אַ סאַטירישער ראָמאַן.

י. עדיסאָן האָט אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרעם **מיינע פיר יאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד**, פּאַריז 1953, **און פּוילן נאָך דער באַפרייאונג**, פּאַריז 1956.

עהרענרייך, חיים (מאַי 10, 1900 — מאַי 31, 1970), געב. אין סוכאַרי, מאָהילעווער גוב., ווייסרוסלאַנד. געלערנט אין חדר און רוסיש־יידישער שול.

1910 געקומען מיט די עלטערן קיין אַמעריקע, געלערנט אין אַ פּאָבליק סקול, מיטל־שול און געווען דער ערשטער תלמיד פון דער ערשטער יידיש־נאַציאָנאַלער ראַדיקאַלער שול אין ניו־יאָרק, געלערנט אין יידישן לערער־סעמינאַר, אין שטאַטישן אוניווערסיטעט און איז אַ צייט געווען אַ לערער אין אַ יידישער שול.

אונטער דער השפּעה פון יואל ענטין זיך פאַראינטערעסירט מיטן יידישן טעאַטער און שטודירט אין דער אַמעריקאַנער דראַמאַטישער אַקאַדעמיע. אָנגעהויבן שרייבן לידער און געדרוקט די לידער 1918־1919 אין **גרויסן קונדס**.

1922 געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, געשריבן נייעס און רעפּאָרטאַזשן, און אין 1925 באַשטימט געוואָרן פאַרן רעדאַקטאָר פון דער טעאַטער־זייט פון **פאָרווערטס**. האָט געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע און ניט־יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען און נייעסן וועגן יידישע אַקטיאָרן און יידישן טעאַטער.

געדרוקט לייכטע פעליעטאָנען אונטערן פּסעוודאָנים **הערמאַן קווינס**, און פּאָפּולערע געשיכטעס וועגן פאַמיליע־פּראָבלעמען אונטערן פען־נאָמען **סידני גאָרדאָן**, (באַזירט אויף די מאַטעריאַלן פון דער יידישער ביוראָ וואָס גיט זיך אָפּ מיט די פּראָבלעמען פון פאַרלאָזענע פרויען). פאַר און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה עטלעכע מאָל באַזוכט אייראָפּע און פאַרעפנטלעכט אין **פאָרווערטס** זיינע רייזע־באַשרייבונגען.

אין בוך־פאָרם איז אַרויס זיין בוך **לענדער און מענטשן**, נ. י. 1957, פאַר וועלכן ער האָט באַקומען די ב. סוראָוויטש פּרעמיע.

נאָך זיין טויט זיינען אַרויס זיינע זאַמלונגען: **פאַרבליבענע ווערטער**, תל־אביב 1974 און **פיגורן און פּראָפילן**, תל־אביב 1976. די מערסטע זאַכן וואָס זיינען אַריין אין די ביכער זיינען פריער געדרוקט געווען אין **פאָרווערטס**.

עלבוים, משה (נאָוו. 16, 1906 — יאַנואַר 27, 1969), געב. אין וואַרשע. געלערנט אין חדרים, ראַדזימינער ישיבה און קהילה שול „בילדונג און מלאכה".

צו צוועלף יאָר אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש. אין 1920 אָנגעהויבן דרוקן הומאָרעסקעס אין **לאָדזשער פאָלקסבלאַט**. 1921—1925 געוואוינט אין לעמבערג און מיטגעאַרבעט אין דער בונדישער **אַרבעטער־שטימע**. 1925 צוריקגעפאָרן קיין לאָדזש און געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **לאָדזשער פאָלקס־בלאַט**. 1928 מיטגעהאָלפן מ. בראָדערזאָנען גרינדן דעם קליינקונסט טעאַטער „אררט” און געשריבן פאַר דעם טעאַטער טעקסטן. 1932—1939 מיט־אַרבעטער פון **אונזער עקספּרעס**, וואַרשע.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז ער אַוועק קיין ווילנע, און אין 1941 איז ער אָנגעקומען קיין שאַנכאַי וואו ער האָט געגרינדעט אַ קליינקונסט־טעאַטער. 1945 מיטגרינדער און מיטרעדאַקטאָר פון **אונזער וועלט**, אין שאַנכאַי, און געשריבן קאָרעס־פּאָנדענציעס פאַרן **פאָרווערטס**. 1948 אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. אָנגעהויבן אַרבעטן פאַרן **מאָרגן־זשורנאַל**. 1954 געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן אַרטיקלען און שפּעטער געוואָרן נייעס־רעדאַקטאָר. יעדן מיט־וואָך האָט ער געשריבן אַ פעליעטאָן אויף היינט־צייטיקע יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען.

עדלין, וויליאַם (מאַי 3, 1878 — נאָוו. 30, 1947), געב. אין פרילוק, פּאָלטאַווער גוב. אין 1891 אימי־גרירט קיין אַמעריקע, געלערנט אין אַן אַלגעמיינער שול און אויפגענומען קורסן אין סטענפאָרד אוני־ווערסיטעט, קאַליפאָרניע.

1896 אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק און מיטגעאַרבעט אין **אַבענד־בלאַט**. אין די יאָרן 1902-1903 איז עדלין געוואָרן אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון **פאָרווערטס** (די אַנדערע מיטגלידער זיינען געווען אברהם ליעסין, מ. יאַפע, יוליוס האַלפּערין, דר. מינץ) און אַ געוויסע צייט געווען דער רע־דאַקטאָר. ער האָט דעמאָלט יעדן מאָנטיק, אין דער אָפּטיילונג „אין דער וועלט פון דראַמע און מוזיק” געדרוקט אַן אַרטיקל.

אין 1904 געוואָרן מיטאַרבעטער פון **מאָרגן־זשורנאַל**. נאָך דער גרינדונג פון **טאָג** אין 1914 געוואָרן אַ נאָענטער מיטאַרבעטער און שפּעטער געווען לאַנגע יאָרן דער רעדאַקטאָר.

עדלין איז מחבר פון בוך **וועלט־באַרימטע אָפּערעס**, נ. י. 1907.

עלבערג, יהודה (מאַי 15, 1912 —), געב. אין זגיערזש, ביי לאָדזש. זיין פאָטער איז געווען אַ רב, באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג און געוואָרן אַ וועבער־מייסטער.

1940—1943 געווען אין וואַרשע און זיך באַ־טייליקט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ.

עלבערג איז געווען אַ מיטגרינדער פון דער לאָדזשער צייטונג **דאָס נייע לעבן**. אין 1944-1945 איז ער געווען סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע, 1946 אַוועק קיין פּאַריז און אין 1948 געקומען קיין ניו־יאָרק ווי אַ דעלעגאַט צו דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנ־גרעס. געלעבט אַ צייט אין ניו־יאָרק און שפּעטער זיך באַזעצט אין מאָנטרעאל.

דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין **לאָדזשער פאָלקס־בלאַט**, 1932. נאָך דער מלחמה געדרוקט דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן אין פאַרשיידענע צייטשריפטן אין אייראָפּע און אַמעריקע, ווי **דאָס נייע לעבן** און **יידישע שריפטן** (לאָדזש), **מאָרגן־זשורנאַל**, **יידישער קעמפער**, **די צוקונפט** (ניו־יאָרק) און **קיום** (פּאַריז).

זיין ערשטע זאַמלונג דערציילונגען **אונטער קופּערנע הימלען** איז אַרויס אין אַרגענטינע אין 1951. שפּעטער האָט ער אַרויסגעגעבן נאָך אַ ריי ביכער.

עלבערג האָט פאַרעפנטלעכט אין **פאָרווערטס** די פאָלגנדע ווערק: „אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש”, „קלמן קאַליקעס אימפעריע”, ביידע אַרויס אין בוך־פאָרם; „ביי די טייכן פון פוילן”, „תהום” און „אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט”, וואָס איז שוין פריער אַרויס אין בוך־פאָרם. אַלע נאָוועלן און דערציילונ־גען פון עלבערגן שילדערן דאָס יידישע לעבן אין פוילן פאַרן חורבן, אין צייט פון חורבן און טייל־ווייז נאָך דער קאַטאַסטראָפע. באַקומען דעם מאַנ־גער־פּרייז.

עליזאָוויץ, י. — געשריבן נייעס און אַרטיקלען אין **פאָרווערטס** און אין דער זעלביקער צייט שטודירט מעדיצין (1906).

ווען ער האָט אָנגעהויבן פּראַקטיצירן מעדיצין האָט ער געענדערט זיין נאָמען אויף **י. עלזוויט**.

עמיאַט, ישראל (יאַנואַר 15, 1909 — מערץ 7, 1978), אָריגינעלער נאָמען **ישראל גאָלדוואַסער**. געב. אין אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק, פוילן. געלערנט אין ישיבות און פּריוואַט וועלטלעכע לימודים. געלייענט יידישע, העברעאישע און פּוילישע ליטעראַטור.

דעביוטירט מיט לידער אין 1926 אין ווייסענבערגס זשורנאַל **אונזער האָפענונג**. געדרוקט לידער און פּראָזע אין רעליגיעזע זשורנאַלן און אויך אין **ליטעראַרישע בלעטער, שריפטן** (וואַרשע).

מלחמה־יאָרן געלעבט אין רוסלאַנד, אין קאַזאַכסטאַן. שפּעטער אין ביראָ־בידזשאַן, וואו אַרעסטירט געוואָרן אין 1948 און איז געזעסן אין טורמעס און לאַגערן ביז 1953. נאָך דער באַפרייאונג געלעבט אַ צייט אין ביראָ־בידזשאַן. אין 1957 אַוועק קיין פּוילן און שפּעטער זיך באַזעצט אין ראָטשעסטער (נ. י.), וואו געווען זייער אַקטיוו אין יידישן קולטור־לעבן.

ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס** און אין די חדשים פעברואַר־אַפּריל 1959 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ לענגערע סעריע אַרטיקלען וועגן זיינע איבערלעבענישן אין ביראָ־בידזשאַן און זיינע אַרעסטן, אונטערן נאָמען „דער ביראָ־בידזשאַנער ענין". די סעריע איז אַרויס אין בוך־פאָרם (ראָטשעסטער, 1960). עמיאָט האָט אויך געדרוקט סיסטעמאַטיש אין **פאָרווערטס** דערציילונגען, לידער און אַרטיקלען וועגן שרייבער און ביכער. אַ טייל פון די אַרטיקלען זיינען אַריין אין זיין בוך **אין מיטעלע יאָרן** (ראָטשעסטער 1963). **דער ביראָ־בידזשאַנער ענין** איז אַרויס אויף ענגליש אין 1981.

ענטין, יואל (נאָוו. 1875 — פעברואַר 26, 1959), געב. אין פּאַהאָסט, מינסקער גוב. געלערנט אין חדר, שפּעטער געלערנט גמרא און העברעאיש ביי זיין עלטערן ברודער.

1891 אימיגרירט קיין אַמעריקע, געלערנט אין דער אָוונט־שול פאַר אימיגראַנטן. 1898—1896 געווען אַ פרייער צוהערער אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט.

אין 1896 האָט י. ענטין אָנגעהויבן שרייבן פאַרן **אַבענד־בלאַט**, וואָס איז דעמאָלט רעדאַקטירט געוואָרן פון פיליפּ קראַנצן. פון יענער צייט אָן איז ענטין געוואָרן זייער אַקטיוו ווי אַ שרייבער, רעדאַקטאָר, לעקטאָר, טעאַטראַל, לערער און קולטור־בויער און מחבר פון אַ צאָל ביכער.

עטלעכע יאָר, אַרום 1906־1905, איז ענטין געווען אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן אַרטיקלען און נייעס.

פּ

פּאַט, יעקב (יולי 19, 1890 — אַפּריל 26, 1966), געב. אין ביאַליסטאָק. געלערנט אין חדר און דערנאָך אין די מוסר־ישיבות פון סלאָבאָדקע און סלוצק. שפּעטער אויסגעהאַלטן ווי אַן עקסטערן דעם עקזאַמען פון אַ גימנאַזיע־קורס.

דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין העברעאיש אין דער **הצפירה** אין 1905. 1907 אַריבער צו יידיש און האָט במשך פון זיין שרייבערישער טעטיקייט פאַרעפנטלעכט קינדער מעשיות, דערציילונגען, ראָמאַנען, קינדער־פּיעסעס, רייזע־באַשרייבונגען, קריטיק, עסייען און אַרטיקלען. זיינע שאַפונגען זיינען פּובליקירט געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטשריפטן ווי **ראָמאַנצייטונג, אייראָפּעאישע ליטעראַטור, אונזער לעבן, טעאַטער־וועלט** (וואַרשע) און **דער פריינד** (פּעטערבורג).

געווען רעדאַקציע־מיטגליד פון די צייטשריפטן **דער וועג** און **אונזער וועג**, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די טעריטאָריאַליסטן־סאָציאַליסטן (ס. ס., 1907—1919). שפּעטער געוואָרן מיטאַרבעטער פון דער בונדישער **פאָלקסצייטונג**, פון דער וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור **ביכער־וועלט** (וואַרשע). ער האָט געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס פאַר דער ניו־יאָרקער **פרייהייט** און האָט דאָרט געדרוקט אַ ראָמאַן. שפּעטער געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס פאַרן **פאָרווערטס**.

אין 1938 איז י. פּאַט געקומען קיין אַמעריקע ווי אַ מיטגליד פון אַ דעלעגאַציע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און צוליבן אויסברוך פון דער מלחמה איז ער פאַרבליבן אין ניו־יאָרק. ער איז געוואָרן זייער אַקטיוו אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן, איז געוואָרן דער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, אַ מיטגרינדער פון יידישן קולטור־קאָנגרעס, איינער פון די איניציאַטאָרן פון **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, פון דער סעריע **יידן** פון דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע, רעדאַקטאָר פון די פיר בענדער פון **נאָענטן עבר** (נ. י. 1955—1958).

זינט זיין באַזעצן זיך אין אַמעריקע האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער **וועקער**, **צוקונפֿט**, וואו ער איז געווען אַ צייט אַ מיטרעדאַקטאָר, און אין **פֿאָרווערטס**.

אין 1945 האָט פּאַט באַזוכט די פּליטים-לאַגערן אין דייטשלאַנד און פּוילן און האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען אין **פֿאָרווערטס** וועגן זיין רייזע. די דאָזיקע אַרטיקלען האָבן געמאַכט אַ טיפֿן איינדרוק אויף די לייענער. אַרויס שפּעטער אין בוך-פֿאָרם אונטערן נאָמען **אַש און פֿייער** (נ. י. 1946).

סיי ווי אַ שרייבער, סיי ווי אַ טוער האָט יעקב פּאַט געגעבן אַ גרויסן צושטייער צו דעם יידישן לעבן פֿריער אין אייראָפּע און שפּעטער אין אַמע-ריקע.

י. פּאַט האָט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל ביכער ווי: **שמועסן מיט יידישע שרייבער** (נ. י. 1954), **שמועסן מיט שרייבער אין ישראל**, ניו-יאָרק 1960; **די לערערין אסתר**, בוענאָס-איירעס 1956; **בונדיסטן**, ווילנע 1926; **אויף קידוש השם**, וואַרשע 1928; **אויף די וועגן פֿון באַגינען**, וואַרשע 1930.

פּאָמעראַנץ, אַלעקסאַנדער (מאַי 11, 1901 — יאַנואַר 9, 1965). געב. אין גראָדנע, געלערנט אין חדר און אין די יאָרן 1914-1913 אין די ישיבות פֿון שטולטשין און מיר. 1918-1917 געלערנט אויף די העברעאישע קורסן און אין רוסישע גימנאַזיעס אין אָסטראָ-גאָזשאַנסק און מינסק. אין 1921 אָנגע-קומען קיין אַמעריקע. געווען אַ תלמיד אויף די לערער-קורסן פֿון אַרבעטער רינג.

דעביוטירט אין 1919 מיט אַ ליד צום ערשטן יאָרצייט פֿון לייב ניידוס. אין ניו-יאָרק רעדאַקטירט די ליטעראַרישע זאַמלונגען **יונג-קוזניע**, 1925-1924. געווען מיטגליד פֿון די רעדאַקציע-קאָלעגיעס פֿון די זשורנאַלן **האַמער**, **סיגנאַל** און **יונגט**, און זיך באַטיי-ליקט אין **פֿרייהייט**, **מאָרגן-פֿרייהייט**, **איקאָר** און **ניי-לעבן**.

1933—1935 געווען אַן אַספּיראַנט אין אינסטי-טוט פֿאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור אין קיעוו, וואו ער האָט אָנגעשריבן זיין אַרבעט: **פּראָלעטפּען, עטיודן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכ-טע פֿון דעם קאַמף פֿאַר אַ פּראָלעטאַרישער ליטע-ראַטור אין אַמעריקע**, אַרויס אין קיעוו אין 1935.

נאָך זיין צוריקקומען קיין ניו-יאָרק געוואָרן ווידער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון דער **מאָרגן-פֿרייהייט**.

אין 1950 האָט ער פֿאַרלאָזט די **מאָרגן-פֿרייהייט** און אַ לענגערע צייט געשריבן נייעס אין **פֿאָרווערטס**. האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אין **פֿאָרווערטס** אַ גרע-סערע צאָל אַרטיקלען.

פּאָמעראַנץ האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל ביכלעך ווי **אַ מיידל פֿון מינסק**, נ. י. 1942; **קאַווקאַז**, נ. י. 1943; **צערימענע קייטן**, נ. י. 1943; **אינזשענערן פֿון נשמות**, נ. י. 1943; **אַ רייזע אין דער צוקונפֿט**, נ. י. 1944, און אַ שטודיע **די סאָוועטישע הרוגי מלכות**, בוענאָס-איירעס 1962.

פּיין, מאַקס (אַפּריל 30, 1866 — מערץ 2, 1928), געב. אין ליבאַוויטש, מאָהילעווער גוב. אין עלטער פֿון ניין יאָר איז ער אַריינגעגעבן געוואָרן אין וועליזש ווי אַ לערן-יינגל אין אַ דרוקעריי.

אין 1888 איז ער אָנגעקומען קיין ניו-יאָרק, געאַרבעט ביי פֿאַרשיידענע פֿאַכן, ווי שניידעריי און דרוקעריי.

מ. פּיין האָט געהאָלפֿן גרינדן די יוניאָנס פֿון יידישע אַרבעטער. געווען סעקרעטאַר פֿון די פֿאַר-אייניקטע יידישע געווערקשאַפֿטן און פֿון יידישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד און טעטיק אין דער הילפֿס-אַרבעט פֿאַר די יידישע מלחמה-געליטענע.

פּיין איז געווען איינער פֿון די גרינדער פֿון **פֿאָרווערטס** און אַ געוויסע צייט מיטרעדאַקטאָר און האָט אָפֿט געשריבן אין **פֿאָרווערטס** וועגן אַרבעטער פֿראַגן.

פּען, אשר (דעצ. 18, 1912 — דעצ. 22, 1979), געב. אין הייסין, פּאָדאָליער גוב. געלערנט אין חדר, אין אַ סאָוועטישער שול און געהיים ביי פּריוואַטע מלמדים.

אימיגרירט קיין קובאַ און דעביוטירט מיט אַ ליד אין זשורנאַל **יונגע שפּראָצונגען**, אַרויסגעגעבן פֿון דער גרופּע „יונג-קובאַ”. מיטגעאַרבעט אין **אויפֿגאַנג** און אין **האַוואַנער לעבן**.

1933—1936 געווען דער קובאַנער קאָרעספּאָנ-דענט פֿון **פֿאָרווערטס**. 1936 אויסגעוואַנדערט קיין

אַמעריקע און ביז 1946 געוואוינט אין פילאַדעלפיע, וואו ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער טאָג־צייטונג **אידישע וועלט**.

אין 1945 געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **טאָג** און שפּעטער פון **טאָג־מאָרגן־זשורנאַל**. אין 1964 איז פּען געוואָרן אַן אינעווייניקסטער מיט־אַרבעטער פון **פֿאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן נייעס, געווען אַ צייט נייעס־רעדאַקטאָר. ער האָט אויך געשריבן אַרטיקלען וועגן יידישן לעבן און אינטערוויוען מיט באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן. האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער.

פּענקין, יעקב (יאַנואַר 13, 1879 — פעב. 4, 1968), געב. אין קאַלינקאַווע, קיעווער גוב. צוזאַמען מיט די עלטערן אימיגרירט קיין אַמעריקע אין 1890 און זיך באַזעצט אין קאָנעטיקאָט, וואו זיין פאָטער האָט פּרובירט גרינדן אַ פאַרם־קאָלאָניע. שפּעטער האָט זיך די משפחה אַריבערגעקליבן קיין ניו־יאָרק, וואו פּענקין האָט בייטאָג געאַרבעט אין אַ שאַפּ און שטודירט ביינאַכט. אין 1905 האָט ער פאַר־ענדיקט אַ שול פאַר יוריספּרודענץ און איז געוואָרן אַן אַדוואָקאַט.

ער איז געווען אַקטיוו אין דער יידישער און אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג און איז אויסגע־קליבן געוואָרן ווי אַ ריכטער אין שטאָט־געריכט אין 1918 און איז געבליבן אויפן פּאָסטן ביז 1928. אין 1934 איז ער באַשטימט געוואָרן ווי אַ ריכטער אין פאַמיליען־געריכט.

פּענקין האָט געשריבן פון צייט צו צייט אַר־טיקלען אין **פֿאָרווערטס**. אין 1925 האָט ער באַזוכט מזרח־אייראָפּע און האָט פאַרעפנטלעכט אין **פֿאָרווערטס** אַרטיקלען וועגן זיין רייזע. (עס איז נישט קלאָר צי די אַלע אַרטיקלען האָט ער געשריבן אין יידיש אָדער זיי זיינען איבערגעזעצט געוואָרן).

פּעסקין, שמואל דר. (1871 — מאַי 22, 1932), געב. אין ווילנע. געלערנט אין חדר, פאַרענדיקט אַ רעאַל גימנאַזיע און שטודירט אויף אינזשינער אין בעלגיע.

1891 אימיגרירט קיין אַמעריקע, שטודירט מעדי־צין און האָט לאַנגע יאָרן פּראַקטיצירט ווי אַ דאָקטער־מעדיצין.

ש. פּעסקין איז געווען אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג ווי אַ שרייבער און אַ לעקטאָר.

ער האָט געשריבן פאַרן **פֿאָרווערטס** ערנסטע פּובלי־ציסטישע אַרטיקלען וועגן סאָציאַלע פּראָגן, דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, רעליגיע און פּראָבלע־מען פון סאָציאַליזם. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון רעווידירן די מאַרקסיסטישע טעאָריע און אין אַ סעריע אַרטיקלען אין **פֿאָרווערטס** האָט ער אָנגעפירט אַ דעבאַטע מיט מ. זאַמעטקינען וועגן „עקספּראָפּריאַציע מיט אַנטשעדיקונג אָדער עקס־פּראָפּריאַציע אָן אַנטשעדיקונג". פּעסקין האָט גע־האַלטן, אַז מען דאַרף די קאַפּיטאַליסטן קאָמפּענסירן פאַר דער עקספּראָפּריאַציע פון זייער אייגנטום, ווייל אויב ניט וועט דאָס פירן צו קאָנטער־רעוואָ־לוציע און צו בלוט־פאַרגיסונג, און די געווינסן פון דער קאָנפיסקאַציע וועלן זיין אין געפאַר.

ש. פּעסקין איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער וואָכנבלאַט **צייט־גייסט**, וואָס דער **פֿאָרווערטס** האָט אַרויסגעגעבן אין די יאָרן 1905—1908.

אויף די עלטערע יאָרן האָט ער אין **פֿאָרווערטס** געשריבן אַרטיקלען וועגן מעדיצין און האָט גע־ענטפערט אויף אָנפראַגעס וועגן געזונט.

פּעסקין האָט אַרויסגעגעבן אויף יידיש עטלעכע בראָשורן. צווישן זיי: **סטרייקס און זייער נוצלעכ־קייט פאַר די אַרבעטער"**, ניו־יאָרק 1904.

פּערלאָוו, יצחק (פעב. 11, 1911 — נאָוו. 16, 1980), געב. אין ביאַלאַ־פּאָדליאַסק, פּוילן. געלערנט אין אַ חדר, ישיבה און גימנאַזיע.

דעביוטירט מיט לידער אין **ליטעראַרישע בלע־טער**, וואַרשע 1928, און פאַרעפנטלעכט לידער און פּראָזע־שאַפונגען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן אין פּוילן און אַנדערע לענדער. אין פּוילן, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַרויסגעגעבן אַ צאָל לידער זאַמלונגען, צווישן זיי **אונטערגאַנג**, לידער, 1932; **עסטראַדע**, לידער, 1934, און אַ ראָמאַן **בלאָנ־דזשענדע קאַיאַפן**, 1936.

די מלחמה יאָרן האָט פּערלאָוו איבערגעלעבט אין רוסלאַנד, וואו ער האָט געשאַפן מאַטעריאַל פאַר די יידישע אַקטיאָרן וואָס האָבן דעמאָלט געשפּילט אין פאַרשיידענע געגנטן פון דעם סאָוועטן פאַרבאַנד.

נאָך דער מלחמה זיך אומגעקערט קיין פּוילן, געלעבט אין לאָדזש און שפּעטער אַוועק אין די לאַגערן פון דער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד, זיך באַטייליקט אין די צייטונגען וואָס עס זיינען

אַרויס אין די לאַגערן און אַרויסגעגעבן דאָרטן **אונזער רעגנבויגן**, לידער, מינכען 1948; **אונזער ליקוי־חמה**, לידער, מינכען 1946; **עקזאָדוס**, לידער, דאָרט 1948.

1949 אויסגעוואַנדערט קיין ישראל, וואו ער איז געווען זייער פּראָדוקטיוו. ער האָט אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן אַ צאָל ראָמאַנען, זאַמלונגען דערציילונגען, צווישן זיי: **די מענטשן פון עקזאָדוס**, בוענאָס־איירעס, 1949; **דער צוריקגעקומענער**, 1952; **אין אייגענעם לאַנד**, 1952; **מאַטילדע לעבט**, 1954 (אַלע בוענאָס איירעס), **פּלאָראַ איינגבער**, תל־אביב 1959; **מיינע זיבן גוטע יאָר**, תל־אביב 1959.

ווען ער איז נאָך געווען אין ישראל האָט פּערלאָוו געדרוקט אין **פֿאָרווערטס** ראָמאַנען און אַ זייער דערפאָלגרייכע סעריע הומאָריסטישע באַשרייבונגען פון די מלחמה־יאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין 1961 איז פּערלאָוו געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז גלייך געוואָרן אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון **פֿאָרווערטס**. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער טעאַטער־זייט און פון „שטיף־קינד". ער האָט אויך געשריבן פּעליעטאָנען, עסייען און פּאָפּולערע אַרטיקלען און ראָמאַנען. צווישן די ראָמאַנען וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין **פֿאָרווערטס** זיינען געווען **מיינע זיבן גוטע יאָר**, **די קעניגין פון די זומפּן** און **דער עלנדער דור**.

פּערלאָוו האָט אויך געשריבן פאַרן טעאַטער מאָנאָלאָגן, לידער, סקעטשן און פּיעסעס.

פּערלמאַן, נ. (1897 — ?), געב. אין רוסלאַנד. געלערנט אין חדר און שפּעטער באַקומען העכערע בילדונג און געלערנט שפּראַכן.

געקומען קיין אַמעריקע אין 1910 און געשריבן אַרטיקלען און דערציילונגען. אַ לענגערע צייט געווען אַ מיטאַרבעטער פון **פֿאָרווערטס**, וואו ער האָט געדרוקט דערציילונגען אָריגינעלע, אָבער מערסטנס איבערגעזעצטע. ער האָט זיך באַזעצט אין ישראל וואו ער איז געשטאָרבן.

פּערלמאַן האָט איבערגעזעצט אַ צאָל ראָמאַנען אויף יידיש, ווי: **פּאַר אדמען**, פון דזשעק לאָנדאָן; **דער אויפשטאַנד פון די מלאכים**, פון אַנאַטאָל פראַנס; **מוטער און זון**, פון ראָמאַן ראָלאַן (אַלע אַרויס אין ניו־יאָרק) און צוזאַמען מיט דר. ק. פארענבערג האָט ער איבערגעזעצט **דער טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט**, פון ב. שפּינאָזאַ.

פ

פּאָגעל, ישראל (אוירווינג), (יוני 10, 1912 —), געב. אין בראָד, גאַליציע. געלערנט אין זיין פּאָטערס חדר. פון 1917 ביז 1921 געלעבט מיט זיינע עלטערן אין ווין. אימיגרירט קיין אַמעריקע אין 1923, געלערנט אין אַ מיטל־שול און אויפגענומען קורסן אין דער „נייער שול פאַר סאָציאַלער פאָרשונג" און אין שטאָטישן קאַלעדזש.

אָנגעהויבן אַרבעטן אין **פֿאָרווערטס** אין 1930. ספּעציאַליזירט זיך אין שרייבן וועגן אַרבעטער־פּראָבלעמען. אין 1951 איז ער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער אַרבעטער־זייט (לעיבאָר־עדיטאָר) וואו ער האָט געשריבן סיסטעמאַטיש וועגן געשעענישן אין די יוניאָנס, וועגן יוניאָן־טוער און וועגן טאָג־טעגלעכע פראַגן פון די אַרבעטער.

י. פּאָגעל דערמאָנט אָפט אין זיינע אַרטיקלען די אַמאָליקע טוער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אין „ראַנד־סקול" און דער ראַדיקאַלער סביבה.

ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפּן קעגן די קאָמוניסטן אין די יוניאָנס און קעגן זייער פּרואוו צו באַהערשן די יוניאָנס.

פּאָגעלמאַן, לאַזאַר (מאַי 27, 1888 — סעפּט. 10, 1970), אַדאָפּטירטער נאָמען פון **אליעזר פייגעלמאַן**. געב. אין נעסוויזש, מינסקער גוב. געלערנט ביי זיין פּאָטער וואָס האָט געגרינדעט אַ חדר־מתוקן אין שטאָט. שטודירט ווי אַן עקסטערן און אין 1906 אַריין אין זיבעטן קלאַס פון אַ גימנאַזיע וואָס ער האָט פאַרענדיקט אין וואַרשע אין 1908 מיט אַ מעדאַל. אָנגעקומען אויף דעם יורידישן פאַקולטעט פון דער וואַרשעווער אוניווערסיטעט און געענדיקט אין 1912. שטודירט דערנאָך אין פּעטערבורג אין פּסיכאָ־נעוראָלאָגישן אינסטיטוט. שפּעטער געווען אַ לעקטאָר אויף הייך־קורסן וועגן דער רוסישער ליטעראַטור.

אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע געווען אַ לערער אין אַלגעמיינע שולן אין וויטעבסק, סלוצק און אין זיין היימשטאָט נעסוויזש.

אין 1921 אימיגרירט קיין אַמעריקע, שטודירט יוריספּרודענץ אין פאָרדהאַם אוניווערסיטעט און געענדיקט ווי אַן אַדוואָקאַט אין 1927.

פאָגעלמאַן איז געווען אַ לערער אין די אַרבעטער־רינג שולן און מיטגעאַרבעט אין דער טאָג־צייטונג די צייט. נאָך דעם ווי די צייטונג האָט אויפגעהערט צו דערשיינען, האָט ער אין **פאָרווערטס** פאַרעפנטלעכט אַ לענגערע סעריע אַרטיקלען וועגן זיינע איבערלעבענישן אין רוסלאַנד אונטער דעם רעזשים פון די באָלשעוויקעס. די אַרטיקלען האָבן אַרויסגערופן אַן אינטערעס און אַב. קאַהאַן האָט אים פאַרבעטן צו שרייבן אָפּט. אין 1927 איז ער געוואָרן אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון דער צייטונג.

פאָגעלמאַן האָט אין **פאָרווערטס** געשריבן וועגן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וועגן געשיכטע, ליטעראַטור און טעאַטער. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ סעריע פון איבער פופציק מאָנאָגראַפיעס וועגן אַ גאַנצער רייע באַרימטע פיגורן אין דער געשיכטע פון אַמעריקע. ער האָט אויך געדרוקט אַ סעריע רייזע־באַשרייבונגען און אַ סעריע אַרטיקלען וועגן זיין באַזוך אין ישראל אין 1951.

ווען הלל ראָגאָף איז געוואָרן רעדאַקטאָר אין 1951, איז פאָגעלמאַן געוואָרן דער פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון **פאָרווערטס**, און ווען ראָגאָף איז אַוועק אויף פּענסיע, אין 1962, איז פאָגעלמאַן געוואָרן דער רעדאַקטאָר. ער האָט דעם פּאָסטן אָנגעהאַלטן ביז 1968, ווען ער איז פּענסיאָנירט געוואָרן.

פאָגעלמאַן האָט אויך געדרוקט אַרטיקלען אין **דער וועקער**, אין **צוקונפט**, און אין 1939-1940 געווען אַ מיטרעדאַקטאָר פון דער **צוקונפט**.

פאַרבער, שמעון (אויגוסט 4, 1884 — פעב. 20, 1960), געב. אין גאַיאַנדז, לעבן ביאַליסטאָק. געלערנט אין חדר און ישיבה. אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אין 1902 אָנגעקומען קיין לאָנדאָן און געוואָרן אַקטיוו אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. 1904 אימיגרירט קיין אַמעריקע, געאַרבעט ביי שניידעריי.

פאַרבער איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דער **פרייע אַרבעטער שטימע** און מיטגליד פון רעדאַקציע פון **גערעכטיקייט**, 1936—1951 און 1951—1958 רעדאַקטאָר פון **גערעכטיקייט**.

ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן וועגן יוניאָן־פּראָבלעמען און אַרבעטער־פראַגן.

פאָרעם, לייב (יולי 1902 —), געב. אין זאַמאָשטש. געלערנט אין חדר און אין אַ שטאָטישער שול.

אָנהויב 1921 געקומען קיין אַמעריקע און האָט געאַרבעט אין אַ שאָפּ.

דעביוטירט אין דער **פרייהייט** אין 1922 מיט אַ רעפּאָרטאַזש און דערנאָך האָרטן געדרוקט סקיצן פון יידישן לעבן אין פוילן און אַמעריקע. שפּעטער איז פאָרעם אין פאַרשיידענע צייטן געווען אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן נייעס, סעריעס אַרטיקלען, ווי די סעריע וועגן באַרימטע פּראָצעסן, אונטערן פּען־נאָמען **פ. עלמאַר**, רייזע־באַשרייבונגען און ראָמאַנען.

אין בוך־פאָרם האָט ער אַרויסגעגעבן: **ראָסט**, דערציילונגען, נ. י. 1926; **בוזשע ריינאַרסקי**, נ. י. 1938; **קאַרמען און אַנדערע דערציילונגען**, מעקסיקע 1939; **פרענקלין ד. רוזוועלט, ביאָגראַפיע**, נ. י. 1945.

פוקס, אברהם משה (אָקט. 17, 1890 — 1974), געב. אין יעזיערנא, ביי זלאָטשעוו, גאַליציע. געלערנט אין חדר און אין דער באַראָן הירש שול.

דעביוטירט אין 1911 מיט אַ דערציילונג אין **פאָלקס־פריינד**, סאַנאָק, גאַליציע. פאַרעפנטלעכט דערציילונגען אין גרשום באַדערס און משה פראָסטיגס **פאָלקס־קאַלענדאַר**, לעמבערג, און אברהם רייזענס **דאָס נייע לאַנד** (ניו־יאָרק).

אין 1912 האָט פוקס אימיגרירט קיין אַמעריקע און האָט געדרוקט אין **פאָרווערטס** דערציילונגען.

1914 צוריקגעפאָרן קיין אייראָפּע, געלעבט אין ווין, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין ליטעראַרישע אַרבעט.

אין די יאָרן 1921—1945 איז פוקס געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט אונטערן נאָמען **מאָסקוף** געשריבן פאַרשיידענאַרטיקע קאָרעספּאָנדענציעס און אַרטיקלען, און פון צייט צו צייט אַ דערציילונג.

אין 1938, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען

עסטרייך, איז פוקס ארעסטירט געווארן. נאך עטלעכע וואכן ארעסט איז ער באפרייט געווארן. ער האט זיך באזעצט אין פאריז און פון דארטן געשריבן פארן **פארווערטס** ארטיקלען וועגן די רדיפות אויף יידן אין עסטרייך. פון פראנקרייך האט פוקס אימיגרירט קיין ענגלאנד און האט פארגעזעצט זיין מיטארבעט אין **פארווערטס**.

אין 1950 איז ער אוועק קיין ישראל, וואו ער איז געבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

אין בוך-פארם זיינען ארויס די פאלגנדיקע ווערק פון א. מ. פוקס: **איינזאמע**, לעמבערג 1912; **אויפן בערגל**, ווארשע 1924; **אונטערן בריק**, 1924; **די נאכט און דער טאג**, ניו-יארק 1961. אין די זאמלונגען זיינען אריין דערציילונגען וואס זיינען פריער געווען געדרוקט אין **פארווערטס**.

פיגא, ישראל (אפריל 7, 1914 —), געב. אין אטוואצק, לעבן ווארשע. געלערנט אין חדר, אין א וועלטלעכער יידישער שול און געענדיקט א פוילישע פאלקס-שול. געארבעט ווי אן עלעקטריקער. ביים אויסברוך פון דער מלחמה מאביליזירט אין דער פוילישער ארמיי, זיך געפונען אין האונע ווען די שטאט איז געווארן פארנומען דורך דער סאוועטישער ארמיי, עוואקואירט קיין רוסלאנד. דארט געארבעט און זיך געלערנט, פארענדיקט אין צענטראל-אזיע א רוסישע מיטל-שול און אנגעהויבן שטודירן אין א פעדאגאגישן אינסטיטוט.

נאך דער מלחמה צוריקגעקומען קיין פוילן, געארבעט און שטודירט אין ווארשעווער אוניווערסיטעט, פארענדיקט דעם פאקולטעט פון געשיכטע מיט א מאגיסטער-דיפלאם. שפעטער שטודירט אין פעדאגאגישן אינסטיטוט אין אפאלע, דארט באקומען דעם טיטל דאקטאר פון הומאניסטישע וויסנשאפטן. געארבעט אין יידישן קאמיטעט אין דער שטאט קאטאוויץ, שפעטער אין דער יידישער קאאפעראטיווער באוועגונג אין אויבערשלעזיע, געווען דירעקטאר פון אן עקאנאמישער שול, דערנאך געארבעט אין שלעזישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט פון דער פוילישער וויסנשאפטס-אקאדעמיע ווי א שרייבער און וויסנשאפטלעכער פארשונגס-ארבעטער. פארעפנטלעכט אין דער פוילישער שפראך א ריי ביכער וועגן דער סאציאלער און פאליטישער געשיכטע און אויך וועגן דער געשיכטע פון דער ארבעטער און קאאפעראטיווער באוועגונג אין פוילן. מיטגעארבעט אין פוילישע וויסנשאפטלעכע צייטשריפטן. געהערט צו דער רעדאקציע-קאלעגיע פון דער „געשיכטע פון דער טרייד יוניאנישער באוועגונג פון פוילישע מעטאל-ארבעטער" און פארעפנטלעכט אן ארבעט וועגן דער געשיכטע פון די מעטאל-ארבעטער אין די דייטשע געביטן, וואס זיינען געווארן א טייל פון פוילן.

פארלאזט פוילן מיט זיין משפחה סוף 1968 און אין מאי 1969 זיך באזעצט אין ניו-יארק. פארעפנטלעכט א רייע ארטיקלען אין תל-אביבער **לעצטע נייעס** און אין ניו-יארקער **אונזער צייט**, אונטערן פסיוודאנים **בן עזר**. מיטארבעטער פון **פארווערטס** זינט יאנואר 1970. שטענדיקער מיטארבעטער פון **אונזער צייט**, **וועקער** און **קולטור און לעבן**.

אין **פארווערטס** שרייבט פיגא סיסטעמאטיש אפהאנדלונגען וואו ער אנאליזירט און באהאנדלט פארשיידענע פאליטיש-געזעלשפטלעכע און עקאנאמישע פראבלעמען.

פייגענבוים, בנימין (אויגוסט 12, 1860 — נאוועמבער 10, 1932). געב. אין ווארשע אין א חסידישער משפחה. געלערנט אין חדר און ישיבה. ארום 1882 האט ער זיך פאראינטערעסירט מיט דער השכלה און איז געווארן א לייענער פון דער השכלה-ליטעראטור.

אין 1884 איז ער אוועק קיין אנטווערפן און איז געווארן אקטיוו אין דער סאציאליסטישער באוועגונג און געשריבן פאר דער פלעמישער צייטונג פון דער בעלגישער סאציאליסטישער פארטיי. אין 1886 האט ער אנגעהויבן שרייבן קארעספאנדענציעס פאר דער פעטערבורגער יידישער וואכנשריפט **יודישעס פאלקסבלאט**.

אויף דער פארבעטונג פון פיליפ קראנץ איז פייגענבוים געקומען קיין לאנדאן, וואו ער איז געווארן א מיטארבעטער פון **דער ארבעטער-פריינד** און האט אין 1891 אנגעהויבן דרוקן אין דער ניו-יארקער **ארבעטער-צייטונג** „בריוו פון מעבר-לים", און האט ארויסגעגעבן עטלעכע בראשורן **ווי גאולה און ווי אזוי קומט א איד צו סאציאליזמוס?**

יולי 1891 איז פייגענבוים געקומען קיין ניו-

יאָרק, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין שרייבן פאַר דער **אַרבעטער־צייטונג** און איז געוואָרן אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן **דאָס אַבענדבלאַט** איז ער געוואָרן אַ נאָענטער מיטאַרבעטער און איז שפּעטער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס.**

צוליב געוויסע חילוקי דעות איז ער אויף אַ צייט אַוועק פון **פאָרווערטס** און האָט געאַרבעט ווי אַ נייעס־שרייבער פאַרן **מאָרגן־זשורנאַל.** אָבער ער האָט זיך צוריקגעקערט אין **פאָרווערטס** און איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער, וואו ער האָט געשריבן פּובליציסטישע אַרטיקלען וועגן אַקטועלע פראַגן און לייט־אַרטיקלען.

פייגנבוים איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט און אַ קאָסמאָפּאָליט און האָט זיין גאַנצן לעבן באַקעמפט אַלע יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, סיי דעם ציוניזם סיי דעם בונדיזם.

ער איז געווען דער מחבר פון אַ גרעסערער צאָל ביכער און בראָשורן וואָס זיינען דערשינען אין לאָנדאָן, ניו־יאָרק, וואַרשע און לעמבערג.

פייגענבוים האָט אין זיינע אַרטיקלען געקעמפט קעגן דער יידישער רעליגיע, קעגן יידישע מנהגים און בכלל קעגן יידישן לעבנס־שטייגער. „אַפּיקורסות איז ביי פייגענבוימען געווען אַ טייל פון זיין אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג" (**ה. ראָגאָף**).

פינקעל, בנימין (אַרום 1890 — ?), געב. אין וואַרשע, געלערנט אין חדר און בית מדרש. אין 1908 געקומען קיין אַמעריקע.

דעביוטירט מיט אַ הומאָרעסקע אין דער טעגלעכער **וואַרהייט** אין 1911. געשריבן לידער, געדרוקט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן. געאַרבעט ווי אַ זשורנאַליסט אין דער **וואַרהייט.**

געווען לאַנגע יאָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס,** וואו חוץ זשורנאַליסטישע אַרבעט געדרוקט פעליעטאָנען, הומאָרעסקעס און קאָמישע סצענעס.

זיך באַנוצט מיט די פּסעוודאָנימען **יוסף מאַרשאַלעק** און **ביג־בען.**

פלאַקסער, מנחם (אַפּריל 8, 1898 — אויגוסט 3, 1978), געב. אין אָסטראָלענקאַ, לאָמזשער גוב. באַקומען טראַדיציאָנעלע און אַלגעמיינע בילדונג. אין 1918 זיך באַזעצט אין וואַרשע.

דעביוטירט מיט לידער אין 1921. זינט דעמאָלט געדרוקט לידער, דערציילונגען און עסייען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן, צווישן זיי: **כאַליאַסטרע, ביכער־וועלט, ליטעראַרישע בלעטער, פאָרויס.** זיך פאַרנומען מיט זשורנאַליסטיק און מיטגעאַרבעט אין **אונזער עקספּרעס,** וואַרשע.

ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצן אַ גרעסערע צאָל ווערק, צווישן זיי **דאָס געזאַנג פון ליבע און טויט,** 1925, און **דאָס שטורמישע לעבן פון לאַזיק רויטשוואַניעץ,** פון איליאַ ערענבורג, 1929.

נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַוועק קיין ווילנע און דערנאָך איבער סיביר אָנגעקומען קיין שאַנכאַי, וואו ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה. דאָרטן געווען רעדאַקטאָר 1941—1943 פון **אונזער לעבן.** נאָך דער מלחמה אָנגעקומען אין 1947 קיין אַמעריקע, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין ליטעראַרישע אַרבעט.

פון 1949 ביזן סוף פון זיין לעבן געווען אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס,** וואו ער האָט געשריבן נייעס און אַרטיקלען.

פענסטער, ברוך (מערץ 22, 1902 — מערץ 11, 1974), געב. אין זאַטער, אַ דאָרף ביי פּולטוסק, פּוילן. געלערנט אין חדר און ישיבה. 1920 איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע, געאַרבעט ווי אַ שטריקער־אַרבעטער. דעביוטירט מיט אַ ליד אין דער **פרייהייט,** 1922, און זינט דעמאָלט ביז 1950 געווען אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון דער צייטונג, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען וועגן אַקטועלע פראַגן.

האָט אָנגעשריבן צוזאַמען מיט נ. בוכוואַלדן טעאַטער־שפּילן „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע" און מיט כאַווער־פּאַווערן „אַ גאָלדפאַדען־חלום".

פאַרלאָזן די **מאָרגן־פרייהייט** אין 1950 און אין 1957 געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס.** געשריבן פאַרשיידענע אַרטיקלען און איז אַ צייט געווען נייעס־רעדאַקטאָר. געווען אויך דער רעדאַקטאָר פון **פאַקטן און מיינונגען,** דעם בולעטין פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

פענסטער, רייזל (אַפּריל 20, 1910 — אָקט. 27, 1981), געב. אין ביטען, גראָדנער גוב. אימיגרירט קיין אַמעריקע אין 1923, געלערנט אין אַ מיטל־שול און אין יידישן לערער סעמינאַר.

דעביוטירט מיט אַ דערציילונג „דעם זיידנס תהילים" אין 1931 אין **מאָרגן־פרייהייט**, און דערנאָך געדרוקט דערציילונגען, סקיצן, רייזע־בילדער און אַרטיקלען אין פאַרשיידענע זשורנאַלן, ווי **יידישער קעמפער, יידישע קולטור** און **טאָג**, וואו געדרוקט צוויי ראָמאַנען „דער זיג פון ליבע" און „אַמאָל איז געווען אַ שטעטל".

אין **פאָרווערטס** האָט רייזל פענסטער געדרוקט אַ ראָמאַן „דער וועג צוריק", 1971, און אַ סעריע „איינדרוקן פון אַ רייזע אין ישראל", אונטערן פּסעוודאָנים **רייזל טשאַרנעס**.

אין בוך־פאָרם: **זון אויף באַרג**, דערציילונגען, נ. י. 1951.

פראַנק, משה צבי (דעצ. 24, 1897 — אַפּריל 12, 1975), געב. אין רעזשיצע, ביי האָמעל, ווייסרוסלאַנד. באַקומען אַ יידישע און אַלגעמיינע דערציאונג. אין 1913 געקומען קיין מאָנטרעאַל, וואו שטודירט אין מעק־גיל אוניווערסיטעט. אַ לענגערע צייט געווען אַ העברעאישער לערער.

פראַנק האָט געשריבן אויף העברעאיש, יידיש און ענגליש. זיך באַטייליקט אין **קאַנאַדער אָדלער, מאָנטרעאַל, יידישער זשורנאַל, טאָראָנטאָ, הדואר** און אַנגלאָ־יידישע צייטשריפטן אין קאַנאַדע און ניו־יאָרק. ער האָט אַ לענגערע צייט געשריבן אין **פאָרווערטס** פּובליציסטישע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן העברעאישע ביכער. בשעת ער האָט געלעבט אין ישראל האָט ער געדרוקט קאָרעספּאָנדענציעס אין **פאָרווערטס**.

אומגעקומען אין אַן אויטאָמאָביל־קאַטאַסטראָפע.

פרומקין, אברהם (אַפּריל 1873 — אַפּריל 29, 1940), געב. אין ירושלים. אין 1889 איז ער שוין געווען אַ לערער פון אַראַביש אין בעלקינדס שול אין יפו. 1890 אַוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער האָט שטודירט טערקיש און יוריספּרודענץ.

פרומקין האָט אָנגעהויבן שרייבן אויף העברעאיש און האָט געדרוקט מאמרים אין זיין פאָטערס העברעאישער צייטונג **החבצלת** (ירושלים) און אין **המליץ** און **הצפירה**.

ער האָט דעביוטירט אין יידיש אין **דער אַרבעטער־פריינד**, לאָנדאָן 1896, און אַ קורצע צייט געווען דער רעדאַקטאָר.

פון 1899 ביז 1904 האָט פרומקין געלעבט אין ניו־יאָרק, וואו ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**. שפּעטער געלעבט אין פּאַריז, לאָנדאָן און צוריק אין ניו־יאָרק. האָט אַ סך ווערק איבערגעזעצט אויף יידיש און האָט אָנגעשריבן **אין פרילינג פון יידישן סאָציאַליזם**, 1940.

פרענק, משה (מאַי 10, 1908 — אָקטאָבער 17, 1977), געב. אין ניו־יאָרק. געלערנט עלעמענטאַר שול, מיטל־שול און שפּעטער שטודירט אין דזשאָרדזש וואַשינגטאָן אוניווערסיטעט אין וואַשינגטאָן, וואו ער האָט באַקומען זיין באַקאַלאַווער־דיפּלאָם, 1936, און אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט, וואַשינגטאָן, וואו ער האָט באַקומען זיין מאַגיסטער דיפּלאָם אין 1937. זיין יידישע בילדונג האָט ער באַקומען אין יידיש־וועלטלעכע שולן און האָט גראַדואירט פון דעם יידישן לערער סעמינאַר.

אין 1935 האָט זיך מ. פרענק באַזעצט אין וואַשינגטאָן, וואו ער איז צום ערשטן געווען אַ לערער אין דער אַרבעטער־רינג שול. שפּעטער האָט ער געאַרבעט ווי אַן עקאָנאָמיסט פאַר דער אָפּטיילונג פון עקאָנאָמיע ביי דער רעגירונג. אַן ענלעכן פּאָסטן האָט ער פאַרנומען ביי דער אויסלענדישער עקאָנאָמישער אַדמיניסטראַציע פון דער פעדעראַלער רעגירונג. במשך פון 21 יאָר איז ער געווען אַן אַדמיניסטראַטיווער געהילף ביי אַ צאָל קאָנגרעסלייט.

לאַנגע יאָרן איז מ. פרענק געווען דער וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון **טאָג** און שפּעטער **טאָג־מאָרגן־זשורנאַל**. ווען די צייטונג האָט זיך געשלאָסן, איז פרענק געוואָרן דער וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן וועגן דער פּאָליטישער סצענע אין וואַשינגטאָן און בכלל וועגן פּאָליטישע פראַגן.

פרענק האָט באַזוכט ישראל און אָנגעשריבן אַ בוך: **מדינת ישראל אין אונזערע טעג**, רעפּאָרטאַזשן, תל־אביב 1972.

פרענק איז געווען אקטיוו אין יידישן קולטור־געזעלשאפטלעכן לעבן. אין 1941-1940 האט ער מיטגעהאלפן דעם יידישן ארבעטער־קאמיטעט ביים באקומען וויזעס קיין אמעריקע פאר די סאציאליסטישע טוערס און יידישע שרייבער וואס זיינען שטעקן־געבליבן אין אייראפע בשעת דער מלחמה.

צ

צאנין, מרדכי (אפריל 1, 1906 —), געב. אין סאקאלאוו־פאדלאסק, שעדלעצער געגנט, פוילן. באקומען יידישע און אלגעמיינע בילדונג.

דעביוטירט אין 1928 אין **אויפגאנג** און **פאלקס־צייטונג**, ווארשע. געדרוקט רעפארטאזשן, דערציילונגען, ראמאנען, קריטישע ארטיקלען אין **וואכנשריפט פאר ליטעראטור**, **פארויס**, **ליטערארישע בלעטער**, **יוגנט־וועקער** און **פאלקסצייטונג** אין ווארשע. ארויסגעגעבן אין בוך־פארם **וויאטלעכן**, דערציילונגען, 1933 און **אויף זומפיקער ערד**, ראמאן 1935.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראכן איז ער אנטלאפן קיין ווילנע, פון דארטן אין 1940 געקומען קיין יאפאן און אין 1941 געקומען קיין ארץ־ישראל.

אין 1947 באזוכט פוילן און אנגעשריבן פארן **פארווערטס** א סעריע ארטיקלען וועגן דעם חורבן פון די יידן אין פוילן. (אונטערן נאמען **איבער שטיין און שטאק** איז עס ארויס אין בוך־פארם, תל־אביב 1961). פון דעמאלט אן, מיט קורצע איבעררייסונגען, איז צאנין דער שטענדיקער **פארווערטס** קארעספאנדענט אין ארץ־ישראל. ער שרייבט אין זיינע קארעספאנדענציעס וועגן פאליטיש־געזעלשאפטלעכע פראבלעמען, וועגן טאג־טעגלעכע ענינים.

אין 1949 האט צאנין געגרינדעט די **לעצטע נייעס**, וואס איז ארויס דריי מאל א וואך אונטערן נאמען **לעצטע נייעס** און דריי מאל א וואך אונטער אן אנדער נאמען. זינט 1957 גייט זי ארויס זעקס מאל א וואך אונטערן נאמען **לעצטע נייעס**. אין דער צייטונג שרייבט ער יעדע וואך אן ארטיקל אונטערן נאמען „שבתדיקע שמועסן", וואו ער באהאנדלט די סאמע וויכטיקסטע פראבלעמען פון דער וואך. צאנין האט אויך רעדאקטירט א לענגערע צייט אן אילוסטרירטע וואכנבלאט.

די **לעצטע נייעס** איז אפגעקויפט געווארן פון דער ארבעטער פארטיי, אבער צאנין זעצט פאר זיין מיטארבעט, וואו ער שרייבט זיינע שבתדיקע שמועסן און אפט וועגן ביכער און שרייבער.

צאנין איז א זייער פראדוקטיווער שרייבער און ער האט ארויסגעגעבן א גרעסערע צאל ראמאנען, זאמלונגען, דערציילונגען און עסייען. ער האט אויך אנגעשריבן א וויכטיקן ראמאן **ארטאפאנוס קומט צוריק אהיים**, אין פינף בענד, 1968—1981. עס איז א היסטארישער ראמאן וואס נעמט ארום דאס יידישע לעבן פון די צייטן פון דעם צווייטן בית־המקדש ביזן חורבן און אויפקום פון מדינת־ישראל.

ער איז אויך דער מחבר פון: **פולער העברעאיש־יידישער ווערטערבוך**, צוויי בענד, תל־אביב 1960, און **פולער יידיש־העברעאישער ווערטערבוך**, תל־אביב 1982.

צביון, ב. (מאי 1, 1874 — אקט. 14, 1954). פסעוודאנים פון **בן ציון האפמאן**. געבוירן אין קרוג, קורלאנד. האט געלערנט אין חדר אין ליטווישן שטעטל וואסקי און שפעטער אין פארשיידענע ישיבות, צווישן זיי אין בויסקער בית־המדרש, און אין ווילנע. צו 18 יאר געקראגן סמיכות אויף הוראה. 1892 געווארן א מיטגליד פון א סאציאליסטישן פראפאגאנדע קרייזל. אין 1896 זיך באזעצט אין ריגע און אנגעהויבן שטודירן אין דארטיקן פאליטעכניקום. שפעטער שטודירט אין בערלין, בערן, קארלסרוהע, וואו ער האט באקומען זיין דיפלאם ווי אן אינזשעניער. זיין דאקטאר־טיטול האט ער באקומען אין דער שווייץ.

דעביוטירט אויף העברעאיש מיט ארטיקלען אין **המליץ**, 1895, אויף יידיש אין 1901 אין **דער אידישער ארבעטער**, ארגאן פון אויסלענדישן קאמיטעט פון **בונד**, וואס איז ארויס אין זשענעווע. די טעמע פון ארטיקל איז געווען וועגן דער נויטיקייט פון א נאציאנאלער פראגראם פארן **בונד**. אין 1907 געווען דער קארעספאנדענט פון **פארווערטס** אויפן פינפטן ציוניסטישן קאנגרעס אין באזעל. מיטגעארבעט אין דער אומלעגאלער בונדישער פרעסע און אין פעטערבורגער **פריינד**, וואו געשריבן פעליעטאנען. אנהויב 1906 זיך באזעצט אין ווילנע, וואו מיטגעארבעט אין די לעגאלע בונדישע צייטונגען און געשריבן פארן **פארווערטס** און פארן **צייטגייסט**, די וועכנטלעכע צייטונג פון **פארווערטס**.

סוף 1908 זיך באזעצט אין אמעריקע, געארבעט ווי אן אינזשעניער און דערנאך זיך אפגעגעבן מיט

זשורנאַליזם. 1909 געווען דער רעדאַקטאָר פֿון דער ערשטער טעגלעכער העברעאישער צייטונג אין אַמעריקע **היום**, ערשטער רעדאַקטאָר פֿון **דער פֿריינד**, חודש־זשורנאַל פֿון אַרבעטער־רינג (1910—1912), פֿון וואָכנבלאַט **די נייע פּאָסט**, אָרגאַן פֿון קלאָוקמאַכערס, רעדאַקציע מיטגליד פֿון דער **צוקונפֿט**.

אין 1915 איז צביון געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס**, וואו ער איז געוואָרן איינער פֿון די וויכטיקסטע שרייבער פֿון דער צייטונג. נאָך דער שפּאַלטונג פֿון דער יידישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַציע, אין 1921, אַוועק פֿון **פֿאָרווערטס** און ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן **די פֿרייהייט**, מיטגעאַרבעט דאָרט אַ קורצע צייט. צביון האָט גאָר גיך באַנומען דעם כאַראַקטער פֿון קאָמוניזם און ער האָט פֿאַרלאָזן **די פֿרייהייט** און איז געוואָרן צוריק אַ מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס**, ביזן סוף פֿון זיין לעבן.

צביון האָט געשריבן אין **פֿאָרווערטס** צוויי אַרטיקלען אַ וואָך און איין לייט־אַרטיקל. אין זיין קאָלום (רובריק) „צייט־נאָטיצן" פֿלעגט ער שרייבן וועגן אַקטועלע פּאָליטישע פֿראַגן און יעדן שבת פֿלעגט ער אין זיין רובריק „אידישע אינטערעסן" געבן אַן אַנאַליז וועגן יידישע פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען. געשריבן האָט ער אָפֿט מיט הומאָר, אָבער ערנסט, גרינדלעך און מיט גענויער באַקאַנטשאַפֿט וועגן די ענינים וואָס ער האָט באַהאַנדלט. אַפֿילו די לייענער וואָס זיינען ניט תמיד מסכים געווען מיט זיינע מיינונגען אָדער אַנאַליז — האָבן אים געלייענט מיט אינטערעס און האָבן זיך באַצויגן מיט דרך ארץ צו אים און צו זיין שרייבן.

אַ טייל פֿון זיינע עסייען און אַרטיקלען וואָס ער האָט געשריבן פֿאַרן **פֿאָרווערטס** און פֿאַר אַנדערע צייטשריפֿטן זיינען אַריין אין זיין בוך **פֿאַר פֿופֿציק יאָר — געקליבענע שריפֿטן**, רעדאַקטירט פֿון ח. ש. קאַזדאַן, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג **דאָס לעבן און שאַפֿן פֿון ב. צביון** (ניו־יאָרק 1948).

צביון איז געווען רעדאַקטאָר פֿון **גערעכטיקייט** (1929—1954), די צייטשריפֿט פֿון דער „אינטערנעשאָנאַל" (דאַמען באַקליידונגס יוניאָן). ער האָט אין דעם זשורנאַל אָפֿט געדרוקט שאַפֿונגען פֿון יידישע שרייבערס.

ב. צביון האָט אָנגעשריבן אַ צאָל וויכטיקע ביכער, צווישן זיי: **אַסטראָנאָמיע** (נ. י. 1918), **דאָס לעבן פֿון חיות** (נ. י. 1919) און **מיין רייזע קיין ארץ־ישראל** (וואַרשע 1923). ער האָט רעדאַקטירט דעם זאַמלבוך **טויזנט יאָר פּינסק** און **פֿופֿציק יאָר קלאָוקמאַכערס יוניאָן** (נ. י. 1936) און האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע שטודיע „די יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע" (צוזאַמען מיט לאַזאַר קלינג) פֿאַר דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע, סעריע „יידן", באַנד ג, (נ. י. 1948). ער איז אויך געווען מיטרעדאַקטאָר פֿון דעם וויכטיקן **ענגליש־יידישן ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך** (נ. י. 1915).

צוקערמאַן, רחמיאל (מערץ 26, 1942 —), געב. אין ניו־יאָרק. געלערנט אין ברוקלין קאַלעדזש און באַקומען מאַגיסטער־דיפּלאָם אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט. יידישע לימודים געלערנט אין יידישן לערער־סעמינאַר.

באַקומען פֿאַרשיידענע סטיפּענדיעס און איז געווען אַ פֿאַקולטעט־וויסנשאַפֿטלער אין קאָלאָמביע 1965־1966. 1960־1961 פֿאָרשונגס־געהילף צו אוריאל וויינרייך לינגוויסטישע אָפּטיילונג, קאָלאָמביע אוניווערסיטעט. 1963־1964 געפֿאָרשט מערב־יידיש אין עלזאַס, פֿראַנקרייך, אונטער דער השגחה פֿון קאָלאָמביע. 1967—1976 אינסטרוקטאָר פֿון פֿראַנצויזיש, רוסיש און יידיש אין ברוקלין קאַלעדזש. עטלעכע זומער סעמעסטערס געווען אַ לערער פֿון יידיש אין קאָלאָמביע.

פֿאַרעפֿנטלעכט אַ צאָל שטודיעס אויף יידיש און ענגליש וועגן יידיש. די שטודיעס זיינען פּובליקירט געוואָרן אין **די גאָלדענע קייט**, **יוגנטרוף**, **צוקונפֿט**, **יידישע שפּראַך** און אין ענגליש אין **פֿעלד פֿון יידיש**. ער גרייט צו: „יידיש־ענגלישער פֿראַזעאָלאָגישער ווערטערבוך".

אין מאַי 1981 אָנגעהויבן אַרבעטן אין **פֿאָרווערטס** ווי אַ שרייבער פֿון נייעס און ספּעציעלע באַריכטן.

ציטלין, אהרן (יוני 3, 1898 — סעפּט. 28, 1973), געב. אין אואוואַראָוויטשי, ווייסרוסלאַנד, זון פֿון הלל ציטלין. די קינדער־יאָרן פֿאַרבראַכט אין האָמעל און איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן פֿון דער קולטור־אַטמאָספֿערע אין זיין פֿאָטערס הויז. שפּעטער געוואוינט אין ווילנע און אין 1907 זיך אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע, וואו ער האָט געענדיקט

גימנאַזיע. 1921-1920 געלעבט אין ארץ־ישׂראל און זיך צוריקגעקערט קיין פּוילן.

דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור אין 1914 מיט „די מטרוניתא", אַ קבלה־שאַפונג, באַזירט אויף אַ מאָטיוו פון ר' חיים וויטאַל. זינט דעמאָלט האָט ער געשריבן לידער, דראַמעס, פעליעטאָנען, פילאָסאָפישע עסייען און אַ ראָמאַן, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צייטונגען, זשורנאַלן און זאַמלביכער. 1934—1932 האָט ער רעדאַקטירט דעם ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל **גלאָבוס**, וואַרשע.

ציטלין האָט זיך באַזעצט אין אַמעריקע ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין ליטעראַרישע אַרבעט. ער האָט געדרוקט יעדן פרייטיק אין **מאָרגן־זשורנאַל** און שפּעטער אין **טאָג־מאָרגן־זשורנאַל** אַן עסיי וועגן צייטפּראָבלעמען. נאָך דעם ווי דער **טאָג־מאָרגן־זשורנאַל** האָט אויפגעהערט צו דערשיינען, האָט ער פאָרגעזעצט שרייבן זיין פרייטיקדיקע עסיי אין **פאָרווערטס**.

אַן אויסקלייב פון די דאָזיקע וועכנטלעכע אַרטיקלען און עסייען, אונטער נאָמען **ליטעראַרישע און פילאָסאָפישע עסייען**, איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1980. אהרן ציטלינס ווערק זיינען דערשינען אין בוך־פאָרם אין וואַרשע, ניו־יאָרק און תּל־אָביב.

ציטלין פאַרנעמט זייער אַ חשובן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין אַלזייטיקער שאַפונג, מיט זיין פאַרטיפטער יידישער פאַרוואָרצלטקייט, זיינע זוכענישן און זיין אָפטער פאַראייניקונג פון מיסטיציזם, אַפּאָקאַליפּטיק מיט אַ מאָדערנער פאָרם. ער האָט אויך געשריבן אויף העברעאיש און ער איז פאַררעכנט ווי אַ וויכטיקער שרייבער אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

ק

קאָברין, לעאָן (מאַרץ 15, 1872 — מאַרץ 13, 1946), געב. אין וויטעבסק, רוסלאַנד. געלערנט אין חדר און רוסיש פּריוואַט. יונגערהייט אָנגעהויבן לייענען די רוסישע ליטעראַטור און באַווירקט געוואָרן פון דעם רוסישן רעאַליזם. זיינע ערשטע פּרוּוון צו שרייבן דערציילונגען האָט ער געמאַכט אויף רוסיש, אָבער האָט ניט געדרוקט.

1892 אימיגרירט קיין אַמעריקע, געאַרבעט אין שעפּער.

קאָברין האָט דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַן איבערזעצונג פון אַ דערציילונג פון גליעב אוספּענסקי (1894) און האָט דערנאָך פאַרעפנטלעכט אָריגינעלע דערציילונגען אין **אַרבעטער־צייטונג** און **אָבענד־בלאַט**, און איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער. אין זיינע דערציילונגען האָט ער געשילדערט דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד און אַמעריקע, אָבער האָט זיך שפּעטער אָפּגעגעבן מערסטנס מיטן לעבן אין אַמעריקע. ער האָט אויך געשריבן ראָמאַנען און דראַמעס פאַרן יידישן טעאַטער.

אין די ערשטע יאָרן פון **פאָרווערטס** האָט ער אין דער צייטונג פאַרעפנטלעכט דערציילונגען און ראָמאַנען. שפּעטער איז קאָברין איבערגעגאַנגען צום **טאָג** און די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער **מאָרגן־פרייהייט**.

קאַהאַן, שושנה (יוני 25, 1895 — נאָוו. 2, 1965), געב. אין לאָדזש. פרוי פון **לאַזאַר קאַהאַן**.

ווען זי איז נאָך געווען זייער יונג האָט זי אָנגעהויבן שפּילן אין יידישן טעאַטער און איז געבליבן פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער ביזן סוף פון איר לעבן.

זי האָט אָנגעהויבן שרייבן אַרום 1912 אין לאָדזשער **טאָגבלאַט**. שפּעטער האָט זי מיטגעאַרבעט אין אַנדערע יידישע צייטונגען, וואו זי האָט געדרוקט ראָמאַנען און אַרטיקלען וועגן פּרויעקטפּראָגן. זי האָט אויך געשריבן פּיעסן און איבערגעזעצט דראַמעס וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער.

די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זי איבערגעלעבט אין שאַנכײַ. אין 1947 איז זי געקומען קיין ניו־יאָרק און איז געוואָרן אַ שטענדיקע מיטאַרבעטערין פון **פאָרווערטס**, וואו זי האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע צאָל ראָמאַנען אונטערן נאָמען **ראָז שושנה**. האָט אויך אָנגעפירט אַ טעגלעכע אָפּטיילונג „די פרוי און די היים" אונטערן פען־נאָמען **מערי ראָז**.

קאהאן, אב. (יולי 7, 1860 — אויגוסט 31, 1951). געב. אין פאדבערעזע, ווילנער גוב. זיין פאטער איז געווען א פרומער ייד, א מלמד און שפעטער א בוכהאלטער. קאהאן האט געלערנט אין א חדר, אין א ישיבה און ביים פאטער האט ער געלערנט העברעאיש. שפעטער איז ער געגאנגען אין א צייכן־שול און אין א רוסיש־יידישער רעגירונגס־שול.

אין 1877 איז ער אנגעקומען אין דעם רוסיש־יידישן לערער אינסטיטוט און איז געווארן טעטיק אין א קרייז פון יידישע רעוואלוציאנערן. נאכן פארענדיקן דעם אינסטיטוט אין 1881 איז ער געווארן א לערער אין א יידיש־רוסישער קרוין שול אין וועליזש, וויטעבסקער גוב.

צוליב די רעוויזיעס וואס די פאליציי האט ביי אים דורכגעפירט און צוליב דער געפאר ארעסטירט צו ווערן, איז ער אנטלאפן קיין מאליעוו וואו ער האט זיך געטראפן מיט געזעלשאפטלעכע טוער און ער איז געוואויר געווארן וועגן דער באוועגונג צו פארן קיין אמעריקע כדי דארט צו גרינדן קאמוניסטישע קאלאניעס. פרילינג 1882 האט ער פארלאזן רוסלאנד און אין בראד האט ער זיך געטראפן מיט די פירער פון אן „עם־עולם" גרופע און מיט זיי אפגעפארן קיין אמעריקע.

אין ניו־יארק האט קאהאן אויפגעגעבן דעם געדאנק פון בויען קאמוניסטישע קאלאניעס און אנגעהויבן ארבעטן ביי ציגארן און דערנאך ביי בלעכעריי. ער האט זיך גיך אויסגעלערנט ענגליש און אין 1883 איז ער שוין געווארן א לערער און געלערנט אימיגראנטן ענגליש.

קאהאן איז געווארן אקטיוו אין דער סאציאליסטישער באוועגונג און אין דער ערשטער יידישער סאציאליסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקע — „פראפאגאנדע פאראיין" — וואס האט אנגעפירט זיין ארבעט אויף רוסיש. קאהאן האט פארגעשלאגן מען זאל אנפירן די פראפאגאנדע צווישן די יידישע ארבעטער אויף יידיש, און ער אליין האט געהאלטן די ערשטע סאציאליסטישע רעדע אויף יידיש אין אמעריקע. קאהאן האט געהאלפן גרינדן די ערשטע יידישע יוניאן אין אמעריקע, „די פראגרעסיווע שניידער יוניאן".

אין יוני 1886 האט קאהאן צוזאמען מיט טש. ראיעווסקין ארויסגעגעבן א סאציאליסטיש וואכנבלאט **די נייע צייט**, פון וועלכער עס זיינען ארויס דריי נומערן.

זיין פיליזייטיקע ליטעראַרישע און זשורנאליסטישע ארבעט הויבט זיך אן אין 1890 ווען עס איז דערשינען די וואכנצייטונג **ארבעטער־צייטונג**, וואס ער איז געווען איינער פון אירע הויפט גרינדערס און מיטארבעטערס.

אין **ארבעטער־צייטונג** האט קאהאן געשריבן ארטיקלען, דערציילונגען, לידער און א וועכנטלעכע דרשה באזירט אויף דער סדרה פון דער וואך. אין די דרשות וואס ער האט אונטערגעשריבן „דער פראלעטארישער מגיד" און אין די ארטיקלען „פון א ווארט — א קווארט", האט קאהאן באהאנדלט פארשיידענע פראבלעמען און צייט־פראגן. ער האט אויך פאפולאריזירט מארקסן, דארווינען און האט איבערגעזעצט עמיל זאלאס זשערמינאל און דערציילונגען פון וויקטאר הוגא, טאמאס הארדי, א. טורגעניעוו, וויליאם האועלס און מאקס נארדוי.

אין **ארבעטער־צייטונג** האט ער אויך פארעפנטלעכט זיין דערציילונג **רפאל נעריצך** (1894). עס איז א דערציילונג וועגן א פשוטן יידן, א סטאליער און ווי אזוי ער פאסט זיך צו צום נייעם לעבן. ער שילדערט רפאלס געראנגל און ווי אזוי פון א בעל־הבית פאר זיך ווערט ער אין אמעריקע פארוואנדלט אין א פראלעטאריער וואס ארבעט ביי יענעם. דערביי איז דארט איינגעוועבט סאציאליסטישע פראפאגאנדע.

ער האט דעמאלט אויך אנגעשריבן **די צוויי שידוכים** (1894) און **יעקל דער יענקי** (1895), וואס ער האט פריער געהאט אנגעשריבן אויף ענגליש, און אין 1900 האט ער פארעפנטלעכט **די נשמה יתירה**, וואו ער קאמבינירט עכטע בעלעטריסטיק מיט סאציאליסטישער פראפאגאנדע.

אין דער זעלביקער צייט האט קאהאן געשריבן אויף ענגליש רעפארטאזשן און דערציילונגען, וואס זיינען געווען געדרוקט אין וויכטיקע אמעריקאנער זשורנאלן. זיין ראמאן **יעקל** האט ער געשריבן אויף ענגליש און איז ארויס אין 1896. ער האט געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון דער אמעריקאנער קריטיק און פון אמעריקאנער שרייבער. א צאל פון זיינע דערציילונגען זיינען דעמאלט איבערגעזעצט געווארן אויף רוסיש און האבן זיך געדרוקט אין רוסישע זשורנאלן אין פעטערבורג.

קאהאן איז געווען א מיטארבעטער פון דער **צוקונפט** און אין די יארן 1893—1897 איז ער

געווען רעדאַקטאָר. דאָרט האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט, צווישן אַנדערע אָפּהאַנדלונגען, אויך „קריטישע שטודיען פֿון זשאַרגאָנישע מייסטערווערק" (1896), וואו ער ווייזט אַרויס זיין אינטערעס פֿאַר ליטעראַטור. י. ל. פּרץ האָט ער געלויבט פֿאַר זיין איינאָפּפֿעאַשיקייט און פֿאַר זיינע אידעען און מענדעלען און שלום עליכמען פֿאַר זייער רעלאַזים. שלום עליכמס דערציילונגען, האָט קאַהאַן געשריבן, פֿאַרמאָגן פּערל און זיי וואָלטן געווען נאָך קינסטלערישער און פֿאָלקאָמענער ווען דער קינסטלער וואָלט געווען דורכגעדרונגען מיט די אידעען פֿון סאָציאַליזם.

קאַהאַן איז אין 1891 געווען אַ דעלעגאַט צום קאָנגרעס פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין בריסל. דאָרט האָט ער פֿאָרגעשלאָגן אַ רעזאָלוציע אַז דער קאָנגרעס זאָל פֿאַרדאַמען דעם אַנטיסעמיטיזם. נאָך אַ קאַמף איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע וואָס האָט פֿאַרדאַמט אי אַנטיסעמיטיזם, אי פֿילאָסעמיטיזם.

אין אָקטאָבער 1894 האָבן די אַרויסגעבערס פֿון דער **אַרבעטער צייטונג** אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג **דאָס אַבענד־בלאַט**.

די זונטיק אויסגאַבע איז געבליבן ביים אַלטן נאָמען און אַב. קאַהאַן איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר.

צוליב די קאַמפֿן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס זיינען דער עיקר געווען איבער די דיקטאַטאָרישע מעטאָדן פֿון דעם פּאַרטיי־פֿירער דעניעל דע לעאָן, איז פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג. אַ גרופּע פֿון 52, אָנגעפֿירט פֿון אַב. קאַהאַן און לואי מילער, האָט זיך אָפּגעריסן און באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג אונטערן נאָמען **פֿאָרווערטס**. דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 22טן אַפּריל 1897. קאַהאַן איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר. זיין ציל איז געווען צו שאַפֿן אַ פּאָפּולערע צייטונג פֿאַרן אימיגראַנטישן עולם און כּדי צו פּראָפּאַגאַנדירן סאָציאַליזם.

אין דער רעדאַקציע און פֿאַרוואַלטונג פֿון דער צייטונג זיינען פֿאָרגעקומען קאָנפֿליקטן וועגן דעם כאַראַקטער און אויפֿגאַבן פֿון **פֿאָרווערטס** און קאַהאַן האָט פֿאַרלאָזן די רעדאַקציע אין אויגוסט 1897 ביז מערץ 1902. אַ צווייטן מאָל איז ער אַוועק אין האַרבסט 1902 ביז אָקטאָבער 1903. פֿון דעמאָלט אָן איז ער געבליבן רעדאַקטאָר ביז זיין טויט.

מיט אַרטיקלען האָט זיך קאַהאַן באַטייליקט אין **פֿאָרווערטס** אויך אין דער צייט ווען ער איז ניט געווען דער רעדאַקטאָר פֿון דער צייטונג.

קאַהאַן האָט מיט זיין ענערגיע, ווילן און מי אויפֿגעבויט דעם **פֿאָרווערטס** ווי די גרעסטע פֿאַרשפּרייטסטע יידישע צייטונג מיט אַ סאָציאַליסטישער אָריענטאַציע. די צייטונג האָט אי אָפּגעשפּיגלט, אי געהאָלפֿן פֿאָרמירן דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע און איז געוואָרן אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר ניט בלויז אין דעם יידישן, נאָר אויך אין אַלגעמיינעם לעבן אין אַמעריקע.

דער **פֿאָרווערטס** האָט אויך געדינט ווי אַ בריק צווישן דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע און די יידן אין אייראָפּע און האָט תמיד מאָביליזירט די יידישע מאַסן אין אַמעריקע לטובֿת די יידן אין אייראָפּע און שפּעטער פֿאַר ישׂראל. דער **פֿאָרווערטס** איז געווען איינע פֿון די סאַמע ערשטע צייטונגען אין אַמעריקע וואָס האָט אַנטפּלעקט דעם אמתן פּרצוף פֿון באָלשעוויזם און פֿון דעם סאָוועטישן רעזשים.

אונטער אַב. קאַהאַנס רעדאַקציע האָט דער **פֿאָרווערטס** געהאָלפֿן בויען יידישע יוניאָנס און די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג בכלל.

קאַהאַן האָט חוץ רעדאַקטירן דעם **פֿאָרווערטס** געדרוקט אין דער צייטונג אַרטיקלען וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען און וועגן ליטעראַטור און טעאַטער. ער האָט זיך באַפֿרייט פֿון זיין פֿריערדיקן צוגאַנג אַז ליטעראַטור דאַרף פּראָפּאַגאַנדירן סאָציאַליסטישע אידעען, און האָט געפֿאָדערט נאָר רעאַליזם. אין זיינע אומצאָליקע אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור האָט ער געלויבט יענע שרייבער וואָס האָבן געשריבן אויף אַ רעאַליסטישן שטייגער. ער אַליין האָט פֿאַרגעזעצט שרייבן בעלעטריסטיק. אין 1913 האָט ער אָנגעשריבן אַ רעאַליסטישע דערציילונג **פּענים חתנים**. ער האָט אויך אָנגעשריבן נאָך צוויי ראָמאַנען אויף ענגליש, **דער ריטער טעראָר און דער ווייסער** (1907) און **דער אויפֿשטייג פֿון דייוויד לעווינסקי** (1917). דאָס לעווינסקי בוך ווערט באַטראַכט ווי אַ קלאַסיש ווערק אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. דעם ראָמאַן האָט לעאָן קרישטאַל

איבערגעזעצט אויף יידיש און עס איז פארעפנט־לעכט געווארן אין המשכים אין **פארווערטס**.

פון סעפטעמבער 1905 ביז יולי 1908 האט דער **פארווערטס** ארויסגעגעבן די וואכנשריפט **דער נייער גייסט**, וואס קאהאן האט רעדאקטירט. עס איז געווען אן ערנסטע, סאציאל־געזעלשאפטלעכע און ליטערארישע צייטשריפט.

קאהאן האט צוגעצויגן צום **פארווערטס** די וויכטיקסטע יידישע פובליציסטן און בעלעטריסטן. ער האט סיסטעמאטיש געדרוקט די ווערק פון שלום אש, י. י. זינגער, אברהם רייזען, זלמן שניאור, יונה ראזענפעלד, ז. ליבין, ז. לעווין — און א געוויסע צייט לעאן קאברין, יעקב גארדין, מארים ראזענפעלד, דוד בערגעלסאן.

קאהאן איז געווען א שטארקע פערזענלעכקייט, וואס האט רעדאקטירט דעם **פארווערטס** לויט זיין סטיל און געשמאק. ער האט געהאט אפט קאנפליקטן מיט שרייבער ווי יעקב גארדין, יונה ראזענפעלד, מארים ראזענפעלד — און דערהויפט מיט שלום אשן, ווען ער האט געבראכט אין דער רעדאקציע זיין ראמאן **דער נוצרי**, וואס איז געווען דאס ערשטע פון זיינע ווערק וועגן קריסטנטום. קאהאן האט געהאלטן, אז א יידישע צייטונג טאר אזעלכע ווערק ניט דרוקן.

קאהאן האט זיך אפגעגעבן חוץ מיט שרייבן בעלעטריסטיק אויך מיט פארשיידענע פארשערישע ארבעטן. אזוי האט ער אנגעשריבן און ארויסגעגעבן **די היסטאריע פון די פאראייניקטע שטאטן**, צוויי בענד, נ. י. 1910—1912; **ראשעל, א ביאגראפיע**, נ. י. 1938; **שלום אש'ס נייער וועג**, נ. י. 1941.

ער האט אויך ארויסגעגעבן א צאל ביכלעך און די בעלעטריסטישע שאפונגען, צווישן זיי: **רפאל נעריצך**, נ. י. 1890, פארגרעסערטע אויסגאבע, נ. י. 1912; **די נשמה יתירה און פענגים חתנים** (ארום 1914).

פון גרויס באדייטונג זיינען זיינע **מעמוארן בלעטער פון מיין לעבן**, 5 בענד, נ. י. 1926—1931 (ערשטע פיר בענד ארויס אויך אין קלעצקין־פארלאג, ווילנע 1926—1928. די ערשטע צוויי בענד זיינען ארויס אין א פארקירצטער פארם אין אן ענגלישער איבערזעצונג, אונטער דער רעדאקציע פון לעאן סטיין, פילאדעלפיע 1969).

אין די מעמוארן שילדערט קאהאן זיין לעבן און דערציילט וועגן זיינע אקטיוויטעטן ביז אן ערך 1914. זיי גיבן א פול בילד פון דעם יידישן לעבן פריער אין אייראפע און דערנאך אין אמעריקע.

קאהאן האט אפט באזוכט אייראפע און האט געדרוקט זיינע רייזע־באשרייבונגען אין **פארווערטס**. ער האט באזוכט ארץ־ישראל אין 1925 און 1929 און האט ארויסגעגעבן זיינע רייזע־באשרייבונגען אין בוך־פארם — **פאלעסטינע, א באזוך אין יאר 1925 און 1929**, נ. י. 1934.

פון זיינע איבערזעצונגען אויף יידיש זיינען ארויס אין בוך־פארם: ל. טאלסטאי, **קרייצער סענאטא**, נ. י. 1911, איבערגעדרוקט 1914, און פארגרעסערטע אויפלאגע 1918, און טאלסטאיס **דער טויט פון איוואן איליטש**, נ. י. 1918.

אב. קאהאן איז געווען א צענטראלע פיגור אין אמעריקאנער יידישן לעבן. ער האט געהאלפן אויסגעפורעמען די אמעריקאנער יידישע געמיינדע. זיין השפעה איז געווען גרויס אויף דער יידישער ארבעטער־באוועגונג, יידישער פרעסע און אויף דער אנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראטור און טעאטער אין אמעריקע.

אב. קאהאנס לערניארן אין דעם רוסיפיצירטן ווילנער לערער־אינסטיטוט האבן איבערגעלאזן א דויערנדיקע השפעה אויף אים. די נעגאטיווע באציאונג צו יידיש פון דעם אינסטיטוט האט אנטוויקלט אין אים א ניט צו פריינדלעכע שטעלונג צו יידיש. אבער אפט האט ער ארויסגעוויזן א פאזיטיווע באציאונג צו יידיש. אבער אין פראקטישער טאג־טעגלעכער ארבעט, ווי א רעדאקטאר און שרייבער, האט ער א סך אויפגעטאן פאר יידיש און פאר דער יידישער ליטעראטור.

„אב. קאהאן און דער פארווערטס זיינען געווען איינס ניט דערפאר ווייל דער פארווערטס איז געווען „זיינער", ווייל ער איז געווען דער באלעבאס פון פארווערטס, נאר ווייל ער האט איבערצייגט די אמתע באלעבאטים פון פארווערטס, די פארווערטס־אסאסיאיישאן, אז ער באזיצט די אלע אייגנשאפטן וואס זיי האבן געפאדערט פון זייער רעדאקטאר. אז ער באזיצט אי די גייסטיקע אי די מאראלישע קוואליפיקאציעס; אז ער איז אן אויפריכטיקער סאציאל־דעמאקראט, א פראקטישער אידעאליסט, אז ער איז ערלעך אין זיינע מיינונגען און האנדלונגען, און אז ער איז א פעאיקער פובליציסט און צייטונגס־מאן. אב. קאהאן איז געווען זיין גאנצן לעבן דער רעדאקטאר פון פארווערטס בלויז דערפאר ווייל ער

האט געדינט געטריי די אידעאלן און פרינציפן פאר וועלכע דער פארווערטס איז געגרינדעט געווארן, ווייל ער האט געמאכט פון פארווערטס דעם שטארקסטן כוח פון פראגרעס און קולטור אין דעם לעבן פון די יידישע מאסן, וועמען ער האט געדינט."

(הלל ראגאף)

קאַטץ, משה (1864 — יוני 14, 1941), געב. אין מאליעוו, רוסלאנד. באקומען א יידישע און אלגעמיינע דערציאונג. עטלעכע יאר געווען א לערער אין קאָוונע.

אימיגרירט קיין אמעריקע אין 1888. ער האט אנגעהויבן שרייבן אין 1889. איז געווען צוזאמען מיט הלל זאלאטאראוו, ה. לוֹאיס און י. א. מעריסאן אין דער רעדאקציע-קאמיסיע פון דער אנארכיסטישער וואכנשריפט **וואַרהייט**, 1889.

קאַטץ האט אויך געשריבן אין די **פרייע אַרבעטער שטימע**, **פרייע געזעלשאפט** און יארן שפעטער רעדאקטאר פון די **אידישע וועלט**, פילאדעלפיע.

אין די יארן 1902—1905 איז קאַטץ געווען א מיטארבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער איז אויך א צייט געווען דער ליטעראַרישער רעדאקטאר. ער האט דעמאלט א סך איבערגעזעצט פארן **פאָרווערטס**. ווען לואי מיללער האט געגרינדעט די טעגלעכע צייטונג **די וואַרהייט**, איז ער געווארן א מיטארבעטער.

משה קאַטץ האט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט זיין פובליציסטיק און מיט זיינע איבערזעצונגען פון ראמאנען און דראמעס.

קאַסאָווער, מרדכי (1908 — דעצעמבער 3, 1969), געב. אין ווילנע. געלערנט אין א יידיש-וועלטלעכער עלעמענטאר שול און שפעטער, 1926, געענדיקט די יידישע רעאל-גימנאזיע. גלייך נאכדעם איז ער אוועקגעפארן קיין ארץ-ישראל, וואו ער האט פארענדיקט א לערער-סעמינאר און האט דערנאך שטודירט אין העברעאישן אוניווערסיטעט. אין ארץ-ישראל איז ער געווען טעטיק לטובת יידיש און דער יידישער ליטעראַטור.

אין 1938 האט ער אימיגרירט קיין אַמעריקע, געארבעט אין **ייוואָ**, אין דער רעדאקציע פון **טאָג**, און שפעטער געווארן א לערער אין העברעאישן לערער-סעמינאר אין באלטימאר. אין דער זעלביקער צייט האט ער שטודירט אין דזשאנס האפקינס אוניווערסיטעט, וואו ער האט באקומען זיין דאָקטאראט. זיין דיסערטאציע האט ער געשריבן וועגן אראבישע עלעמענטן אין דעם יידיש פון דעם אלטן ישוב אין ארץ-ישראל (ארויס אין בוך-פארם אין ירושלים 1966).

נאך זיין באקומען דעם דאקטאראט האט זיך קאַסאָווער אומגעקערט קיין ניו-יארק, וואו ער האט א געוויסע צייט געארבעט פארן אמעריקאנער יידישן קאמיטעט און דערנאך איז ער געווארן א פראפעסאר פון העברעאיש אין ברוקלין קאלעדזש.

קאַסאָווער האט געדרוקט ארטיקלען אין די **ליטעראַרישע בלעטער**, וואַרשע און אין **טאָג** און שפעטער אין **פאָרווערטס**, וואו ער האט געשריבן וועגן ישראל און וועגן ביכער.

ער האט אנגעשריבן א גרעסערע צאל שטודיעס, צווישן זיי **לעקסיקאָן פון מפרשים און פירושים אין יהואשעס הערות צום תנ"ך**; **געשיכטע פון דער העברעאישער פרעסע**; **יידישע מאכלים**, וואס נאר א טייל איז פובליקירט געווארן און דער כתב-יד ווארט נאך אויף א גואל.

הגם קאַסאָווער איז געווען אן ערנסטער וויסנשאפטלער, וואס האט גרינדלעך אויסגעפארשט די ענינים וועגן וועלכע ער האט געשריבן, האט ער אבער געשריבן אויף א פאפולערן און זאכלעכן אופן, פשוט, אן אנשטעל. ער איז געווען א זייער געניטער פארטייטשער און אויסטייטשער, וואס האט מיט הצלחה מסביר געווען אן ענין. דעריבער האט טאקע דער עולם געלייענט מיט אינטערעס זיינע ארטיקלען וואס ער האט געשריבן אין **פאָרווערטס**. די דאזיקע ארטיקלען זיינען געווען זאכלעך, פאפולער-געשריבן און האבן געגעבן די נויטיקע אינפארמאציע.

קאַספּע, אברהם (יולי 1861 — יוני 2, 1929), אָריגינעלער נאמען מינץ. געב. אין טשעריקאוו, מאָליעווער גובערניע. געלערנט אין חדר, ישיבה, רוסישער פאלקס-שול און געענדיקט גימנאזיע אין ווילנע.

1882 אוועק מיט א גרופע פון „עם עולם" קיין אמעריקע. צוריקגעקומען קיין רוסלאנד און שטודירט אויף דעם נאטור-וויסנשאפטלעכן פאקולטעט

פון פעטערבורגער אוניווערסיטעט (1888). אין 1894 געקומען צום צווייטן מאָל קיין אַמעריקע, וואו ער איז שוין געבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן. שטודירט מעדיצין און פּראַקטיצירט זיין פּראָפעסיע.

דר. קאַספּע איז געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און האָט געשריבן אין **אַבענד־בלאַט, די נייע צייט, צוקונפט,** און אַ געוויסע צייט געווען מיטרעדאַקטאָר (1892).

ער איז יאָרן־לאַנג געווען אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן מערסטנס איבער נאַטור־וויסנשאַפט.

דר. קאַספּע איז געווען איינער פון די סאַמע געבילדעטסטע יידישע סאָציאַליסטישע לעקטאָרן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער **פאָרווערטס**־אַסאָסיאַציע, פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע און אַ סימפּאַטיקער פון **בונד**.

נאָך דער שפּאַלטונג אין דער פעדעראַציע איז ער אַוועק מיט די לינקע און געשריבן אַ קורצע צייט פאַר דער **פרייהייט**.

דר. קאַספּע האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל ביכער וועגן אַסטראָנאָמיע, כעמיע, געאָלאָגיע.

קאַפּלאַן, דן (1879 — נאָוועמבער 15, 1958), געב. זעלווע, גראָדנער געגנט.

געווען אַקטיוו אין דער אָרגאַניזאַציע פון **בונד** אין וואַרשע, וואו ער איז אין 1898 אַרעסטירט געוואָרן און געזעסן אין מאַסקווער טורמע.

1900 אימיגרירט קיין אַמעריקע. געדרוקט לידער אונטערן נאָמען צדוק הכהן. 1908 געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער איז געבליבן כמעט ביזן סוף פון זיין לעבן. אין **פאָרווערטס** געשריבן נייעס, פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, טעאַטער רעצענזיעס און אַרטיקלען וועגן פּאָליטישע פראַגן. אַ צייט צוגעגרייט די זונטיק אויסגאַבע פון **פאָרווערטס**. 1921—1923 רעדאַקטאָר און רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון **דער וועקער**.

קאַץ, יוסף פּנחס (1878 — יולי 6, 1945), געב. אין מעזשיבעזש, אוקראַינע. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע יונגערהייט.

ער האָט אָפט געשריבן אין **פאָרווערטס** וועגן מוזיק. אַ צייט אָנגעפירט מיט דער מוזיק־אָפּטיילונג פון דער צייטונג.

קאַץ איז געווען אַ פאַרלעגער און ער האָט אַרויסגעגעבן בויגנס מיט יידישע לידער.

קאַרנבליט, זיסל (סעפּט. 28, 1872 — מאַי 1, 1929), געב. אין טשאַן, וואָלינער גוב. געלערנט אין חדר און פּריוואַט פרעמדע שפּראַכן. 1892 אימיגרירט קיין אַמעריקע.

דעביוטירט מיט לידער און דערציילונגען אין דער **אַרבעטער־צייטונג**, געדרוקט לידער און דערציילונגען אין דער **צוקונפט, פרייע געזעלשאַפט, פרייע אַרבעטער שטימע.**

קאַרנבליט איז געווען אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער איז געווען נייעס־רעדאַקטאָר, געדרוקט דערציילונגען, אַרטיקלען, טעאַטער־רעצענזיעס און אָפּהאַנדלונגען וועגן טעאַטער. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין **פאָרווערטס** אַרום דרייסיק ראָמאַנען, פון וועלכע „...איינציקע האָבן אַ געוויסן ליטעראַרישן ווערט" **(זלמן רייזען)**, צווישן זיי „הינטער די קוליסן — ראָמאַן פון יידישן טעאַטער לעבן", **פאָרווערטס** 1924.

קאַרנבליט האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע צאָל פּיעסן וואָס עס זיינען געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער. איינע פון זיינע גאָר באַקאַנטע פּיעסן איז „דער טיגער", וואָס איז געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג.

קאַרנבליט האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך, **די דראַמאַטישע קונסט, לעקציעס און דיסקוסיעס,** נ. י. 1928.

קאַרפּילאָוו, מרים (1888 — מאַי 9, 1956), געב. אין מינסק, און באַקומען אַ יידישע און אַלגעמיינע דערציאונג. 1905 אימיגרירט קיין אַמעריקע און לאַנגע יאָרן געלעבט אין ברידזשפּאָרט, קאָנעטיקאָט.

1906 דעביוטירט און געדרוקט דערציילונגען, פעליעטאָנען, דראַמעס, ראָמאַן און לידער. האָט זיך געדרוקט אין **דאָס יידישע פאָלק, פרייע אַרבעטער שטימע, וואַרהייט, טאָג, צוקונפט** און אין

פאָרווערטס. צווישן די ראָמאַנען וואָס זי האָט געדרוקט אין פאָרווערטס איז געווען „אירע מענער“ (1936).

קאַרפּילאָוו האָט אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם עטלעכע ביכער. צווישן זיי: טאָג־בוך פון אַן עלנדע מיידל, אָדער דער קאַמף קעגן פרייער ליבע, נ. י. 1918, אַ פּראָווינץ צייטונג, נ. י. 1923. פון אירע דראַמעס זיינען דערשינען אין די שטורעם טעג, נ. י. 1909.

קויפמאַן, לאָלאַ (1887 — דעצעמבער 24, 1964), טאָכטער פון שלום עליכם. געענדיקט קיעווער גימנאַזיע און שטודירט אין זשענעווער אוניווער־סיטעט.

אין אַמעריקע האָט זי אָנגעהויבן שרייבן און האָט פאַרעפנטלעכט אין פאָרווערטס אַ סעריע זכרונות וועגן איר פאָטער. אין פאָרווערטס האָט זי אויך במשך פון דרייסיק יאָר פאַרעפנטלעכט אַ סך קורצע דערציילונגען און סקיצן. אין אָנהויב האָט זי אירע דערציילונגען געשריבן אויף רוסיש און זיי זיינען איבערגעזעצט געוואָרן — אָבער שפּעטער האָט זי די דערציילונגען אַליין געשריבן אויף יידיש.

קויפמאַן, מיכאל, דר. (אויגוסט 19, 1881 — מערץ 23, 1946). געב. אין ליפּקאַן, בעסאַראַביע. מאַן פון לאָלאַ קויפמאַן און איידעם פון שלום עליכם.

באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג, גע־לערנט גמרא און קבלה. געענדיקט דאָקטאָר־מעדיצין. אין 1922 איז ער געקומען קיין אַמעריקע און פּראַקטיצירט מעדיצין אין נוארק, ניו־דזשוירזי.

דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין 1905 און געדרוקט דערציילונגען, לידער און פעליעטאָנען אין אונטערוועגס (אָדעס) און שפּעטער אין פרייע אַרבעטער־שטימע, נייע־יידיש, צוקונפט, פעדער, שיקאַגאָ. פאַרעפנטלעכט אַן אויטאָריזירטע איבער־זעצונג פון ח. נ. ביאַליקס שירי עם אין קונדס.

אין פאָרווערטס האָט מיכאל קויפמאַן פאַר־עפנטלעכט איבער הונדערט דערציילונגען.

קייזער, וויליאַם (1872 — יאַנואַר 3, 1940), געב. אין שאַוול, ליטע. געלערנט אין חדר און אין דער שטאַטישער יידיש־רוסישער שול.

סוף 1893 אָנגעקומען קיין אַמעריקע, וואו ער האָט אויסגעשטודירט ווי אַ פאַרמאַצעווט (1901). דעביוטירט מיט אַ ליד אין די אידישע גאַזעטן (יודישע גאַזעטטען) 1893. נאָך דער גרינדונג פון פאָרווערטס האָט ער אַ לענגערע צייט געדרוקט לידער און ספּעציעל אין דער אָפּטיילונג „דיכטער אַלבאָם“.

קיסין, י. י. (אויגוסט 5, 1886 — יוני 25, 1950), אַדאָפּטירטער נאָמען פון יקותיאל גאַרניצקי. געב. אין גראָדנע. אין 1892 אַריבער מיט די עלטערן קיין קאָוונע. געלערנט אין חדר און אַלגעמיינע לימודים ביי פּריוואַטע לערער. געקומען קיין אַמעריקע אין 1904. געדרוקט לידער, דערציילונגען, עסייען און ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען. מיטגעאַרבעט אין די נייע וועלט, צוקונפט, וואו אַ געוויסע צייט געווען סעקרעטאַר פון רעדאַקציע. אַרום 1924 געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון פאָר־ווערטס, וואו געשריבן נייעס, אַרטיקלען און גע־דרוקט לידער.

קיסין האָט איבערגעזעצט אויף יידיש די ווערק פון עדגאַר אַלען פּאָ. פּ. קראָפּאָטקין, מ. גאָרקי, א. פּושקין, לערמאָנטאָוו. אין זיין אַנטאָלאָגיע לידער פון דער מלחמה, נ. י. 1943, גייען אַריין לידער פון אַ גרעסערער צאָל יידישע פּאָעטן און פון ניט־יידישע. אַ טייל פון די פרעמד־שפּראַכיקע לידער האָט ער איבערגעזעצט. איז אויך געווען מיטרעדאַקטאָר פון ליטע, ב׳ 1, נ. י. 1951.

נאָך זיין טויט האָט זיין זון, ד״ר ס. גאָרן, אַרויסגעגעבן זיין זאַמלונג ליד און עסיי, נ. י. 1953, 320 זייטן.

קראַנץ, פיליפּ (אָקט. 13, 1858 — נאָוו. 27, 1922), פּסעוודאָנים פון יעקב ראָמבראָ. געב. אין ראָדאָק, אוקראַינע, אָבער די משפחה איז אַריבער קיין אַשמענע, ווילנער גוב., וואו ק׳ האָט געלערנט אין אַ רוסישער שול און ביי פּריוואַטע מלמדים. 1872 אָנגעקומען אין זשיטאָמירער ראַבינער שול, 1873 אַריבער אין קרעמענטשוגער רעאַל־גימנאַזיע, געענדיקט 1879, דערנאָך שטודירט אין טעכנאָלאָ־גישן אינסטיטוט אין פּעטערבורג.

צוליב זיין פֿאַרבינדונג מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז ער אין 1877 אַרעסטירט געוואָרן און געזעסן אַ יאָר אין טורמע. נאָכן אַטענטאַט אויפֿן צאַר אַלעקסאַנדער 2טן, אין 1881, איז ער אַנטלאָפֿן קיין פּאַריז, וווּ ער איז געווען דער מיטגרינדער פֿון ייִדישן אַרבעטער־פֿאַראיין.

ליטעראַרישע אַרבעט אָנגעהויבן אין 1880 מיט אַרטיקלען אין די רוסיש־ייִדישע צייטשריפֿטן. 1883 איז ער אָנגעקומען קיין לאָנדאָן און איז אין 1884 געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון מ. ווינטשעווסקיס **פּוילישער אידל**. ער איז געווען טעטיק אין דער לאָנדאָנער אַרבעטער־באַוועגונג, און אין 1889 דעלעגאַט צום קאָנגרעס פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אין לאָנדאָן רעדאַקטירט די וואָכנשריפֿט **אַרבעטער־פֿריינד** (1885-1886). אין לאָנדאָן האָט ער אויך איבערגעזעצט עטלעכע סאָציאַליסטישע בראָשורן אויף ייִדיש.

1890 איז קראַנץ אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, וווּ ער איז פֿאַרבעטן געוואָרן צו זיין דער רעדאַקטאָר פֿון דער **אַרבעטער־צייטונג**. ער האָט די וואָכנשריפֿט רעדאַקטירט און געשריבן טעאָרעטישע אַרטיקלען וועגן סאָציאַליזם און האָט איבערגעזעצט אַ צאָל ראָמאַנען, צווישן זיי פֿלאַבערס **סאַלאַמבאָ**. 1892—1894 רעדאַקטירט די **צוקונפֿט**.

אָקטאָבער 1894 איז די **אַרבעטער־צייטונג** פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעגלעכער צייטונג אונטערן נאָמען **דאָס אָבענד בלאַט** און קראַנץ איז געוואָרן רעדאַקטאָר. ער איז געווען אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין 1900 איז ער געווען אַ דעלעגאַט צום קאָנגרעס פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

קראַנץ האָט אין 1904-1905 ווידער רעדאַקטירט די **צוקונפֿט** און מיטגעאַרבעט אין פֿאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן און האָט שטודירט כעמיע אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט. אַ צייט איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פֿון די **אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק פֿאַרלאַג קאָמפּאַני**, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל ביכער אויף ייִדיש.

1906-1907 פֿאַרבראַכט אין אייראָפּע, וווּ ער האָט רעדאַקטירט די **פּראָלעטאַרישע וועלט**, די צייטשריפֿט פֿון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַרומגעפֿאָרן איבער רוסלאַנד ווי דער קאָרעספּאָנדענט פֿון **מאָרגן־זשורנאַל** און **אַמעריקאַנער**. ער האָט זיך געטראָפֿן מיט אַ סך ייִדישע שרייבערס און אין זיינע אַרטיקלען אין **אַמעריקאַנער** האָט ער געשריבן וועגן די באַגעגענישן.

נאָך זיין צוריקקער קיין אַמעריקע האָט ער פֿאָרגעזעצט זיין ליטעראַרישע און זשורנאַליסטישע אַרבעט. אין 1914—1918 רעדאַקטירט דעם אָרגאַן פֿון אַרבעטער־רינג **דער פֿריינד**, און איז אַרום יענער צייט געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס**, וווּ ער האָט געשריבן פּובליציסטישע אַרטיקלען וועגן געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען.

פֿיליפּ קראַנץ איז געווען דער מחבר פֿון אַ גרעסערער צאָל פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע ביכער, „וואָס האָבן געשפּילט אַן אומגעהויערע ראָלע אין דער אויפֿקלערונג פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן.” **(זלמן רייזען)**. צווישן זיינע ביכער זיינען דאָ ביאָגראַפֿיעס פֿון וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, **די קולטור־געשיכטע** (1900), **די געשיכטע פֿון די גרויסע פֿראַנצויזישע רעוואָלוציאָן** (1903), **גאַנץ אַמעריקע** (1915), **הימל און ערד — אַסטראָנאָמיע פֿאַרן פֿאָלק**, נ. י. 1918.

ער האָט אויך אָנגעשריבן עטלעכע אַרבעטן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע אין אַמעריקע.

„ער (קראַנץ) איז געווען אַן איינפֿאַכער, זייער אָנגענעמער מענטש. ער האָט מיט אַלעמען גערעדט מיט פֿריינדלעכקייט. זיין שמייכל און איבערהויפּט זיין פֿריילעכקייט איז געווען צוציִענד... ביי אונז זיינען שטענדיק אַנטוויקלט געוואָרן די וואַרעמסטע באַציִונגען... אָבער איז דער פֿראַגע ווי אַזוי די צייטונג (**אַרבעטער־צייטונג**) דאַרף אַרויסגעגעבן ווערן, איז צווישן אונדז געווען אַ תהום. יעדן מאָל ווען איך האָב פֿאַר אים פֿאָרגעלייגט מיין מיינונג, האָט ער מיך אויסגעהערט פֿריינדלעך, אָבער אַזוי ווי איך וואָלט ריידן וועגן אַן עניִן אין וועלכן ער האָט קיין אינטערעס ניט.”

(אַב. קאַהאַן)

דאָס מוז זיין איינע פֿון די סיבות פֿאַרוואָס קראַנץ איז געוואָרן אַזוי שפּעט אַ מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס**.

קרישטאַל, לעאָן (1894 — אויגוסט 21, 1959), געב. שאַראָגראָד, פּאָדאָליע, געלערנט אין חדר און ביי פּריוואַטע לערער. אימיגרירט קיין אַמעריקע אין 1914, געאַרבעט אין אַ שאַפּ און ביינאַכט שטודירט אינזשינירינג אין קופּער־יוניאָן.

קרישטאַל האָט דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין **טאָג**, האָט איבערגעזעצט לידער און זיי געדרוקט אין דער **פרייע אַרבעטער שטימע**. ער האָט דאָרטן אויך געדרוקט טעאַטער־קריטיק.

אין 1922 איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**. עטלעכע יאָר איז ער געווען דער נייעס־רעדאַקטאָר און פינף יאָר דער רעדאַקטאָר פון דער זונטיק־אויסגאַבע פון **פאָרווערטס**. צען יאָר איז ער געווען דער ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט ביי די „פאַראייניקטע פעלקער" (יו־ען).

ק' האָט אַ סך געשריבן אויף אַקטועלע טעמעס. בשעת זיין באַזוך אין מאָסקווע אין 1956 האָט ער זיך דערוואוסט וועגן דעם מאָרד פון די יידישע שרייבער אין אויגוסט 1952 און ער האָט געבראַכט די ידיעה.

ער האָט אָנגעשריבן אַ ביאָגראַפיע פון פּרעזידענט פרענקלין רוזוועלט, וואָס איז אין 1942 געגאַנגען צען חדשים אין טעגלעכע איבערזעצונגען. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ גרעסערע שטודיע „טאָלסטאָי און זיין ווייב", וואָס איז געווען געדרוקט אין טעגלעכע פאָרזעצונגען אין 1948־1949.

קרישטאַל, משה (סעפּטעמבער 20, 1908 —), געב. אין שאַראַגראָד, פּאָדאָליע, געלערנט אין חדר און פּריוואַט. אימיגרירט קיין אַמעריקע אין 1922. געלערנט אין אַלגעמיינע שולן און אין אַ ספּעציעלער קונסט־שול. געדרוקט אַ צאָל דערציילונגען אין דער **גערעכטיקייט**, אין **אידישער קעמפער** און **טאָג**. אין 1943 געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין **פאָרווערטס**, וואו געשריבן וועגן צייט־פראַגן און קונסט. אַ לענגערע צייט געווען נייעס־רעדאַקטאָר. פון 1963 פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר און פון יוני 1968 ביז יולי 1970 געווען רעדאַקטאָר. זיך צוריקגעצויגן אין 1972.

1964—1978 מיטגליד פון רעדאַקציע־קאָלעגיע פון **צוקונפט**, וואו געשריבן אין יעדן נומער אַן עדיטאָריאַל.

ר

ראָבינס, לעאָ (1895 — יאַנואַר 31, 1957), אַדאָפּטירטער נאָמען פון **אליעזר ראַבינאָוויטש**. געב. אין איוויע, ווילנער געגנט. געלערנט אין חדר און לידער ישיבה. 1910 אימיגרירט קיין אַמעריקע. געלערנט אין באָסטאָנער אוניווערסיטעט. 1915 אָנגעהויבן שרייבן אויף ענגליש און פאַרעפנטלעכט לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען.

1921 געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, געשריבן פאַרשיידענע אַרטיקלען, אַ ראָמאַן און אַ סעריע בילדער „קיידי די יענקי". אָנגעשריבן אַ צאָל פּיעסן וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער.

אין **פאָרווערטס** געשריבן אויך אונטער די נעמען **ל. מאַלקעס** און **ר. שאַיעווסקי**.

ראָגאָף, הלל (דעצ. 11, 1882 — נאָוו. 30, 1971). געב. אין בערעזין, ווייסרוסלאַנד. אין עלטער פון אַכט יאָר, אין 1890, געקומען מיט די עלטערן קיין אַמעריקע. געלערנט אין דער ר' יצחק אלחנן ישיבה און אין אַלגעמיינע שולן, און גראַדואירט דעם ניו־יאָרקער שטאָטישן קאַלעדזש אין 1906.

1905 אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע אַרבעט אין ענגליש און אַ יאָר שפּעטער, אין 1906, אויף יידיש, ווען ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**. אין 1908 האָט ער אַ קורצע צייט מיטגעאַרבעט אין די **יידישע אַרבעטער וועלט**, שיקאַגאָ, אָבער איז צוריקגעקומען אין **פאָרווערטס**.

ראָגאָף איז געווען אַקטיוו אין דער אַלגעמיינער און יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און איז געווען אַ קאַנדידאַט אויף דער סאָציאַליסטישער ליסטע צום קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן.

ווען עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין 1921, איז ראָגאָף אַוועק מיט די לינקע, אָבער ער איז גיך אַוועק פון דער לינקער גרופּע. האָט אַ קורצע צייט מיטגעאַרבעט אין דער טעגלעכער פּועלי־ציוניסטישער צייטונג **די צייט** און זיך אומגעקערט צום **פאָרווערטס**.

ראָגאָף האָט מיטגעאַרבעט אין **דער וועקער**, אין **צוקונפט**, וואו ער איז אַ קורצע צייט געווען מיטרעדאַקטאָר.

אָבער זיין לעבנס־אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיטן **פאָרווערטס**, וואו ער איז געווען נייעס־רעדאַקטאָר, פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר, געהילף־

רעדאַקטאָר און נאָך אַב. קאַהאַנס טויט, אין 1951, איז ער געוואָרן הויפּט־רעדאַקטאָר און אָנגעהאַלטן זיין פּאָסטן ביז 1962.

ראַגאָף איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע פּובליציסטן פון פאָרווערטס. ער האָט געשריבן לייטאַרטיקלען און יעדן דאָנערשטיק האָט ער געשריבן אַן אַרטיקל אונטערן שטענדיקן קעפּל „אין איצטיקן מאָמענט", וואו ער האָט באַהאַנדלט און אַנאַליזירט פּאָליטישע פּראָבלעמען און געשעענישן, ספּעציעל בנוגע אַמעריקע.

יעדן צווייטן זונטיק האָט ער יאָרן־לאַנג געשריבן אַן אַרטיקל וועגן ענגלישע ביכער, אָבער פון צייט צו צייט האָט ער אויך געשריבן וועגן אַ יידישן בוך און אַמאָל וועגן אַ העברעאישן.

ראַגאָף האָט אין פאָרווערטס אויך געשריבן וועגן זיינע רייזעס און באַזוכן אין אייראָפּע און ישראל.

מיט זיינע גענויע און אויספירלעכע באַריכטן האָט ער מיטגעהאָלפן גרינדן די שניידער־יוניאָן, די „אַמאַלגאַמייטעד".

ראַגאָף איז חוץ פּובליציסט און זשורנאַליסט געווען אויך אַ פאָרשער און אַ היסטאָריקער. ער האָט אָנגעשריבן אַ צאָל וויכטיקע ווערק וועגן אַמעריקע, ווי **אַזוי אַמעריקע ווערט רעגירט**, נ. י. 1918, **די געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן**, 5 בענד, 1925—1928, **מאיר לאָנדאָן, דער גייסט פון פאָרווערטס**, נ. י. 1954. דאָס איז אַ ווערק וואָס גיט אַ בילד פון פאָרווערטס, פון כאַראַקטער פון דער צייטונג און דער פּאָליטיק פון דער צייט, די גרויסע ראָלע וואָס דער פאָרווערטס האָט געשפּילט אין יידישן און אַלגעמיינעם לעבן, און פאָרטרעטן פון די מיטאַרבעטער. **דער גייסט פון פאָרווערטס** דינט ווי אַ קוואַל פון אינפאָרמאַציע פאַר די וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער געשיכטע און כאַראַקטער פון דער צייטונג.

ראַגאָף האָט אַרויסגעגעבן אויף ענגליש אַ ביכל **ניין יידישע שרייבערס**, אין וועלכן ער באַהאַנדלט די פאָלגנדיקע יידישע שרייבערס: מאָריס ראָזענפעלד, י. ל. פּרץ, א. ליעסין, אברהם רייזען, לאַמעד שאַפּיראָ, ז. ליבין, יונה ראָזענפעלד, שלום אַש און לעאָן קאָברין, און אַ בוך וועגן מאיר לאָנדאָן. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן די בראָשורן: **25 יאָר קאָמוניסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע**, **אַמעריקאַנער פרייהייט**, 1916, **די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט**, 1920; **חוּרבּן, סמיט און זייערע פּלאַטפאָרמעס**, 1928; **דער קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן**, 1930; **די פּאָליטישע לאַגע אין אַמעריקע און די אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג**, 1938; **וויכטיקע פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג** (מיט ל. הענדין און נ. כאַנין), 1940, (אַלע אַרויס אין ניו־יאָרק).

ראַגאָף איז געווען מיטרעדאַקטאָר פון **75 יאָר יידישע פּרעסע אין אַמעריקע, 1870—1945**, נ. י. 1945 און האָט איבערגעזעצט אויף יידיש מאָריס הילקוויטס **די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן** (נ. י. 1919).

דער פאָרווערטס האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע ראַגאָף־אָפּטיילונג אין 60־יאָריקן יובילייר־נומער, אונטער דער רעדאַקציע פון שמעון וועבער, מאַי 19, 1957.

„ער (ראַגאָף) איז געווען אַן אויסגעצייכנטער לאָגיקער, און זיין יידיש איז געווען אַזאַ קלאָרער ווי זיין לאָגיק. מיט דעם און מיט זיין גרינדלעכער באַקאַנטשאַפט מיט אַמעריקאַנער געשיכטע און מיט דעם אַמעריקאַנער פּאָליטישן לעבן, איז ער ביי אונדז געוואָרן אַ וויכטיקער מיטאַרבעטער פאַר ערנסטע אַרטיקלען."

(אַב. קאַהאַן, 1928)

ראָזענפעלד, הערש (אַפּריל 18, 1884 — מאַי 20, 1960), געב. אין ראַגאַטשאָוו. געלערנט אין חדרים, אין דער באַהדיטשעווער ישיבה און וועלטלעכע לימודים. אימיגרירט קיין אַמעריקע אין 1906. געאַרבעט ביי פאַרשיידענע פאַכן און שטודירט כעמיע.

זיין ליטעראַרישע אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן מיט איבערזעצונגען אין 1919. ער האָט איבערגעזעצט אי בעלעטריסטישע, אי אַלגעמיינע ווערק. אַזוי האָט ער איבערגעזעצט: דזשעק לאָנדאָן, **דער וועג**, נ. י. 1921; א. טורגעניעוו, **דער פריצישער הויף**, נ. י. 1921; ק. קאַוטסקי, **געשיכטע פון סאָציאַליסטישן געדאַנק**, נ. י. 1921; פּ. קראָפּאָטקין, **געזאַמלטע שריפטן**, נ. י. 1922־1923. ער האָט זיך דערהויפּט באַקאַנט געמאַכט מיט זיין איבערזעצונג פון דער פינישער נאַציאָנאַלער פּאָעמע **קאַלעוואַלאַ**, נ. י. 1954.

פאַרן פאָרווערטס האָט הערש ראָזענפעלד אַ געוויסע צייט געשריבן פאַרשיידענע אַרטיקלען און האָט איבערגעזעצט אַ צאָל ראָמאַנען.

ראָזענפעלד, יונה (1880 — יולי 9, 1944), געב. אין טשאַרטאָריסק, וואָלין. געלערנט אין חדר און ישיבה. אין עלטער פון דרייצן יאָר אַוועק קיין אָדעס, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט טאָקערײַ, און געאַרבעט ביי זיין פאַך אַרום 10 יאָר.

דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור אין 1904 אין פעטערבורגער **דער פריינד** און דערנאָך פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, ראָמאַנען, סקיצעס אין **דער פריינד, מאָמענט, דער שטראַל** און **יידישע וועלט**. ער האָט אויך געשיקט פון אייראָפּע זיינע שאַפונגען צום **פאָרווערטס**, וואו זיי זיינען געדרוקט געוואָרן.

אין 1921 האָט ראָזענפעלד אימיגרירט קיין אַמעריקע און איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט פובליקירט גרעסערע און קלענערע נאָוועלן. ראָזענפעלד האָט אויך געדרוקט זיינע שאַפונגען אין דער **צוקונפט, דער וועקער** און **טעאַליט**.

אָבער די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט דער **פאָרווערטס** אויפגעהערט צו דרוקן זיינע שאַ־פונגען. אַב. קאַהאַנען איז ניט געפעלן געוואָרן ראָזענפעלדס גריבלען זיך צו פיל אין דער פסיכאָ־לאָגיע פון זיינע געשטאַלטן.

הלל ראָגאָף דערציילט, אַז ראָזענפעלד

„האָט געזוכט זיך צו פאַרטיפן אַלץ מער און מער אין דער פסיכאָלאָגיע פון זיינע טיפן, זיך גריבלען מער אין זייערע פאַרנעפּלטע נשמות, אין די פינסטערע ווינקלען פון זייערע הערצער, ביז ער אַליין איז געוואָרן פאַרפּלאָנטערט און מטושטש אין זיין שרייבן. עס איז געוואָרן שווער פאַר דעם לייענער אים נאָכצופאָלגן, צו פאַרשטיין וואָס ער וויל. זיין סטיל איז געוואָרן פאַר־דרייט; זיינע זאַצן — לאַנג און פאַרפּלאָנטערט. אפילו זיינע פאַרערער האָבן צוגעגעבן, אַז מ׳דאַרף זיך אָנטאָן אַ כח אים צו לייענען. אַב. קאַהאַן, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז די וויכטיקסטע אייגנשאַפטן פון אַ שרייבער זיינען קלאָרקייט און פשטות, און וועלכער האָט עס געפאָדערט פון זיין יעדן מיטאַרבעטער, האָט ניט געקענט דערלויבן אַז אַזאַ שטאָף ווי יונה ראָזענפעלד האָט איצט געשאַפן זאָל אַריינגיין אין דער צייטונג.“

מ. אָשעראָוויטש שרייבט:

„עס זיינען געווען פאַרשיידענע סיבות דערויף (פאַר ניט דרוקן זיינע נאָוועלן) פאַרוואָס מען האָט יענע ווערק ניט געדרוקט. עס זיינען מיט דעם געווען פאַר־בונדן שרייבערישע קאַפּריזן און אויך ניט ווייניק איבער־געטריבענע עקשנות.“

ראָזענפעלד האָט ניט געוואָלט צופּאַסן זיך צו די פאָדערונגען פון אַב. קאַהאַנען און קאַהאַן האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן ראָזענפעלדס עקשנות.

ראָזענפעלד איז געווען דער מחבר פון אַ צאָל דראַמעס וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער. מיט גרויס הצלחה איז געשפּילט געוואָרן זיין **קאָנקורענטן**, וואָס ער האָט דראַמאַטיזירט פון זיינער אַ דערציילונג.

ראָזענפעלדס ווערק זיינען דערשינען אין וואַר־שע, ווילנע און ניו־יאָרק. אַזוי זיינען אַרויס זיינע **געקליבענע ווערק**, אין אַכט בענד, ווילנע 1929; **געזאַמלטע ווערק**, זעקס בענד, ניו־יאָרק 1924; **געקליבענע ווערק**, צוזאַמענגעשטעלט פון חיים גראַדע, ביאָגראַפיש־קריטישער אַריינפיר פון ש. ניגער, נ. י. 1955 (איין באַנד). זיינע ווערק זיינען אויך אַרויס אין פאַרשיידענע אַנדערע אויפלאַגעס.

ראָזענפעלד, מאָריס (דעצ. 28, 1862 — יוני 22, 1923), יידישער ערשטער נאָמען **משה יעקב אַלטער**. געב. אין באָקשאַ, סואַוואַלקער גוב. געלערנט אין חדר און אין בית מדרש, אין סואַוואַלק און אין וואַרשע.

ווען ער איז געווען נאָך גאָר יונג אָנגעהויבן לייענען העברעאישע ביכער און זיך באַקענט מיט די לידער פון אליקום צונזער, מיכל גאָרדאָן און אברהם גאָלדפאַדען, און ווען ער איז אַלט געווען פופצן יאָר האָט ער אָנגעהויבן שרייבן לידער אויף יידיש.

1882 אַוועק קיין אַמעריקע, אָבער אין אַ קורצער צייט זיך אומגעקערט. אַ ביסל שפּעטער אימיגרירט קיין לאָנדאָן און איז געוואָרן אַ שניידער.

1886 אימיגרירט קיין אַמעריקע, געאַרבעט אין אַ שאָפּ.

דעביוטירט מיט אַ ליד אין **ניו־יאָרקער יידישע פאָלקס־צייטונג**, דעצעמבער 1886. דערנאָך האָט ער פאַרעפנטלעכט לידער אין **מאָרגן־שטערן**, אין דער אַנאַרכיסטישער **וואַרהייט**. ווען עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען די **אַרבעטער־צייטונג**, איז ער געוואָרן

אַ מיטאַרבעטער און האָט דאָרטן געדרוקט זיינע בעסטע און רייפסטע לידער.

ראָזענפעלד פלעגט אויפטרעטן מיט לייענען און דעקלאַמירן זיינע לידער. ער האָט אויך פאַרשפּרייט זיינע ביכלעך, ווי די גלאָקע, 1888, די בלומענקעסטע, 1890; דאָס לידער־בוך, 1897, אָבער ער האָט ווייטער געאַרבעט אין שאַפּ.

מיט ראָזענפעלדן האָט זיך פאַראינטערעסירט פּראָפעסאָר לעאָ ווינער, וואָס האָט איבערגעזעצט אַ צאָל פון זיינע לידער אויף ענגליש און זיי אַרויסגעגעבן אונטערן נאָמען לידער פון דער געטאָ (באָסטאָן, 1898 און 1900). דאָס האָט אים געשאַפן אַ נאָמען אין דער ניט־יידישער וועלט און האָט אים זייער דערמוטיקט.

ראָזענפעלד האָט אויסער דער אַרבעטער־צייטונג געדרוקט לידער אין אַנדערע צייטשריפטן, אָבער אין 1901 איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון אַבענד־בלאַט און אין 1904 איז ער אַריין אין פאָרווערטס, וואו ער האָט געשריבן אַרטיקלען, פעליעטאָנען און לידער.

„אין די יאָרן ווען ער איז געווען פאַרבונדן מיט דער סאָציאַליסטישער צייטונג (פאָרווערטס), וואוהין עס האָט אים שטענדיק געצויגן, ווי ער אַליין האָט פאַרזיכערט דעם רעדאַקטאָר, די בעסטע יאָרן אין זיין לעבן און אויך אין זיין ליטעראַרישער קאַריערע — איז ער קינסטלעריש אויסגעוואַקסן נאָך גרעסער ווי פריער און ער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט ניט נאָר ווי אַ פּאָעט פון גרויסן פאַרנעם אין סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע מאָטיוון, נאָר אויך ווי אַ גלענצנדיקער פעליעטאָניסט, איינער פון די בעסטע און שאַרפסטע פעליעטאָניסטן אין דער יידישער ליטעראַטור.“

(מ. אָשעראָוויטש)

ראָזענפעלד האָט מיטגעאַרבעט אין פאָרווערטס ביז 1914. ווי עס שרייבט הלל ראָגאָף:

„מיט ראָזענפעלדן האָט פּאַסירט דאָס וואָס עס פּאַסירט מיט די מערסטע טאַלאַנטן. ער האָט זיך אויסגעשריבן און זיין טאַלאַנט האָט זיך גענומען גליטשן באַרג אַראָפּ. קאַהאַן האָט אים צוריקגעשיקט אַ צאָל אַרטיקלען, וואָס האָט אַרויסגערופן פאַרביטערונג ביים דיכטער און ער איז געוואָרן אויס מיטאַרבעטער.“

אַב. קאַהאַן דערציילט:

„ער האָט ביי אונז געאַרבעט אַ יאָר צען (מיט אַ פּויזע צוליב קראַנקהייט און שפּעטער איבער אַ רייזע קיין אייראָפּע, וואו מען האָט אים אומעטום אויפגענומען מיט כבוד און כּיבוד פּאַראַד). ער איז אַוועק פון אונדז (1913) ווייל מיר האָבן זיך אַנטזאָגט צו דרוקן ווילדע אַטאַקעס וואָס ער האָט געמאַכט אויף פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן פון יידישן קוואַרטאַל.“

(בלעטער פון מיין לעבן, פערטער באַנד, ז' 461).

ראָזענפעלד האָט דערנאָך אַ קורצע צייט געשריבן אין אָרטאָדאָקסישן טאָגעבלאַט, און ווען מען האָט אים פון דאָרטן אָפּגעזאָגט, האָט ער פון צייט צו צייט געדרוקט לידער אין מאָרגן זשורנאַל און וועכנטלעכן אַמעריקאַנער.

מאָריס ראָזענפעלד איז געווען דער רעפּרעזענטאַטיווער פּאָעט פון דעם ערשטן אימיגראַנטן־דור. ער האָט אויסגעדריקט זייערע אידעען, געפילן, שטימונגען אוןליידן. זיינע לידער זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט עמאָציאָנעלער טעמפּעראַמענטפולקייט און מיט זיינע אייגענע שווערע איבערלעבענישן.

ראָטשטיין, שמואל יצחק (אויגוסט 16, 1902 — אַפּריל 19, 1977), געב. אין וואַרשע. אין 1922 באַקומען סמיכה אויף רבנות. מיטגעאַרבעט אין דער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע אין וואַרשע, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט ראָמאַנען, דערציילונגען, לידער און פעליעטאָנען. ער האָט אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם אין וואַרשע, תל־אביב, ניו־יאָרק אַ צאָל בעלעטריסטישע ווערק און שטודיעס וועגן חסידות.

אין 1941 געקומען קיין ארץ־ישראל און אין 1948 אימיגרירט קיין אַמעריקע. האָט פאַרעפנטלעכט ראָמאַנען אין מאָרגן־זשורנאַל און אַמעריקאַנער.

פון 1970 ביזן סוף פון זיין לעבן האָט ראָטשטיין געשריבן אין פאָרווערטס „די סדרה פון דער וואָך“, וואו ער האָט אויסגעטייטשט און פאַרטייטשט די סדרה אין אַ היינטצייטיקער באַלייכטונג.

ראַיעווסקי, טשאַרלס (אַפּריל 30, 1861 — דעצ. 21, 1930), אַדאָפּירטער נאָמען פון שאַמראַיעווסקי. געב. אין קרעמענטשוג.

אימיגרירט קיין אַמעריקע מיט דער עם־עולם גרופּע אין 1882. געאַרבעט אויף אַ פאַרם, אין פאַבריק און אין דער זעלביקער צייט שטודירט.

1896 געענדיקט ווי אַ דאָקטער־מעדיצין און פּראַק־טיצירט אין ניו־יאָרק.

צוזאַמען מיט אַב. קאַהאַן אַרויסגעגעבן אין 1886 דריי נומערן פון דער ערשטער יידישער סאָציאַליסטישער צייטשריפט **די נייע צייט**. געווען איינער פון די גרינדער פון **פאָרווערטס** און אין משך פון די יאָרן 1897—1907 פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען און געענטפערט פראַגן אין בריוו־קאַסטן. אַ קורצע צייט אין 1902 איז ראַיעווסקי געווען דער רעדאַק־טאָר פון **פאָרווערטס**. ער האָט רעדאַקטירט דעם **קאַלענדאַר און אַלמאַנאַך צום פינף־יאָריקן יוביליי פון פאָרווערטס**. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין **צוקונפט**.

ראַסקין, מרים (1889 — אָקטאָבער 18, 1973), געב. אין סלאָנים, גראָדנער געגנט. האָט געהערט צום בונד און איז געזעסן אַ יאָר אין טורמע אין פּעטער־בורג פאַר בונדישער אַרבעט.

אימיגרירט קיין אַמעריקע אין 1920. דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין דער **צוקונפט**. פאַרעפנט־לעכט דערציילונגען און ראָמאַנען אין **פאָרווערטס**. אַ באַנד פון די דערציילונגען, אונטערן נאָמען **שטילע לעבנס**, איז אַרויס אין בוך־פאָרם אין 1941 און איר ראָמאַן **זלאַטקע**, וועגן לעבן פון יידישע רעוואָלוציאָנערן, איז אַרויס אין בוך־פאָרם אין 1941. (ביידע אין ניו־יאָרק).

ראַסקין, רעי (מאַי 15, 1888 —). געב. אין אָדעס, געלערנט אין אַ רוסישער גימנאַזיע. אַ קורצע צייט שטודירט אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך. אימי־גרירט קיין אַמעריקע אין 1905.

אין 1912 דעביוטירט מיט אַ ליד אין **דאָס נייע לאַנד**, רעדאַקטירט פון אברהם רייזען. עטלעכע יאָר, צווישן 1912—1915, פאַרעפנטלעכט אין **פאָרווערטס** אַרטיקלען און דערציילונגען. זי האָט געשריבן אַרטיקלען וועגן טעאַטער, פילם און מוזיק.

ראַק, מאיר (יולי 6, 1911 —). געב. אין וואַרשע, געלערנט אין אַ יידיש־וועלטלעכער שול. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין קליינע **פאָלקס־צייטונג** און פאַר־עפנטלעכט דערציילונגען אין דער **פאָלקס־צייטונג, פאָרווערטס** און **וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור** — אַלע אין וואַרשע.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד און איז אין 1940 פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר. 1946—1950 געלעבט אין שטאָקהאָלם און זינט 1950 אין ניו יאָרק. האָט אין אַמעריקע אָנגעהויבן שרייבן פאַרן **פאָרווערטס** וועגן געזעל־שאַפטלעכע פּראָבלעמען אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, שפּעטער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער. ער שרייבט וועגן די ספּעציפישע פּראָבלעמען פון די עלטערע מענטשן, וועגן סאָציאַלער פאַרזיכערונג און ענלעכע ענינים.

ראַק איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **דער וועקער**, וואו ער באַהאַנדלט די סאַמע וויכ־טיקסטע סאָציאַלע און פּאָליטיש עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. שרייבט אויך, פון צייט צו צייט, אין דער **צוקונפט**. האָט איבערגעזעצט בעלעטריסטיק פון שוועדיש.

באַנוצט זיך אויך מיטן פּסעוודאָנים **ר. מאַיער**.

רובינשטיין, יוסף (דעצ. 1905 — פעברואַר 24, 1978), געב. אין סקידל, ביאַליסטאָקער גוב. געלערנט אין חדר מתוקן און רוסיש ביי זיין פאָטער. סוף 1918 געקומען קיין וואַרשע, געאַרבעט ביי טאָג און ביי־נאַכט געלערנט אין אַ פּוילישער האַנדל־שול, שפּע־טער אין אַ שול פאַר צייכענונגען.

דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור אין 1925 און געדרוקט לידער אין **אַרבעטער־צייטונג, שפּראַכגנען און ליטעראַרישע בלעטער**. זיין ערשטע לידער זאַמלונג **מאָרעלן** איז אַרויס אין וואַרשע, 1939.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז ער אַנט־לאָפן קיין ביאַליסטאָק, באַזוכט מאָסקווע בשייכות מיט דער פּובליקאַציע פון אַן אָפּקלייב פון זיין בוך **מאָרעלן**, מיט אַ הקדמה פון ל. קוויטקאָ, מאָסקווע 1940.

נאָכן דייטשן אָנגריף אויף רוסלאַנד אין יוני 1941 אַנטלאָפן פון ביאַליסטאָק און זיך דערשלאָגן קיין אַלמאַ־אַטאַ, וואו ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה. נאָך דער מלחמה זיך אומגעקערט אין 1946 קיין פּוילן, געלעבט אין לאָדזש, און אין 1947 **אימיגרירט** קיין פּאַריז און אין 1948 געקומען קיין ניו־יאָרק ווי אַ דעלעגאַט פון שרייבער־פאַראיין צום גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון יידישן קולטור־קאָנגרעס, און איז געבליבן אין אַמעריקע.

אין ניו־יאָרק האָט רובינשטיין פֿאַרעפֿנטלעכט לידער אין **צוקונפֿט**, **יידישער קעמפֿער**, **דער וועקער** און אין **פֿאָרווערטס**.

אין **פֿאָרווערטס** האָט ער אַ לענגערע צייט געדרוקט לידער יעדן זונטיק.

אין ניו־יאָרק האָט רובינשטיין אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן זיין גאָר וויכטיקע טרילאָגיע — **מגילת רוסלאַנד**, 1960; **חורבן פּוילן**, 1964; **יציאת אייראָפּע**, 1970. די טרילאָגיע דריקט אויס אויף אַ פּאָעטישן אופֿן די שטימונגען, דעם צער און געפֿילן פֿון אַ סענסיטיוון יידישן פּאָעט אויף דעם חורבן פֿון יידישן פֿאָלק.

אין ניו־יאָרק איז אויך אַרויס **נאַכט אויף נאַלעווקעס**, 1949. נאָך זיין טויט אין תל־אביב איז אַרויס זיין לידער־זאַמלונג **דערזעאונגען**, תל־אביב 1978. אַ טייל פֿון די לידער אין בוך זיינען פֿריער געווען געדרוקט אין **פֿאָרווערטס**.

אין זיין אַרכיוו איז געבליבן אַ גרעסערע צאָל ניט געדרוקטע לידער.

אין רובינשטיינס לידער איז דאָ גאָר אַ נאָענטע פֿאַרבינדונג צווישן קונסט און דער ווירקלעכקייט, און די דאָזיקע פֿאַרבינדונג ווערט אַרויסגעבראַכט ניט דורך רייד, נייערט דורך די איבערלעבונגען און דערפֿאַרונגען פֿון דעם פּאָעט.

רובינשטיין, פּאָול (מערץ 10, 1910 — מערץ 16, 1977), געב. אין פּרושקאָוו, פּוילן. געלערנט אין וואַרשעווער תרבות־גימנאַזיע. 1927 אימיגרירט קיין אַרגענטינע און אין 1930 געקומען קיין ניו־יאָרק.

פּ. רובינשטיין איז געווען אַ זעצער אין **מאָרגן זשורנאַל**, וואו ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט רעפּאָרטאַזשן און קורצע אַרטיקלען וועגן פּאָליטישע פֿראַגן. אונטערן נאָמען גלאָריאַ גאָלד אָנגעפֿירט אַ רובריק „אַ פֿרוי צו פֿרויען”.

פֿון 1954 געהילף־פֿאַרוואַלטער און שפּעטער פֿאַרוואַלטער פֿון **פֿאָרווערטס**. ער האָט געדרוקט אין **פֿאָרווערטס** רעפּאָרטאַזשן און אַ ראָמאַן **מאָרד אויף דילענסי סטריט**, וואָס איז אַרויס אין בוך־פֿאָרם אונטערן נאָמען **אויף פֿרעמדע וועגן**, ברוקלין 1970.

רויזענבלאַט, ה. (מאַי 15, 1878 — מאַי 30, 1956), אָריגינעלער נאָמען חיים רויזענבליט. געב. אין רישאשע, פּאָדאָליע, אוקראַינע. געלערנט אין חדר. 1892 אימיגרירט קיין אַמעריקע, געאַרבעט אין אַ שאַפּ און זיך געלערנט אין דער שול פֿאַר פֿאָלקס־לערער, „דזשאַמייקאַ נאָרמאַל־קאָלעדזש”.

דעם 2טן יאַנואַר 1900 האָט ער דעביוטירט מיט אַ ליד אין **פֿאָרווערטס** און האָט זיך אָפֿט געדרוקט אין **דיכטער אַלבאָם** אין **פֿאָרווערטס**.

האָט זיך אַנטוויקלט ווי איינער פֿון די בעסטע יידישע דיכטער אין אַמעריקע און האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל לידער־זאַמלונגען. געשטאָרבן אין לאָס־אַנדזשעלעס.

ראָכמאַן, לייב (יאַנואַר 2, 1918 — סעפּט. 14, 1978), געב. אין מינסק מאַזאָוויעצק, פּוילן. געלערנט אין חדרים און אין וואַרשע אין „עמודי תורה”, אַ ישיבה וואו מען האָט אויך געלערנט וועלטלעכע לימודים.

אין 1936 איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער טאָג־צייטונג **ראַדיאָ**, וואַרשע.

די מלחמה־יאָרן געווען אין אַן אַרבעט־לאַגער, פֿון דאָרטן אַנטלאָפֿן און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף.

נאָך דער מלחמה געלעבט אַ קורצע צייט אין לאָדזש, וואו ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון **דאָס נייע לעבן**. 1948—1945 געוואוינט אין דער שווייץ, וואו ער האָט זיך געהיילט. 1950 זיך באַזעצט אין ירושלים, געאַרבעט פֿאַר דער יידישער ראַדיאָ־אויסגאַבע.

לייב ראָכמאַן האָט אָנגעשריבן אַ ריי ווערק וואָס שילדערן אויף אַ קינסטלעריש־וואָרהאַפֿטיקן אופֿן די ליידן און אומקום פֿון די יידן אין דער צייט פֿון חורבן. און אין **דיין בלוט זאָלסטו לעבן** (1949) שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ טאָג־בוך, וואו ער האָט פֿאַרצייכנט זיינע איבערלעבענישן. **מיט בלינדע טריט איבער דער ערד** (1966) און **דער מבול** זיינען בעלעטריסטישע ווערק וואָס זיינען געשריבן מיט עמאָציע, מיט קינסטלערישן געפֿיל און טיפֿן אַריינבליק.

עס ווערן באַשריבן גורלדיקע באַגעגענישן, סצענעס וואָס זיינען פֿול מיט קאָשמאַרן, וואו די לעבעדיקע מישן זיך מיט די טויטע און עס איז שווער צו אונטערשיידן צווישן זיי.

עס זיינען דאָ אין זיינע ווערק סצענעס פֿול מיט

סימבאָליזם און מיט פֿאַנטאַסטישע שרעקנס־בילדער וואָס גיבן, אין אַ געוויסער מאָס, אַ פֿאַרשטעלונג פֿון דעם וואָס די ייִדן האָבן דורכגעמאַכט.

לייב ראָכמאַן איז געווען אַ לענגערע צייט אַ מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס**, וווּ ער האָט געשריבן וועגן פֿאַרשיידענע פּאָליטישע, געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור געשעענישן אין ישראל. אָבער ער האָט זיך מערסטנס אָפּגעגעבן מיט באַשרייבונגען פֿון די טאָג־טעגלעכע איבערלעבענישן פֿון די אײַנוואוינער און זייערע פּראָבלעמען.

פֿאַרן **פֿאָרווערטס** האָט ער אויך געשריבן אָפֿט קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן וועגן לעבן אין ישראל.

רון, משה (אויגוסט 16, 1904 —), אָריגינעלער נאָמען **משה ראָזענצווײַגעלקראָן**. געב. אין וואַרשע, געלערנט אין חדר, בית מדרש און אין אַ תרבות־שול.

אַרום 1925 אָנגעהויבן אַרבעטן ווי אַ רעפּאָרטער פֿאַרן **הײַנט**, וואַרשע. האָט געשריבן פֿאַר **הײַנטיקע נײַעס**, **וועלט־שפּיגל** און **דאָס ייִדישע לאַנד** (אַלע אין וואַרשע). אין 1935 געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון **הײַנט**. חוץ דעם געשריבן פֿון דאָרטן אויך פֿאַר אַנדערע ייִדישע צײַטונגען אין ליטע, לאַטוויע, ענגלאַנד און אַמעריקע.

נאָכן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון דער העברעיִשער צײַטונג **ידיעות אחרונות**.

די לעצטע יאָרן שרײַבט ער אָפֿט פֿאַר דעם **פֿאָרווערטס** וועגן פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען אין ישראל.

אין 1981 איז אַרויס זײַן בוך **דרכי בממלכה השביעית**, וווּ עס איז אַרײַן זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע און באַשרײַבונגען פֿון געשעענישן, באַגעגענישן און זכרונות.

רייזען, אברהם (אַפּריל 10, 1876 — מערץ 31, 1953). זון פֿון ייִדיש־העברעיִשן פּאָעט קלמן, ברודער פֿון זלמן און שׂרה רייזען. געב׳ אין קוידענעוו, מינסקער גוב׳. געלערנט אין חדר און בײַ אַ גמרא־מלמד. רוסיש און אַלגעמיינע לימודים געלערנט פּריוואַט.

רייזען האָט געלייענט די ייִדישע, העברעיִשע און רוסישע ליטעראַטורן און איז דער הויפּט באַווירקט געוואָרן פֿון די ייִדישע און רוסישע ליטעראַטורן. ווען ער איז געווען נאָך זייער יונג האָט ער אָפּגעדרוקט עטלעכע קאָרעספּאָנדענציעס אין דעם פּעטערבורגער וואָכנבלאַט **ייִדישעס פֿאָלקסבלאַט**. רייזענס ערשט ליד האָט פֿאַרעפֿנטלעכט י. ל. פּרץ אין זײַן **ייִדישע ביבליאָטעק**, באַנד 1, וואַרשע 1891. רייזען האָט צוגעשיקט עטלעכע לידער צו שלום עליכמען פֿאַר זײַנער אַ פּלאַנירטער אויסגאַבע — וואָס איז אָבער ניט אַרויס. די לידער זײַנען דורך שלום עליכמען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער **שטאָדט־צײַטונג** וואָס איז דעמאָלט אַרויס אין פֿילאַדעלפֿיע. די לידער זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן מיט אַ צושריפֿט פֿון שלום עליכמען וווּ ער האָט פֿאַרגליכן רייזענען צו ש. פֿרוגן וואָס איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע אָנערקענונג.

רייזען האָט אין יענע יאָרן פּובליקירט לידער אין די זאַמלביכער וואָס עס האָבן אַרויסגעגעבן פּרץ און מרדכי ספּעקטאָר.

אין 1895 איז רייזען אַוועק דינען אין דער אַרמיי און געשפּילט אין מיליטערישן אָרקעסטער. נאָך דער באַפֿרייאונג פֿון דער אַרמיי אַוועק קיין מינסק, און אָפּגעדרוקט אַ צאָל לידער און דערציילונגען אין **דער יוד** וואָס איז דעמאָלט (1899) אַרויס אין קראָקע.

רייזען איז דערנאָך אַוועק קיין וואַרשע, וווּ עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַער פּעריאָד אין זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט, צו וועלכע, ווי עס שרײַבט זלמן רייזען, „זײַנע ביז אַהעריקע פּרוּוון זײַנען געווען נאָר אַ התחלה". אין וואַרשע איז רייזען געווען פּראָדוקטיוו און אַקטיוו. ער האָט געשריבן לידער און דערציילונגען און האָט אַרויסגעגעבן זאַמלביכער ווי **דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט** (1900), **יאָר־בוך פּראָגרעס** (1904) און פֿאַרשיידענע אַנדערע זאַמלונגען. אין די זאַמלביכער האָט ער געדרוקט זײַנע שאַפֿונגען און די ווערק פֿון די וויכטיקסטע ייִדישע שרײַבער ווי ש. אַש, י. ל. פּרץ, ה. ד. נאָמבערג, דוד פֿרישמאַן, דוד קאַסעל, ל. שאַפּיראָ, און שאַפֿונגען פֿון אַמעריקאַנער ייִדישע פּאָעטן ווי י. באָווש‌אָווער, יהואש און מאָריס ראָזענפֿעלד. אין וואַרשע זײַנען אין יענע יאָרן אויך אַרויס זײַנע ערשטע זאַמלונגען לידער און דערציילונגען.

אין 1904 האָט ער באַזוכט ווין וווּ ער האָט זיך

געטראָפן מיט דער יידישער אינטעליגענץ, צווישן זיי מיט ד״ר נתן בירנבוימען און אברהם קאַראַלניקן. אין 1905 האָט ער זיך באַזעצט אין קראָקע וואו ער האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויסע ליטעראַריש־געזעל־שאַפטלעכע וואָכנשריפט **דאָס יודישע וואָרט.**

זיך צוריקגעקערט קיין וואַרשע, האָט געשריבן און אַרויסגעגעבן נייע זאַמלונגען פון זיינע ווערק און רעדאַקטירט פאַרשיידענע זאַמלונגען און אַ לי־טעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל **קונסט און לעבן.**

אין 1908 האָט זיך רייזען אַקטיוו באַטייליקט אין דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ וואו יידיש איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק.

נאָך דער קאָנפערענץ האָט רייזען, צוזאַמען מיט שלום אַש, י. ל. פּרץ און ה. ד. נאָמבערג, געמאַכט אַ טורנעי איבער אַ ריי שטעט פון גאַליציע און בוקאָווינע לטובת דער קאָנפערענץ ביורא.

(די ביאָגראַפיע פון אברהם רייזען איז ניט פאַרענדיקט. דער ווייטערדיקער טייל וועט דערשיינען אין דעם לעקסיקאָן דעם 8טן אויגוסט.)

אין 1908 האָט רייזען באַזוכט צום ערשטן מאָל אַמעריקע, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם פון די יידישע לייענער. ער האָט דעמאָלט אָפּגעדרוקט אַ צאָל דערציילונגען אין **פאָרווערטס.** אַזוי פרי ווי 1902 האָט ער שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט אין **פאָרווערטס דערציילונ־גען,** וואָס זיינען געליבט געוואָרן פון אַב. קאַהאַנען. ווי רייזען אליין האָט שפּעטער געשריבן, איז אַב. קאַהאַנס קריטיק אין 1092 געווען די ערשטע קרי־טישע אָפּהאַנדלונג וועגן אים און זיין שאַפן.

זומער 1909 האָט זיך רייזען אומגעקערט קיין וואַרשע, וואו ער האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע זאַמ־לונגען און אַ גרויסע וואָכנשריפט **אייראָפּעאישע ליטעראַטור,** וואו ער האָט געדרוקט איבערזעצונגען פון די באַרימטסטע אייראָפּעאישע שרייבער פון יענער תקופה. צווישן די שרייבער וועמענס ווערק עס זיינען פּובליקירט געוואָרן אין דער וואָכנשריפט זיינען געווען: טאָמאַס מאַן, היינריך מאַן, יאַקוב וואַסערמאַן, פּ. אלטנבערג, לעאָניד אַנדרעיעוו, שאַרל באָדלער א. אַז. וו. עס זיינען דאָרטן אויך געווען געדרוקט די שריפטן פון יידישע שרייבערס.

אין זיין וואַרשעווער תקופה 1900—1910 (מיט איבעררייסונגען) האָט רייזען שטאַרק באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט זיינע אייגענע לידער און דערציילונגען, מיט אַרויסגעבן און רעדאַקטירן פאַרשיידענע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, דורך דער־מוטיקן יונגע שרייבערס און סטימולירן די עלטערע.

אָנהויב 1911 איז רייזען געקומען צום צווייטן מאָל קיין אַמעריקע, האָט מיטגעאַרבעט אין **פאָרווערטס** און אַרויסגעגעבן אין 1911—1912 אַ ליטעראַרישע וואָכנשריפט אונטערן נאָמען **דאָס נייע לאַנד.** עס איז געווען אַ גאָר גוטע וואָכנשריפט, וואו עס זיינען געדרוקט געוואָרן די ווערק פון די וויכטיקסטע יידישע שרייבער וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין אַמעריקע. עס האָבן זיך באַטייליקט אין **דאָס נייע לאַנד** אויך די אייראָפּעאישע יידישע שרייבערס. עס זיינען אַרויס 32 נומערן. שפּעטער האָט ער אַרויסגעגעבן אַ נייע וואָכנשריפט **די ליטעראַרישע וועלט** (1912־1913).

אין 1913 האָט זיך רייזען אומגעקערט קיין אייראָפּע, זיך באַזעצט אין פּאַריז וואו ער האָט אַרויסגעגעבן אַ וואָכנשריפט **דער נייער זשורנאַל** (1913־1914). אין דער וואָכנשריפט האָבן זיך באַ־טייליקט יידישע שרייבער פון אייראָפּע און אַמעריקע.

נאָכן אָפּשטעלן פון זשורנאַל, באַזוכט רייזען אַ צאָל שטעט און דערנאָך אין 1914 צום דריטן מאָל געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז שוין פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

ער איז ווידער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס** און געדרוקט לידער און דערציילונגען, זיך אויך באַטייליקט מיט הומאָרעסקעס און לידער אין **דער גרויסער קונדס.**

אין 1917 אַריבער צום **טאָג.** אין די יאָרן 1922־1923 אַרויסגעגעבן אַ חודש־שריפט **ניי־יידיש.**

אין 1926 איז מיט גרויס ענטוזיאַזם געפייערט געוואָרן זיין 50־יאָריקער געבוירנטאָג. יענעם יאָר איז ער אַוועק צו דער **פרייהייט,** וואו ער האָט אָנגעהויבן דרוקן זיינע **עפּיזאָדן פון מיין לעבן,** און ווי אַ המשך **צוואַנציק יאָר אין אַמעריקע.**

1928 באַזוכט מערב־אייראָפּע, פּוילן און רוסלאַנד — אומעטום, ספּעציעל אין רוסלאַנד, איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם. נאָך זיין צוריקקער פאַרעפנטלעכט אין דער **פרייהייט** אַ

סעריע אַרטיקלען וועגן זיין נסיעה אין סאָוועט-רוסלאַנד.

אין 1929, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער שטעלונג פון דער פרייהייט און די יידישע קאָמוניסטן צו די אַראַבישע פּאָגראָמען אין ארץ-ישראל, פאַרלאָזט ער די צייטונג און איז ווידער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געדרוקט לידער, דערציילונגען און די **עפּיזאָדן פון מיין לעבן** אין אַ בעלעטריסטישער פאָרעם. יעדן שבת זיינען דער־שינען זיינע לידער אויף דער עדיטאָריעל-זייט פון **פאָרווערטס**.

רייזען האָט מיטגעאַרבעט אין די **פעדער**, דאָרטן האָט ער געדרוקט זיין **ליטעראַרישע רעוויו**, וואו ער האָט געשריבן וועגן שרייבער און ביכער.

די גאַנצע צייט איז רייזען געווען אַקטיוו אין יידישן קולטור-לעבן אין אַמעריקע. ער פלעגט אָפט באַזוכן די יידישע שולן און איז וואַרעם אויפגע־נומען געוואָרן פון די קינדער און די עלטערן.

רייזען, שרה (1885 — אָקטאָבער 25, 1974). שוועס־טער פון אברהם און זלמן רייזען. די ערשטע פּרווי פון דוד קאַסעל. געב. אין קוידענאָוו, מינסקער גוב. פּריוואַט באַקומען אַ יידישע דערציאונג און ווי אַן עקסטערן דורכגעמאַכט אַ גימנאַזיע קורס אין מינסק.

פון 1908 ביז 1914 געלערנט אין וואַרשע און דערנאָך זיך אומגעקערט קיין מינסק, וואו אין די יאָרן 1916 — 1921 געווען אַ לערערין אין די יידישע שולן. שפּעטער געלערנט אין ווילנע.

אָנגעהויבן שרייבן אין אברהם רייזענס וואָכנ־שריפט **דאָס יהדישע וואָרט** און געשריבן לידער, סקיצן און דערציילונגען און געדרוקט אין פאַרשיי־דענע צייטשריפטן אין פּעטערבורג, וואַרשע, ווילנע — ווי **דער פריינד**, **ראָמאַן צייטונג**, **דער וועג** א. אַ. וו.

שרה רייזען האָט אין יענער צייט איבערגעזעצט אין יידיש אַ צאָל ווערק פון רוסישע שרייבערס, ווי טורגעניעוו, טאָלסטאָי, פּושקין און אַנדרעיעוו. האָט אויך איבערגעזעצט ראַבינדראַנאַט טאַגאָרס **די היים און די וועלט**.

פון אירע אָריגינעלע שאַפונגען זיינען אַרויס אין בוך-פאָרעם: **חלום און וואָר**, וואַרשע 1911 ; **לידער**, ווילנע 1924 ; **לידער**, ניו-יאָרק 1955.

אין 1933 האָט זי אימיגרירט קיין אַמעריקע און פאַרעפנטלעכט דערציילונגען און לידער אין **אַמע־ריקאַנער**, **פעדער** און **צוקונפט**. אין **פאָרווערטס** האָט זי אַ לענגערע צייט געדרוקט דערציילונגען און ראָמאַנען.

רייך, יעקב (אָקטאָבער 31, 1894 —). אָריגינעלער נאָמען ישראל יעקב זאַריצקי, אַמעריקאַנער נאָמען דזשייקאָב ריטש. געב. אין יעלסק, מינסקער געגנט. געלערנט אין חדרים און פּריוואַט העברעאיש און רוסיש. 1907 געקומען קיין אַמעריקע, וואו געלערנט אין אַ מיטל-שול און אין האַרוואַרד אוניווערסיטעט.

אָנגעהויבן אַרבעטן אין **פאָרווערטס** אין 1920. פאַרנומען פּאָסטנס ווי נייעס-רעדאַקטאָר און רע־דאַקטאָר פאַר אַרבעטער-ענינים. געשריבן פּובלי־ציסטישע אַרטיקלען, דערהויפּט וועגן אַמעריקאַנער פּאָליטיק און געשעענישן אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער-באַוועגונג. אונטערן נאָמען יוסף ראַכלין האָט ער אויך געשריבן פעליעטאָנען, דערציילונגען און ראָמאַנען.

„אין זיין גרעסערער נאָוועלע **שמואליק**, וואָס איז אין 1946 געגאַנגען אין **פאָרווערטס** אַ לענגערע צייט אין פאָרזעצונגען, האָט ער, מיט אַ חוש פאַר דראַמאַטישע סיטואַציעס און מיט אַ געפיל פון ליבשאַפט צו באַליי־דיקטע און געקריוודעטע, געשילדערט ווי אַן אָרעמער בחור, וועלכער איז אין דער נאַטור ערלעך אָבער שוואַך אין כאַראַקטער, פאַרפּלאָנטערט זיך אין זיין לעבן אַזוי, אַז ער טוט זאַכן וואָס זיינען אים אַליין ניט ליב, אָבער ער קאָן זיך ניט העלפן".

(מ. אָשעראָוויטש)

אונטערן זעלביקן פען-נאָמען יוסף ראַכלין שרייבט ער אָפט וועגן לעבן אין אַ גאָרטן-שטעטל, געוויקסן און בלומען און גערטנעריי. געשריבן אַ סך אויף ענגליש און ער האָט געדרוקט אַרטיקלען אין וויכ־טיקע זשורנאַלן, ווי **דהי ניו לידער**, **דהי סאַטורדעי איווינינג פּאָוסט** און אַנדערע. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן די יוניאָן פון היטן-מאַכערס. ער האָט אַרויסגעגעבן אויף ענגליש אַ בראָשור וועגן **פאָר־ווערטס**.

„אין דער רעדאַקציע איז יעקב רייך געשטיגן שנעל. ער האָט פאַרנומען די אַמטן פון סיטי-עדיטאָר און לעיבאָר-עדיטאָר (נייעס-רעדאַקטאָר און רעדאַקטאָר פאַר אַרבעטער-ענינים). ער האָט געשריבן איבער פּראָבלעמען און געשעענישן אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער-באַוועגונג. ער האָט אויך ניט פאַרנאַכלעסיקט זיין בעלעטריס־

טישן טאַלאַנט און פלעגט פון צייט צו צייט אָפּדרוקן פעליעטאָנען און קורצע און לענגערע דערציילונגען. און אַמאָל פלעגט זיך אים אויך פאַרוועלן אָנצושרייבן אַ קריטיק איבער אַ בוך אָדער איבער אַ פּיעסע. אין אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן אויף יעדן געביט, האָט ער זיך אויסגעצייכנט...

„דאָס מערקווירדיקסטע אין יעקב רייכ׳ס שאַפונגען איז זיין יידישע שפּראַך, יידישער סטיל, וואָס איז אַזוי געראָטן. מיר אין רעדאַקציע קענען זיך פון דעם ניט אָפּוואונדערן... ווי אַזוי האָט ער איינגעהאַלטן אין זכרון דעם יידישן אידיאָם, דעם יידישן קנייטש, די יידישע פאַרב, וואָס מאַכן זיינע אַרטיקלען אַזוי אָנציענדיק, אַזוי געשמאַק פאַר דעם לעזער?"

(הלל ראָגאָף)

רעגענסערג, ס. (שמואל-אריה) (אָקטאָבער 13, 1895 — סעפּטעמבער 12, 1973), אָריגינעלער נאָמען **רעגענבאָגען.** געב. אין יאַגעלניצע, גאַליציע. געלערנט אין חדר, און שפּעטער אין אַ גימנאַזיע. 1913 אימיגרירט קיין אַמעריקע.

זשורנאַליסטישע אַרבעט אָנגעהויבן אין 1919. געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער פילאַדעלפיער **אידישע וועלט** און שפּעטער אין דער שיקאַגער אויסגאַבע פון **פאָרווערטס.**

פון 1948 ביזן סוף פון זיין לעבן געווען אַן אינווייניקסטער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס,** וואו ער האָט געשריבן פאַרשיידנאַרטיקע אַרטיקלען.

רעגענסבערג האָט אויך געשריבן אין **נייע וועלט, דער וועקער, פריינד** און **פרייע אַרבעטער שטימע.** ער האָט אויך געשריבן אונטער די פּסעוודאָנימען ס. מינעסמאַן, שמואל אריה, ש. וואָרעט.

ש

שוב דוד (סעפּטעמבער 13, 1887 — מאַי 27, 1973). געב. אין פּאָסטאָוו, ווילנער גוב. געלערנט אין חדר. אין 1901 געענדיקט רוסישע קרייז-שול, ווילייקע. דערנאָך שטודירט ווי אַן עקסטערן אין ווילנע. דאָרטן אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ רעוואָלוציאָנערער יוגנט-אָרגאַניזאַציע. 1903 געקומען קיין אַמעריקע. געלעבט אין פילאַדעלפיע, דערנאָך אין ניו-יאָרק. זיך באַקענט מיט דער ראַדיקאַלער יידישער אינטעליגענץ און געוואָרן אַ מיטגליד פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט.

1905 זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד. אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציע פון 1905, אַרעסטירט געוואָרן, אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט און אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אירקוטסק, סיביר. פון דאָרט אין 1907 אַנטלאָפן און אין 1908 זיך באַזעצט אין ניו-יאָרק.

ערשטע אַרטיקלען פּובליקירט אויף רוסיש אין 1906 און אין זעלביקן יאָר אין דער בונדישער **פאָלקס-צייטונג** אין ווילנע.

אין ניו-יאָרק געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער וואָכנשריפט **צייט-גייסט,** וואָס דער **פאָרווערטס** האָט אַרויסגעגעבן, און פון וועכנטלעכן **דער אַרבעטער,** אונטער דער רעדאַקציע פון דוד פּינסקי און י. שלאָסבערג. 1911—1918 געהילף-רעדאַקטאָר און דערנאָך רעדאַקטאָר פון די **נייע פּאָסט,** מיטגעאַרבעט אין **דער פריינד,** חודש-שריפט פון אַרבעטער-רינג און פון ניו-יאָרקער רוסישע צייטשריפטן. 1921-1922 געשריבן אַרטיקלען אין **מאָרגען זשורנאַל, טאָג** און **גערעכטיקייט.** אין 1923—1927 רעדאַקטירט דעם **וועקער.**

1924 געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס,** וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט שרייבן וועגן אַרבעטער-פּראָבלעמען, ענינים פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג. זיין הויפּט-אינטערעס איז געווען רוסלאַנד, דער באָלשעוויזם און די רוסישע קולטור. ווי אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט האָט ער אין אומצייליקע אַרטיקלען שאַרף קריטיקירט דעם באָלשעוויזם און די סאָוועטישע מאַכט. ער האָט אויך געשריבן אַ סך לייט-אַרטיקלען וועגן ענינים וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט רוסלאַנד.

שוב האָט געשריבן לאַנגע סעריעס אַרטיקלען אי וועגן רוסישע רעוואָלוציאָנערן אי וועגן סאָציאַליסטישע דענקער און טוער. ווען ער האָט געשריבן וועגן מאַרקסן, לאַסאַלן, עדוואַרד בערנשטיינען און אַנדערע סאָציאַליסטישע פיגורן, האָט ער תמיד אַנאַליזירט זייער צוגאַנג צו יידן און יידישע פּראָבלעמען. ביים באַהאַנדלען סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען האָט ער אָפט אויך באַרירט יידישע סאָציאַלע פראַגן און האָט אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלן אינטערעס צום „בונד".

אין 1928 האָט שוב אַרויסגעגעבן **לענין, דער מענטש, דער רעוואָלוציאָנער און דיקטאַטאָר.** שפּע-

טער האָט ער די דאָזיקע ביאָגראַפֿיע באַאַרבעט און צוגעגעבן נײַע מאַטעריאַלן און אַרויסגעגעבן אויף ענגליש, נ. י. 1948. דאָס בוך איז אַרויס אין אַ צאָל אויפֿלאַגעס, איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַ סך שפּראַכן און ווערט באַנוצט אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן ווי אַ טעקסט־בוך.

די פֿאַרשיידענע סעריעס, אַרטיקלען, וואָס שוב האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין **פֿאָרווערטס**, האָט ער באַאַרבעט, רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן אין בוך־פֿאָרעם. אַזוי זײַנען דערשינען זײַנע **העלדן און מאַרטירער**, צוויי בענד, וואַרשע, 1933; **סאָציאַלע דענקער און קעמפֿער**, צוויי בענד, מעקסיקע, 1968 און זײַנע מעמואַרן **פֿון די אַמאָליקע יאָרן**, צוויי בענד, נ. י.

די דאָזיקע מעמואַרן זײַנען פֿון גרויס באַדײַטונג פֿאַר דער געשיכטע פֿון ייִדן אין אַמעריקע און פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד.

שוואַרץ, פּנחס (סעפּט. 1, 1902 — דעצעמבער 14, 1963). געב. אין פּלאָצק, פּוילן. אָריגינעלער נאָמען געווען — קרוק. געלערנט אין חדרים, רוסישער פֿאָלקס־שול און פּויליש־ייִדישער גימנאַזיע.

1920 זיך באַזעצט אין וואַרשע, וווּ געוואָרן אַקטיוו אין „בונד". 1919 אָנגעהויבן שרײַבן אין **סאָציאַליסטישע יוגנט־שטימע**, שפּעטער מיטגעאַרבעט אין דער טעגלעכער **פֿאָלקס־צײַטונג**, וווּ ער האָט געדרוקט באַריכטן פֿון די זיצונגען פֿון סיים (פּאַרלאַמענט), אַרטיקלען וועגן פּאָליטישע פּראָבלעמען. זיך אויך באַטייליקט אין **פֿאָרויס**, וואַרשע, אין **אונדזער צײַט**, **צוקונפֿט** און **פֿון נאָענטן עבֿר**, ניו־יאָרק.

1940 געקומען קיין אַמעריקע, וווּ ער האָט פֿון צײַט צו צײַט געשריבן אַרטיקלען אין **פֿאָרווערטס** וועגן פּוילן און וועגן ייִדן אין פּוילן. ער איז געווען דער מחבר פֿון די ביכער: **יוזעף פּילסודסקי, זײַן באַציִונג צו דער ייִדן־פֿראַגע און זײַן קאַמף קעגן בונד**, וואַרשע, 1936; **דאָס איז געווען דער אָנהייב**, נ. י., 1943, און אַ בראָשור **איין נאַציאָנאַלער טרויער־טאָג**, נ. י., 1952.

שוויד, מאַרק (מאַי 15, 1891 — דעצ. 8, 1969). געב. אין וואַרשע. געלערנט אין חדרים, ישיבה און אַלגעמיינע לימודים ביי פּריוואַטע לערערס. אין 1911 פֿאַרענדיקט אַ פּוילישע דראַמאַטישע שול.

דעביוטירט מיט לידער אין דער **ראָמאַן־צײַטונג**, וואַרשע, 1907, און זיך באַטייליקט אין פֿאַרשיידענע צײַטשריפֿטן מיט זײַנע שאַפֿונגען.

אין 1911 אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָט געשפּילט אין ייִדישן טעאַטער און פֿאָרגעזעצט זײַן שרײַבן. ער האָט געשריבן לידער און דראַמעס וואָס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע צײַטשריפֿטן, און ער האָט איבערגעזעצט דראַמעס, ראָמאַנען און דערציילונגען.

שוויד האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל לידער־זאַמלונגען, ווי **בורשטינענע שיפֿלען** (נ. י. 1921), **צו גאָט און צו לײַט** (נ. י 1926), **דאָס פֿאָלק פֿונעם ספֿר** (נ. י. 1930), **איך רעד פּראָסט**, **סאָנעטן** (נ. י. 1935), **אַלע לידער און פּאָעמעס** (נ. י. 1951), **מיט פּרצן** (נ. י. 1923), **טרייסט מײַן פֿאָלק**, **דאָס לעבן פֿון י. ל. פּרץ** (נ. י. 1955). אויך אָפּגעדרוקט אַ צאָל דראַמעס.

שוויד איז אין 1946 געוואָרן אַן אײַנוויייִקסטער מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס**, וווּ ער האָט געשריבן נײַעס און אַרטיקלען וועגן שרײַבער און ביכער און וועגן טעאַטער.

שוואַרץ, מאָריס (דעצ. 15, 1888 — מאַי 10, 1960). געב. אין סידילקאָוו, אוקראַיִנע. געלערנט אין חדר און אין אַ פֿאָלקס־שול. געקומען קיין אַמעריקע אָנהייב דעם יאָרהונדערט. געענדיקט אַ פֿאָלקס־שול, אָנגעהויבן שפּילן טעאַטער יונגערהייט און געשפּילט אין פֿאַרשיידענע טרופּעס מיט די בעסטע אַקטיאָרן.

אין 1918 האָט ער געגרינדעט דעם ייִדישן קונסט־טעאַטער און האָט אויפֿגעפֿירט די בעסטע אָריגינעלע ייִדישע דראַמעס און די וויכטיקסטע פּיעסן פֿון אַלגעמיינעם רעפּערטואַר. שוואַרץ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן רעזשי און מיט די נײַע פֿאָרמען וואָס ער האָט אײַנגעפֿירט אין זײַן טעאַטער. ער האָט זײַנע אויפֿפֿירונגען סטיליזירט און אָפֿט געשפּילט אין עקספּרעסיאָניסטישן סטיל.

ער האָט דראַמאַטיזירט אַ סך ראָמאַנען וואָס זײַנען פֿריער געווען געדרוקט אין **פֿאָרווערטס**, ווי **קידוש השם**, **דער תּהילים ייִד**, **דרײַ שטעט**, **די**

כישוף־מאַכערין פֿון קאַסטיליע, אַנקל מאָזעס, אַלע פֿון שלום אַש, **יאָשע קאַלב,** **די ברידער אַשכּנזי,** **די משפּחה קאַרנאַווסקי** פֿון י. י. זינגער; **נח פּאַנדרע,** אונטערן נאָמען **דאָס געזאַנג פֿון דניעפּר,** פֿון זלמן שניאור.

שוואַרץ האָט אין **פֿאָרווערטס** אויך געשריבן וועגן פּראָבלעמען פֿון יידישן טעאַטער און ער האָט אין דער צייטונג אויך געדרוקט זיינע מעמואַרן, אונטערן נאָמען „מאָריס שוואַרץ דערציילט".

שוואַרץ איז געשטאָרבן אין ישראל, אָבער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין ניו־יאָרק.

שויס, חיים בנימין (מערץ 10, 1884 — אָקטאָבער 22, 1953). געב. אין גאָרזד, ליטע. געלערנט אין חדר און גמרא ביי אַ פּריוואַטן רבין, און אַלגעמיינע לימודים דורך קאָרעספּאָנדענץ.

1910 אימיגרירט קיין אַמעריקע, געוואוינט אין שיקאַגאָ, וואו ער האָט שטודירט ביבל־קריטיק און סעמיטיק. 1915 זיך אַריבערגעקליבן קיין ניו־יאָרק, וואו פֿון 1918 ביז 1948 געווען אַ לערער פֿון יידישער געשיכטע אין **יידישן לערער סעמינאַר.**

אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין אייראָפּע און דעביוטירט אין 1909 אין זשורנאַל **לעבן און וויסנשאַפֿט** (ווילנע). פֿאָרגעזעצט זיין שרייבן אין אַמעריקע אין דער טאָג־צייטונג **די וואַרהייט** און אין פֿאַרשיידענע זשורנאַלן. געשריבן וועגן תנ"ך און יידישער געשיכטע.

אין 1924 איז שויס געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס** און פֿאַר לאַנגע יאָרן, מיט איבעררייסן, האָט ער געשריבן פּאָפּולערע אַרטיקלען וועגן יידישער געשיכטע פֿון דער אַלטער צייט און מיטלאַלטער, וועגן גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן. אין **פֿאָרווערטס** האָט ער זיך אויך באַנוצט מיט זיין פּסעוודאָנים ד"ר קאַדיש.

אין 1948 האָט ער זיך אַריבערגעקליבן קיין לאָס־אַנדזשעלעס, וואו ער האָט געגעבן קורסן אין אַ סעמינאַר.

ח. שויס האָט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל ווערק אין דער בוך־פֿאָרעם, צווישן זיי: **ביבלישע געשטאַלטן,** נ. י. 1926; **די גרויסע יידישע געשיכטע,** 4 בענד, נ. י. 1919—1925; **דאָס יום־טוב בוך,** נ. י. 1933; **נביאים,** קאַפּיטלען נביאים אחרונים, צוויי בענד, נ. י. 1942—1951; **היסטאָרישע שריפֿטן,** רעדאַגירט פֿון אפֿרים אויערבאַך און אברהם מענעס, נ. י. 1956.

שולמאַן, אברהם (יוני 20, 1913 —). געב. אין וואַרשע. געענדיקט אַ גימנאַזיע און שטודירט אין דער זשורנאַליזם־שול. מיטגעאַרבעט אין דער יידישער פּרעסע אין וואַרשע, וואו ער האָט געדרוקט באַריכטן און פֿעליעטאָנען.

ביים אויסברוך פֿון דער מלחמה אַנטלאָפֿן פֿון וואַרשע און אין 1940 אָנגעקומען קיין מעלבורן, אויסטראַליע. דאָרטן רעדאַקטירט אַ חודש־שריפֿט **אויפֿבוי** און מיטרעדאַקטירט דעם זשורנאַל **צוזשטייער.** 1950—1960 געלעבט אין פּאַריז. מיטגעאַרבעט אין טאָג־צייטונג **אונזער שטימע,** וואו ער האָט געשריבן אַרטיקלען און פֿעליעטאָנען. אין 1954 געוואָרן פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פֿון **פֿאָרווערטס.** 1961 זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון **פֿאָרווערטס,** וואו ער שרייבט נייעס, אַרטיקלען און פֿעליעטאָנען. אַ טייל פֿון זיינע פֿעליעטאָנען זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש און אַרויס אין בוך־פֿאָרעם אונטערן נאָמען **דערפֿאַרונגען פֿון אַ יידישן לעקטאָר,** ניו־יאָרק, 1980, 156 זייטן.

ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע פּיעסעס, צווישן זיי **בינטל־בריוו,** און באַאַרבעט דימאָווס דראַמע **עקספּרעס,** אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער, צווישן זיי: **געלעכטער אין דער נאַכט** (פּאַריז, 1953) און **צווישן שוואַרץ און ווייס** (פּאַריז, 1955). פּסעוודאָנימען: א. יאַקובזאָן, אידעס, א. דאַווידאָוויטש, בן־יעקב און אברהמ'טשע.

שולמאַן, אליהו (סעפּטעמבער 28, 1909 —). געב. אין סלוצק, מינסקער גוב., ווייס־רוסלאַנד. געלערנט אין חדר־מתוקן, רוסישע גימנאַזיע און אָוונט־קורסן פֿון **תרבות.** אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק אין 1922. געענדיקט אַ מיטל־שול און שטאַטישן אוניווערסיטעט. 1935—1936 **אַספּיראַנט** אין יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ) אין ווילנע, וואו אונטער דער השגחה פֿון מאַקס ווײַנרײַך, ז. קאַלמאַנאָוויטש און זלמן רייזען אָנגעשריבן זיין גע־

שיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע — 1870—1900, דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1943. געלערנט העכערע יודאַאיסטישע וויסנשאַפטן אין דראָפּסי אוניווערסיטעט, וואו ער האָט באַקומען זיין דאָקטאָראַט פאַר זיין דיסערטאַציע געשיכטע פון יידישער דערציאונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוך־פאָרעם פון בראַנדייס־אוניווערסיטעט אין 1971 (ענגליש).

דעביוטירט אין 1931 אין פרייע אַרבעטער שטימע און זינט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען און שטודיעס אין ליטעראַרישע בלעטער, ייוואָ־בלעטער, צוקונפט, אונזער צייט, קולטור און לעבן, די גאָלדענע קייט און ביי־זיך, וואו אין די נומערן 9—18 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיין גרעסערע מאָנאָגראַפיע אברהם רייזען ווי אַ רעדאַקטאָר (תל־אביב, 1977—1981). אין ביי זיך דרוקט זיך אין המשכים זיין שטודיע וועגן די יונגע. אויך פאַרעפנטלעכט שטודיעס אין צו דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין אַמעריקע (נ.י. 1934), זאַמלבוך לכבוד דעם צוויי הונדערט און פופציקסטן יובל פון דער יידישער פרעסע (נ. י. 1937), שטיינבערג אָנדענק בוך (נ. י. 1961), ליטע, באַנד צוויי (תל־אביב, 1965), שלמה ביקל יובל־בוך (נ. י. 1967), אברהם גאָלאָמב יובל־בוך (לאָס־אַנדזשעלעס, 1970), פנקס פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע (3 בענד, נ. י. 1965, 1972 און 1975) און יידישער בוך־אַלמאַנאַך. האָט געשריבן אַריינפירן צו דער נייער אויפלאַגע פון לעאָן ווינערס געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין נײַנצנטן יאָרהונדערט (ענגליש, ניו־יאָרק), צו דוד פינסקים יאַנקל דער שמיד און לעאָן קאָברינס יאַנקל בוילע אין די יידישע דראַמע פון 20סטן יאָרהונדערט (נ. י. 1979) און צו מאַקס עריק'ס די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור (נייע אויפלאַגע, נ. י. 1979). אָנגעשריבן אַ גרעסערע צאָל ביאָגראַפיעס אין בענד 7-8 לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. מיטרעדאַקטירט געצעלטן, נ. י. 1945—1948 און בענד צוויי און דריי פון פנקס פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע, און בענד 7-8 לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. זינט 1967 רעדאַקטאָר פון וועקער. געשריבן אַ גרעסערע צאָל ביאָגראַפיעס פון יידישע שרייבער פאַר דער ענציקלאָפּעדיאַ יודאַאיקאַ (ירושלים). פּראָפעסאָר פון מזרח־אייראָפּעאישער יידישער קולטור אין קווינס קאַלעדזש 1971—1982.

פון 1971 שטענדיקער מיטאַרבעטער פון פאָרווערטס, וואו ער שרייבט ליטעראַטור־קריטישע אָפּהאַנדלונגען. די ערשטע צייט געשריבן עטלעכע מאָל אַ חודש און די לעצטע יאָרן יעדן זונטיק. האָט געשריבן אויך פאַר דער אָפּטיילונג „סתם אַזוי" אונטערן פען־נאָמען איליאַ פאַלקאָוו.

זינט 1977 שרייבט דעם יערלעכן איבערבליק איבער נייע יידישע ביכער אין יאָר בוך פון ענסיקלאָפּידיאַ בריטאַניקאַ.

אַ טייל פון זיינע אַרבעטן, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין די פאַרשיידענע צייטשריפטן און זאַמל־ביכער, און די וואָס זיינען געווען געדרוקט אין פאָרווערטס, זיינען אַריין אין זיינע ביכער: יונג־ווילנע (נ. י. 1946), ישראל צינבערג (פּאַריז, 1971), די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור (נ. י. 1971), פאָרטרעטן און עטיודן (נ. י. 1979), באַקומען די אַטראַן־פּרעמיע 1979 און 1983.

שורין, אהרן בן־ציון (סעפּטעמבער 3, 1914 —).

געב. אין ריטעווע, ליטע. געלערנט אין חדרים און אין די ישיבות פון טעלז און פּאָניוועזש אין ליטע.

1936 געקומען קיין ארץ־ישראל, פאָרגעזעצט זיין לערנען אין די ישיבות פון חברון און פתח תקוה און באַקומען סמיכה פון הרב ר' איסר־זלמן מעלצער, הרב ר' ראובן כ"ץ און הרב ר' יצחק אייזיק הלוי הערצאָג, הויפּט־רב פון ארץ־ישראל און פון הרב ר' מאיר סטאָלאָוויץ, קאַסלאָוויצער רב אין ירושלים.

אין 1940 געקומען קיין אַמעריקע. זינט 1966 איז הרב שורין אַ לערער פון תנ"ך און תלמוד אין שטערן קאַלעדזש — די פרויען־אָפּטיילונג פון ישיבה־אוניווערסיטעט.

זינט 1944 איז הרב שורין אַ מיטאַרבעטער פון פאָרווערטס, וואו ער האָט געשריבן צוויי אַרטיקלען אַ וואָך וועגן יידישע רעליגיעזע פּראָבלעמען, וועגן חינוך און וועגן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען אין ישראל און וועגן דער אַרבעט און טאַקטיק פון די האַרטיקע רעליגיעזע פּאַרטייען. ער

האָט אויך אָנגעפירט די אָפּטיילונג **פון פאָלק צום פאָלק אין פאָרווערטס.**

הרב שורין האָט אַרויסגעגעבן צוויי ביכער אויף העברעאיש. די נעמען פון די ביכער זיינען: **קשת גבורים**, ירושלים, תשכ״ד — 1964, און **בין יהודי ארצות הברית**, ירושלים, תשמ״א.

ער האָט פאַרעפנטלעכט שטודיעס וועגן הלכה אין **תלפיות**, **הפרדס**, **המסילה**, און אַנדערע רבנישע צייטשריפטן.

שטאַרקמאַן, משה־יוחנן (סעפּטעמבער 25, 1906 — פעברואַר 2, 1975). געב. אין מאָסטי־וועלקע, גאַליציע. געלערנט אין חדרים, אין אַ פּוילישער עלעמענטאַרער שול און פּריוואַט. אין 1920 אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, געלערנט אין אַן אַלגעמיינער שול, אין יידישן לערער־סעמינאַר און גענומען אַ צאָל קורסן אין שטאַטישן אוניווערסיטעט.

סוף צוואַנציקער יאָרן געוואָרן דער געהילפס־סעקרעטאַר און שפּעטער סעקרעטאַר פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט. געווען אַקטיוו אין דער סטודענטן־ליגע ביי דער קולטור־געזעלשאַפט און אין דער אַמעריקאַנער אָפּטיילונג פון ייוואָ. געווען עטלעכע יאָר פּרעזידענט פון פּען־קלוב.

אָנגעהויבן שרייבן אין 1922 און פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, פעליעטאָנען און דערציילונגען אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן.

אין 1933 איז שטאַרקמאַן געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **טאָג**, שפּעטער פון **טאָג־מאָרגען זשורנאַל**, וואו ער האָט געשריבן נייעס און אַרטיקלען וועגן יידישע ענינים. אין 1971, ווען דער **טאָג־מאָרגען זשורנאַל** האָט זיך געשלאָסן, איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**, וואו ער האָט געשריבן יעדן זונטיק אַן אַרטיקל וועגן יידישע ימים־טובים אין יידישן לעבן. די אַרטיקלען זיינען באַשטאַנען פון אַ קאָמבינאַציע פון פּובליציסטיק, דרוש, מוסר — און האָבן געהאַט אַ יידישן טעם. ער האָט אויך געשריבן וועגן שרייבער און ביכער, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין אַ צאָל צייטשריפטן.

שטאַרקמאַן האָט זיך דערהויפּט אָפּגעגעבן מיט פאָרשונגען וועגן דער יידישער פּרעסע, יידישער ביבליאָגראַפיע און טיילווייז מיט ליטעראַטור־פאָרשונג. ער האָט רעדאַקטירט: **המשך אַנטאָלאָגיע פון יידישער פּאָעזיע** (נ. י. 1945); **שלמה ביקל יובל־בוך**, נ. י. 1967; **יובל־בוך פאַר אברהם גאָלאָמב**, לאָס־אַנדזשעלעס, 1970. מיטרעדאַקטירט מיט ד. סדן **בעריש ווינשטיין יובל־בוך** (תל־אביב, 1967); די זאַמלונג **דוד פּינסקי** מיט ל. רובינשטיין; **פּנקס פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע**, באַנד צוויי (נ. י. 1972), און בענד 2—7 פון **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, נ. י. 1958—1968.

נאָך זיין טויט זיינען אַרויס זיינע צוויי בענד **געקליבענע שריפטן**, תל־אביב, 1979—1980.

מ. שטאַרקמאַן האָט פון צייט צו אויך געשריבן אויף העברעאיש, און אַ באַנד פון זיינע העברעאישע שריפטן איז דערשינען אין תל־אביב 1982.

עס איז אויך אַרויס אַ זאַמלונג פון זיינע העברעאישע שריפטן **אפיקי־נהריים, מסות ומחקרים**, צונויפגעזאַמלט און רעדאַקטירט פון ג׳ קרסל, מיט אַן אַריינפיר פון חב סדן, תל־אביב 1983, 393 זייטן.

שטיינבערג, יהודה (1863 — מערץ 10, 1908). געב. אין ליפּקאַן, בעסאַראַביע. באַקומען אַ שטרענגע טראַדיציאָנעלע דערציאונג, געווען אַ העברעאישער לערער. אין 1906 האָט ער זיך באַזעצט אין אָדעס.

י. שטיינבערג איז געווען אַ וויכטיקער און טאַלאַנטירטער יידישער און העברעאישער שרייבער. ער האָט געשריבן דערציילונגען, לידער, משלים און קינדער־מעשיות.

זיין ערשטע זאַך אויף יידיש האָט ער פאַרעפנטלעכט אין 1899 אין **יוד**, און האָט פּובליקירט אין דער צייטשריפט און אין אַנדערע ייִדישע אויסגאַבעס דערציילונגען, סקיצן און הומאָרעסקעס.

ביים אָנהייב פון יאָרהונדערט האָט יהודה שטיינבערג אָפּגעדרוקט אַ צאָל דערציילונגען אין **פאָרווערטס** און אין **צייטגייסט** — די וואָכנשריפט וואָס דער **פאָרווערטס** האָט אַרויסגעגעבן.

שטיינגאַרט, צירל (11טער מערץ 1916 —). געב. אין ביאַליסטאָק. געלערנט אין אַ פאָלק־שול און געענדיקט אַ האַנדלס־שול. געווען אַן אַקטיווע מיטגלידערין פון דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע **סקיף**. אין 1933 אימיגרירט קיין פראַנקרייך, וואו

זי האט געהאלפן גרינדן א סקיף-ארגאניזאציע און האט זיך אפגעגעבן מיט קינדער-דערציאונג. אין דער צייט פון דער מלחמה אנטייל גענומען אין דער אונטערערדישער און ווידערשטאנד-באוועגונג אין פראנקרייך און האט זיך אפגעגעבן מיט העלפן ראטעווען יידישע קינדער. נאך דער מלחמה האט זי אין פראנקרייך פארגעזעצט איר געזעלשאפט-לעכע, פארטייאישע און דערציאונגס-ארבעט.

אין 1951 אימיגרירט קיין מאנטרעאל און איז געווען פרינציפאל פון דער אברהם רייזען שול. ארום 1960 זיך באזעצט אין ניו-יארק, וואו זי זעצט פאר איר געזעלשאפטלעכע ארבעט.

אנגעהויבן שרייבן פארן **פארווערטס** אין 1964 און זינט 1967 איז זי א שטענדיקע מיטארבע-טערין, וואו זי שרייבט וועגן געזעלשאפטלעכע ענינים, ספעציעל וועגן די פראבלעמען פון פרויען. האט אויך געדרוקט פארצייכענונגען וועגן אירע רייזעס און באזוכן אין פארשיידענע לענדער. האט רעדאקטירט אן אפטיילונג „עסט געזונטערהייט" אונטערן פען-נאמען נינא בלום, און האט יארן געשריבן א קאלום וועגן מאדעס.

שטיקער, מאיר (אויג. 4, 1905 — יולי 8, 1983). געב. אין בויבעריק, גאליציע. געלערנט אין חדר און אין א שול מיט דייטש ווי די שפראך פון די לימודים.
אנהייב 1920 געקומען קיין אמעריקע, געארבעט ביי קירזשנערייי און עטלעכע יאר געלערנט אין אן אוונט-שול.

דעביוטירט מיט א ליד און א קריטישן ארטיקל אין 1924 און מיט א דערציילונג אין 1925. זיך באטייליקט מיט לידער און איבערזעצונגען אין פארשיידענע צייטשריפטן און אין לעצטן באנד **שריפטן** (1925-1926) צוזאמען מיט א. טאבאטשניקן און א. שטאלצנבערגן ארויסגעגעבן צוויי נומערן פון זשורנאל **פיילן** (1928) און יארן שפעטער ארויסגעגעבן מיט א. טאבאטשניקן צוויי נומערן פון זשורנאל **וואגשאל** (1959).

אין 1945 איז שטיקער געווארן א מיטארבעטער פון **מארגן זשורנאל**, וואו ער האט פארנומען דעם פאסטן פון נייעס-רעדאקטאר, און געשריבן ארטיק-לען. שפעטער געווארן נייעס-רעדאקטאר פון **טאג-מארגן זשורנאל** און געשריבן ארטיקלען וועגן ליטערארישע און געזעלשאפטלעכע ענינים אונטער די אלגעמיינע קעפלעך „מיט אפענע אויגן" און „די טשיקאווע וועלט".

1970—1979 געווען נייעס-רעדאקטאר פון **פאר-ווערטס**, וואו ער האט געדרוקט לידער און יעדן זונטיק אן ארטיקל אויף א ליטערארישער טעמע. ער האט געשריבן אי וועגן דער אידישער ליטע-ראטור און אי וועגן די אנגלא-יידישע שרייבערס. ארויסגעגעבן אין בוך-פארעם **לידער**, 1945; **יידישע לאנדשאפט**, 1958; **דער חלום איז מיין עדות**, 1965; **יידישע לאנדשאפט**, 2, 1970. איבערזעצונגען: ער-נעסט העמינגוועי — **דער אלטער און דער ים** (1958) און נעלי זאקס — **געקליבענע לידער** (1967).

שטריגלער, מרדכי (סעפטעמבער 18, 1921 —). געב. אין זאמאשטש, לובלינער געגנט. געלערנט אין חדר און ישיבות.

די וועלט-מלחמה דורכגעמאכט אין דער וואר-שעווער געטא און פארשיידענע לאגערן.

מ. שטריגלער האט אנגעהויבן שרייבן גאר פרי און אויף וויפל עס איז געווען מעגלעך, האט ער געשריבן אין די לאגערן. נאך דער מלחמה געקומען קיין פאריז, וואו ער איז געווארן שעפע-ריש-אקטיוו און האט געשריבן לידער, דערציי-לונגען, עסייען, און רעדאקטירט די טאג-צייטונג **אונזער ווארט**, 1946—1957.

געקומען קיין ניו-יארק צו דער גרינדונגס-קאנפערענץ פון קולטור-קאנגרעס (1948) און פאר-עפנטלעכט עסייען אין **געצעלטן** און אין **מארגן זשורנאל**, וואו ער האט געדרוקט בילדער פון יידישן לעבן, באזירט אויף דער שאלות-ותשובות ליטעראטור. נאך זיין באזוך אין ניו-יארק זיך צוריקגעקערט קיין פאריז, וואו ער האט פארגע-זעצט זיין ליטערארישע ארבעט.

1953 אימיגרירט קיין ניו-יארק, געווארן א מיט-ארבעטער און דערנאך רעדאקטאר פון **אידישער קעמפער**, וואו חוץ רעדאקטירן פובליקירט ער אין דער וואכנבלאט זיינע ארטיקלען און עסייען.

שטריגלער האט פון צייט צו צייט, זינט 1953, געדרוקט ארטיקלען אין **פארווערטס**, אבער זינט 1968 איז ער געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער, וואו ער האט געשריבן דריי ארטיקלען א וואך: צוויי ארטיקלען וועגן פאליטיש-געזעלשאפטלעכע פראב-

לעמען, מערסטנס אין שייכות מיטן לעבן אין ישראל; זונטיק האָט ער געשריבן אָפּהאַנדלונגען אויף ביבלישע טעמעס, וואָס ער טייטשט אויס אויף אַ פּאַרטיפטן אופן און באַנוצט זיך מיט די אויסטייטשונגען פון תלמוד, מדרש, רש״י, דער רמב״ם, רמב״ן און אַנדערע מפרשים און דערקלערער.

מ. שטריגלער האָט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל ווערק אין בוך־פאָרעם, צווישן זיי: **אין אַ פרעמדן דור**, לידער (פּאַריז, 1947); **מאַיידאַנעק**, 1947; **אין די פאַבריקן פון טויט** (1948); **ווערק צע**, צוויי בענד (1950); **גורלות** (1952); **געאַרעמט מיטן ווינט**, ראָמאַן, צוויי בענד (1955); **שמועסן מיט דער צייט**, עסייען, צוויי בענד (1959) — אַלע אַרויס אין בוענאָס־איירעס; **אינזלען אויף דער ערד**, נאָוועלן (נ. י. 1975).

שטריגלער באַנוצט זיך מיט די פאָלגנדיקע פּסעוודאָנימען: א. קורא, מ. קאַליקשטיין, א. בן־עמי, מ. ראַגיל, ז. קאַמאַי, מ. דובר, א. ק.

שייפער, לואיס (1889 — אָקטאָבער 20, 1953). געב. אין ניקאָפּאָל, אוקראַינע. געלערנט אין חדר.

אין 1902 געקומען קיין אַמעריקע, געלערנט אין עלעמענטאַר און מיטל־שול, געווען אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

געווען אַ צייט דער געשעפטס־פאַרוואַלטער פון דער **צוקונפט**, דערנאָך דער פאַרוואַלטער פון דער שיקאַגער אויסגאַבע פון **פאָרווערטס**. ער איז אַ צייט געווען דער רעדאַקטאָר פאַר אַרבעטער־ענינים (לעיבאָר־עדיטאָר) פון **פאָרווערטס**. נאָכדעם האָט ער געאַרבעט אַ צייט אין דער בילדונגס־אָפּטיילונג פון דער „אינטערנעשאַנאַל״ (פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון פרויען־קליידער אַרבעטער). נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלאָזן דעם פּאָסטן, איז ער געוואָרן אַ רעפּאָרטער פאַרן **פאָרווערטס**. אַ קורצע צייט נאָכדעם איז ער פּלוצלינג געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק.

שמולעוויטש, יצחק (מערץ 14, 1911 —). געב. אין קעלץ, פּוילן. געלערנט אין חדר, פאָלקס־שול און אַליין־בילדונג. אָנגעהויבן שרייבן רעפּאָרטאַזשן אין **נייע פאָלקסצייטונג**, וואַרשע, און אין **קיעלצער לעבן**.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד און געלעבט אין אוזבעקיסטאַן. 1945 זיך אומגעקערט קיין פּוילן, געוואוינט אין לאָדזש, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט אין **דאָס נייע לעבן** (וואַרשע־לאָדזש). 1946 אימיגרירט קיין פּאַריז, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער טאָג־צייטונג **אונזער שטימע** און געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס פאַרן **פאָרווערטס**.

אין 1954 האָט זיך שמולעוויטש באַזעצט אין ניו־יאָרק און איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס**. ער שרייבט דערהויפּט וועגן די ליידן און אומקום אין די דייטשע טויט־לאַגערן, וועגן די איבערלעבונגען פון די געראַטעוועטע און וועגן זייער לעבן אין אַמעריקע. שמולעוויטש גיט זיך אויך אָפּ מיט שרייבן סיסטעמאַטיש וועגן די יזכור־ביכער. זיינע אַרטיקלען גיבן אַ געלונגענע פאַרשטעלונג פון דעם וואָס די יזכור־ביכער שטעלן מיט זיך פאָר.
פּסעוודאָנימען: י. כאַימסאָן, י. שמואל.

שניאור, זאַלקינד זלמן (1886 — פעברואַר 20, 1959). געב. אין שקלאָוו, מאָהליווער גוב. זיין פאָטער האָט געשטאַמט פון דער שניאורסאָן־משפּחה. באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג און דערנאָך האָט ער געלערנט אין אַ רוסיש־יידישער שול.

אָנגעהויבן שרייבן יידישע און העברעאישע לידער בעת ער איז געווען נאָך זייער יונג. ביים סוף פון יאָרהונדערט באַזוכט אָדעס, וואו ער האָט זיך באַקענט מיט די דאָרטיקע יידיש־העברעאישע שרייבער — מענדעלע, ביאַליק, מ. ל. ליליענבלום און ראַווניצקי. שפּעטער געלעבט אַ קורצע צייט אין וואַרשע, וואו ער איז געווען פּרצעס סעקרעטאַר 1904—1906 געלעבט אין ווילנע, שפּעטער אין דער שווייץ און אין פּאַריז, וואו ער האָט שטודירט אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט.

די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געלעבט אין בערלין ווי אַ ציווילער געפאַנגענער. 1919 באַזוכט אַמעריקע און זיך צוריקגעקערט קיין בערלין. 1924 זיך באַזעצט אין פּאַריז, וואו ער איז פאַרבליבן ביז 1941, דערנאָך געקומען קיין אַמעריקע. 1949—1955 געלעבט אין ישראל — און זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז געבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

שניאור האט געשריבן אין ביידע שפראכן, יידיש און העברעאיש. אין העברעאיש איז ער געווען דערהויפט א פאעט. ער האט אויף אידיש געשריבן א סך לידער, אבער זיין הויפט-אויפטו און דערגרייכונג אויף יידיש איז זיין מייסטערהאפטע פראזע. זיינע ערשטע פראזע-שאפונגען אויף יידיש זיינען ארוים אין בוך-פארעם נאך אין 1906, 1909, 1911-1912 און א באנד געזאמלטע שריפטן איז ארוים אין ניו-יארק אין 1918.

אבער ערשט אין 1927, ווען אב. קאהאן האט זיך געטראפן מיט שניאורן אין אייראפע און אים פארבעטן צו שרייבן פארן **פארווערטס**, האט זיך אנגעהויבן זיין גרויסע שעפערישע יידיש-תקופה. „שניאורס שאפונגען זיינען דערשינען אין פארווערטס איין מאל א וואך און זיי האבן גלייך געצויגן גרויס אויפמערקזאמקייט. זיי האבן אויסגענומען ביי אלע קלאסן לייענער... ווען קאהאן איז צוריקגעקומען אין דער רעדאקציע האט מען אים פון אלע זייטן גראטולירט און געדאנקט פאר דעם נייעם פיטשור און דעם נייעם שרייבער" (ה. ראגאף).

ז. שניאור האט מיטגעארבעט אין **פארווערטס** העכער צוויי צענדליק יאר, פון 1927 ביז אן ערך 1949. ער האט אין **פארווערטס** פארעפנטלעכט זיינע גרויסע ראמאנען, ווי **שקלאווער אידן, פעטער זשאמע**, און די סעריע **עמי הארצים**, וואס באשטייט פון פינף בענד, **נח פאנדרע, ביים דניעפער, צוריק פון אסטראג, וואנט, פאנדרעס אנטלויפן**, און דעם גרויסן היסטארישן ראמאן **קייסער און רבי**, **די משומדתטע, א טאג עולם הזה, שקלאווער קינדער, דער ממזר**. די אלע ראמאנען זיינען שפעטער ארוים אין בוך-פארעם, אין ווילנע, ניו-יארק און תל-אביב. אין **פארווערטס** האט שניאור אויך פארעפנטלעכט דערציילונגען פון אן אלטן בחור, רייזע-באשרייבונגען, פובליציסטישע ארטיקלען, לידער, פאעמעס און א סעריע „מיינע רעדאקטארן". זיינע לידער און פאעמעס זיינען אריין אין זיין בוך **פערציק יאר, 1903—1944** (נ. י. 1945).

שניאור האט זיך צוריקגעצויגן פון **פארווערטס** צוליב פארשיידענע סיבות. ווי עס שרייבט ה. ראגאף, האט ער זיך באקלאגט אויף זיין געזונט „און איך האב געהאט דעם איינדרוק אז דאס איז (געווען) די הויפט-שטערונג פאר זיין מיטארבעטערשאפט אין **פארווערטס**".

עס קאן אויך זיין, אז די קאנפליקטן מיט קאהאנען האבן גורם געווען אז ער זאל זיך צוריקציען פון **פארווערטס**, אבער ער האט אויפגעהערט צו שרייבן פארן **פארווערטס** בשעת קאהאן האט זיך שוין ווייניק געמישט אין דער רעדאקציע. קאהאנען איז, ווי עס שרייבט ראגאף, „ניט געפעלן די פראווינציאנישע עלעמענטן אין דעם ראמאן (דער קיסר און רבי), די אומנאטירלעכע געשלעכטלעכע ליידנשאפטן וואס ווערן דארט געשילדערט".

אבער עס דארף אונטערשטראכן ווערן, אז שניאור האט געשאפן אויף יידיש א גאנצן קארפוס פראזע-ווערק א דאנק דער פארבעטונג פון אב. קאהאנען און א דאנק דעם **פארווערטס**, וואו ער האט געהאט די מעגלעכקייט צו פארעפנטלעכן זיינע שאפונגען.

זיין ראמאן **נח פאנדרע** האט מארים שווארץ דראמאטיזירט און אונטערן נאמען **דאס געזאנג פון דניעפער** איז עס געשפילט געווארן אין שווארצ'ס קונסט-טעאטער.

שניידערמאן, שמואל לייב (15טן יוני, 1906 —).

געב. אין קוזמיר, פוילן. געלערנט אין חדר און אין א פוילישער שול. שטודירט אין ווארשעווער אוניווערסיטעט און אין הויכשול פאר זשורנאליזם. דעביוטירט מיט א ליד אין 1923, און דערנאך געדרוקט לידער, דערציילונגען, עסייען אינטערוויוען, רעפארטאזשן אין **יידישע וועלט, ביכערוועלט, ליטעראַרישע בלעטער, ארבעטער-צייטונג, וועלט-שפיגל** און אנדערע. אן אויסקלייב פון די רעפארטאזשן אריין אין זיין בוך **צווישן נאלעווקעס און אייפעל טורעם** (1936).

1933 אימיגרירט קיין פראנקרייך, וואו ער האט ארויסגעגעבן און רעדאקטירט די וואכנשריפט **פאריז** (1935). בשעת דעם שפאנישן בירגער-קריג געווען א צייט אין שפאניע און געשריבן פון דארטן קארעספאנדענציעס און רעפארטאזשן פאר פארשיידענע יידישע צייטונגען און פארעפנטלעכט א בוך **קריג אין שפאניען** (1938).

1938-1939 געלעבט אין יאהאנעסבורג, וואו ער האט רעדאקטירט **אפריקאנער יידישע צייטונג**. 1940 זיך באזעצט אין אמעריקע, מיטגעארבעט אין **פארווערטס**. 1946 באזוכט פוילן און אנגעשריבן פארן **פארווערטס** א סעריע ארטיקלען, וואס זיינען

ארויס אין בוך־פארעם **צווישן שרעק און האפענונג** (1947). דערנאך מיטגעארבעט אין **מארגן זשורנאל** און זינט 1971 א שטענדיקער מיטארבעטער פון **פארווערטס**, וואו ער שרייבט וועגן יידישע און אלגעמיינע פראבלעמען. פארעפנטלעכט אויך א גרעסערע סעריע ארטיקלען „פוילן נאכן לעצטן גירוש" (1973), „די קיבוצים אין מדינת ישראל" (1974), „די סענט־לואיס שיף" (1975), „די שול אין ניו־פארט, ראוד איילאנד", וועגן מארק שאגאלן און וועגן ארטור שיקן, וואס איז ארויס אין בוך־פארעם אונטערן נאמען **ארטור שיק — דאס שטורעמישע לעבן און שאפן פון דעם גרויסן יידישן מיניאטור־מייסטער** (1980).

א טייל פון מאטעריאל, וואס איז אריין אין זיין בוך **ווען די וויסל האט גערעדט יידיש** (1972), איז פריער געווען געדרוקט אין **פארווערטס**.

שניידערמאן פארנעמט א וויכטיקע פאזיציע אי אין יידישן זשורנאליזם, אי אין דער יידישער ליטעראטור. זיינע רעפארטאזשן שטעלן פאר א הארמאנישע קאמבינאציע פון באריכטן, באשרייבונגען און קינסטלערישע שילדערונגען.

שעפנער, ברוך (סעפטעמבער 26, 1896 — אויגוסט 18, 1977). געב. אין טאמאשאוו־מאזאוויעצק. 1897 האט די משפחה זיך באזעצט אין לאדזש. געלערנט אין חדר און ישיבות און א קורצע צייט שטודירט אין ווין. אין 1914 זיך אומגעקערט קיין לאדזש און איז געבליבן דארטן ביז 1922 — און דערנאך זיך באזעצט אין ווארשע.

דעביוטירט מיט ארטיקלען אין **לאדזשער פאלקסבלאט** אין 1917, און זיך געדרוקט אין די בונדישע **לעבנס־פראגן** און דערנאך אין דער טעגלעכער **פאלקס־צייטונג**, וואו ער איז אין 1932 געווארן א מיטרעדאקטאר. אין דער **פאלקס־צייטונג** האט שעפנער געדרוקט פובליציסטיק, פעליעטאנען, הומארעסקעס און רייזע־באשרייבונגען.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראכן איז ער אנטלאפן קיין ווילנע, געלעבט אין ווילנע און קאוונע, און פון דארטן געשיקט קארעספאנדענציעס צום **פארווערטס** וועגן די ליידן פון די יידן אונטער דער דייטשער אקופאציע.

אין 1941 איז אים געלונגען דורך סיביר און יאפאן צו דערגרייכן אמעריקע און ער איז געווארן אן אינוויינקסטער מיטארבעטער פון **פארווערטס**, וואו ער האט געשריבן ארטיקלען, פעליעטאנען. ער האט אין **פארווערטס** אויך פארעפנטלעכט א סעריע ארטיקלען וועגן זיין שווערער רייזע דורך רוסלאנד, יאפאן און כינע קיין אמעריקע.

אין בוך־פארעם זיינען ארויס **ליבקע** (1930), **אנדערש** (1936), ביידע אין ווארשע; **נאוואליפיע און א בליק אויף ישראל**, ביידע אין בוענאס איירעס.

שער, זעליג (אדאפטירטער נאמען פון ז. שערעשעווסקי) (10טער אויגוסט 1888 — 11טער נאוועמבער 1971). געב. אין ראזשינאי, גראדנער געגנט. געלערנט אין חדר און אין ישיבות אין סלאנים און ווילנע. אימיגרירט קיין אמעריקע אין 1908.

דעביוטירט מיט א דערציילונג „א מאמע" אין די **פרייע ארבעטער שטימע** אין 1912.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געדינט אין דער אמעריקאנער ארמיי און איז פארוואונדעט געווארן. ווען ער האט זיך אומגעקערט פון דער ארמיי האט ער אין **פארווערטס** פארעפנטלעכט א גרעסערע צאל מלחמה־דערציילונגען.

אין 1926 איז ער געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער פון **פארווערטס**. ער פלעגט שרייבן וועגן ארבעטער־ענינים און איז א צייט געווען דער רעדאקטאר פון דער אפטיילונג פאר ארבעטער־ענינים (לעיבאר־עדיטאר).

שער האט זיך באנוצט מיט די פען־נעמען: ש. זעליג ז. שעווסקי, זיגמונד. א טייל פון די דערציילונגען וואס זעליג שער האט געדרוקט אין **פארווערטס**, זיינען ארויס אין בוך־פארעם.

נאָכוואָרט:

ביים צוגרייטן די ביאָגראַפיעס פון די מיטאַרבעטער פון פאָרווערטס האָב איך זיך באַנוצט מיט פאַרשיידענע מקורים און מאַטעריאַלן. צווישן די ביכער, לעקסיקאָנען און האַנטביכער וואָס איך האָב באַנוצט זיינען:

רשימה פון מיטגלידער פון דעם י. ל. פרץ שרייבער פאַראיין.

מ. אשעראָוויטש: די געשיכטע פון פאָרווערטס — פון 1897 ביז 1947, געדרוקט אין המשכים אין פאָרווערטס אין 1947-1948. דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין דעם אַרכיוו פון דעם ייוואָ.

ישורין, יעפים: 100 יאָר מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, ביבליאָגראַפישער צושטייער, ניו־יאָרק 1965.

ישורין, יעפים, רעדאַקטאָר, י. ש. הערץ מיט־רעדאַקטאָר: אַרבעטער־רינג בוער און בויער, ניו־יאָרק 1962.

הערץ בורגן: די געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע, רוסלאַנד און ענגלאַנד, נ. י. 1915.

וויינשטיין, בערנאַרד: פערציק יאָר אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ניו־יאָרק 1924.

קאַברין, לעאָן: דערינערונגען פון אַ אידישן דראַמאַטורג, אַ פערטל יאָרהונדערט אידיש טעאַטער אין אַמעריקע, ניו־יאָרק 1925, 2 בענד.

קאַברין, לעאָן: דערינערונגען פון אַ אידישן דראַמאַטורג, בוענאָס־איירעס 1955.

קאַברין, לעאָן: מיינע פופציק יאָר אין אַמעריקע, ניו־יאָרק 1966.

קאַהאַן, אַב: בלעטער פון מיין לעבן, פינף בענד, ניו־יאָרק 1926—1936.

רייזען, זלמן: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, פיר בענד, ווילנע 1926—1929.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, אַכט בענד, ניו־יאָרק 1956—1981.

ראָגאָף, הלל: דער גייסט פון פאָרווערטס, ניו־יאָרק 1954.

שוב, דוד: פון די אַמאָליקע יאָרן, צוויי בענד, ניו־יאָרק 1970.

שולמאַן, אליהו: געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק 1952, „פּאָרטרעטן און עטיודן״. נ. י. 1979.

פינף פון די ביאָגראַפיעס האָט אָנגעשריבן מאיר האָק און צען האָט אָנגעשריבן ד״ר נח גריס. די דאָזיקע ביאָגראַפיעס האָב איך רעדאַקטירט כדי אַריינצופּאַסן זיי אין דעם אַלגעמיינעם סטיל פון די ביאָגראַפיעס.

איך דריק דאָ אויס אַ דאַנק דעם אַמאָליקן מיטאַרבעטער פון פאָרווערטס דוד ליבערזאָן, וואָס האָט מיר געגעבן אינפאָרמאַציע וועגן עטלעכע שרייבער.

איך וויל דאָ אויך אויסדריקן אַ דאַנק דעם דירעקטאָר פון ייוואָ־אַרכיוו מאַרק וועב און זיין געהילף פרומע מאָהרער, דער הויפּט ביבליאָטעקאַרין פון דער ייוואָ־ביבליאָטעק דינה אַבראַמאָוויטש און אירע מיטאַרבעטער: מלכה הערבסטמאַן, שמואל מאָשקאָוויטש, יחיאל האָמאַנאָוויטש און פּאָלאַ האָזען. זיי, צוזאַמען מיטן פריערדיקן ביבליאָטעקאַר זכריה בעקער, האָבן די גאַנצע צייט ווען איך האָב געאַרבעט ביים צוגרייטן די ביאָגראַפיעס, קאָאָפּערירט מיט מיר און צוגעשטעלט אַלע נויטיקע ביכער.

עס זיינען מסתמא צוליב אַ פאַרזען אויסגעלאָזן געוואָרן געוויסע מיטאַרבעטער. האָפנטלעך וועט די אַרבעט אַרויס אין אַ צווייטער אויפלאַגע — וועלן מיר דעמאָלט צוגעבן די ביאָגראַפיעס פון די אויסגעלאָזענע.

א. ש.

אינהאַלט

נאָמען	זייט
אַבראַמאָוויטש, רפאל	1
אַדלער, יעקב	2
אַדעלשלעגער, משה יעקב	3
איוואַנאָוויטש, ס.	3
אַיאַלטי, חנן	3
איזבאַן, שמואל	4
איינהאָרן, דוד	4
אַלגין, מ.	5
אַפּטער, שמשון	5
אַקערמאַן, הענעך	6
אַראָנסאָן, גריגאָרי	6
אַש, שלום	6
אַשעראָוויטש, מענדל	7
באַטוויניק, בערל	8
באַסקין, יוסף	9
באַראַנאָוו מ.	9
באַראַנדעס, יוסף	9
בודין, לואיס	9
בורגין, הערץ	10
ביאַלאָסטאָצקי, בנימין־יעקב	10
בייקער, שמעון	10
בלום, יצחק	11
בליט, לוציאַן	11
בן ישראל, שלמה	11
בערגעלסאָן, דוד	12
בערקאָוויטש, יצחק דוד	12
ברכות, רחל	12
ברוין, דוד	13
גאָטליב, לעאָן	13
גאָטעספעלד, חנא	13
גאָלדפאַרב, מאַקס	13
גאָלדקאָרן, יצחק	14
גאָלדשטיין, דוד	14
גאָלדשטיין, יוסף שמעון	14
גאָרדין, יעקב	15
גינזבורג, איסר	15
גינזבורג, שאול	15
גלעז, יעקב מאיר	16
געבינער, בנימין	16
געלבוים, הערש	17
געצאָף־זילבערמאַן, שרה	17
גראַדע, חיים	17
גראַס, נפתלי	19
גרויבאַרט, דוד	19
גרעיסאָן, דזשעי	19
דימאָוו, אָסיפ	19
דינגאל, (זלמן) סאלאמאן	20
דלוזשנאָווסקי, משה	20
דעמבלין, ב.	20
האָכשטיין, יהושע	21
האָלענדער, דוד דוב, הרב	21
הורוויטש, יצחק אייזיק הלוי	21
הורוויץ, חיים אברהם	22
הורוויץ, מאיר	22
הילקוויט, מאָריס	23
הירשהויט, יחיאל	23

נאָמען	זייט
העלד, אַדאָלף	24
הענדין, אברהם לייב	24
העפּטערמאַן, אברהם, הרב	24
הערץ, יעקב שלום	25
וואָהלינער, א.	25
וואָלפסאָן, אפרים לייב	25
וויזעל, אליעזר	25
וויינזאָפּט, פּנחס	26
וויינשטיין, בערנאַרד	26
ווייס, שמואל	26
וויינרייך, מאַקס	26
וויכנין, הלל	27
ווילק, אברהם	27
ווינאָגראַד, מ.	27
ווינטשעווסקי, מאָריס	28
וולאַדעק, ב.	29
וועבער, שמעון	30
ווענדראָף, זלמן	31
וועפּרינסקי, ראַשעל	31
זאַלאָוויץ, נחמן-נאַטאַניעל	32
זאַמעטקין, מיכאַיל	32
זילבערצווייג, זלמן	33
זינגער, יצחק באַשעוויס	33
זינגער, ישראל יהושע	35
זינגער, שמואל דוד	36
זיסקינד, מאָריס	36
זעצער, שמואל צבי	37
טונקעל, יוסף	37
טרייסטער, לייזער	37
יהואש	38

נאָמען	זייט
יוד, נחום	38
יונין, וואָלף	38
יעפּרויקין, זלמן	38
ישורין, יעפים	39
כאַנין, נחום	39
כהן, צבי	39
כינאַי, מאַרק	40
כמעלניצקי, מלך	40
לאַנג, הערי (הערץ)	40
לאַסאָווין, לייזער	41
לאָקעטש, מיטשעל	41
ליבין, ז.	42
ליבערזאָן, דוד	42
ליבערמאַן, חיים	42
ליטוואָק, א.	43
ליטווין, א.	43
ליכטענשטיין, זלמן	44
ליליפּוט (קרעטשמער) גבריאל הירש	44
ליעסין, אברהם	44
לעוויטין, בנימין	45
לעווין, זבולון	46
לעווין, שמריהו	46
לעוועגבערג, שניאור	46
לענעמאַן, לעאָן	46
לעשטשינסקי, יעקב	47
מיימאַן, בן ציון	48
מאַני לייב	48
מאַרינאָוו, יעקב	48
מוראַווטשיק, אברהם-חיים	48
מוראַווטשיק, רחל	48

נאָמען	זייט
מילך, יעקב	49
מיללער, לואיס ע.	49
מיראַנסקי, פּרץ	50
מלאַטעק, יוסף	50
מלאַטעק־גאָרדאָן, חנה	51
מעדעם, וולאַדימיר	51
מענעס, אברהם	52
מעצקער, יצחק	53
נאָוויק, פּסח	**53**
נאַקס, עזריאל	53
ניימאַרק, דוד לייב	54
סאַנדלער, פּיליפּ	54
סאַפּיר, שאול	54
סווערדלין, נתן	55
סיגאַלאָווסקי, נח	55
סילווער, לואיס (לייב)	55
סמאָלאַר, באָריס (בער)	55
סיגעל, יעקב שמואל	56
סעגאַלאָוויטש, זוסמאַן	56
סעיקין, בנימין מ.	57
סערדאצקי, יענטע	57
ספּיוואַק, חיים	57
ספּיוואַק, יונה	58
עדיסאָן, יצחק	58
עהרענרייך, חיים	58
עלבוים, משה	58
עדלין, וויליאַם	59
עלבערג, יהודה	59
עליזאָוויץ, י.	59
עמיאָט, ישראל	60

נאָמען	זייט
ענטין, יואל	60
פּאַט, יעקב	60
פּאָמעראַנץ, אַלעקסאַנדער	61
פּיין, מאַקס	61
פען, אשר	61
פּענקין, יעקב	62
פּעסקין, שמואל דר.	62
פּערלאָוו, יצחק	62
פּערלמאַן, נ.	63
פּאַגעל, ישראל (אירווינג)	63
פּאַגעלמאַן, לאַזאַר	63
פּאַרבער, שמעון	64
פּאַרעם, לייב	64
פוקס, אברהם משה	64
פיגאַ, ישראל	65
פייגענבוים, בנימין	65
פינקעל, בנימין	66
פלאַקסער, מנחם	66
פענסטער, ברוך	66
פענסטער, רייזל	67
פּראַנק, משה צבי	67
פּרומקין, אברהם	67
פרענק, משה	67
צאַנין, מרדכי	68
צביון, ב.	68
צוקערמאַן, רחמיאל	69
צייטלין, אהרן	69
קאָברין, לעאָן	70
קאַהאַן, שושנה	70
קאַהאַן, אַב.	71

נאָמען	זייט
קאַטץ, משה	74
קאַסאָווער, מרדכי	74
קאַספּע, אברהם	74
קאַפּלאַן, דן	75
קאַץ, יוסף פּנחס	75
קאַרנבליט, זיסל	75
קאַרפּילאָוו, מרים	75
קויפמאַן, לאָלאַ	76
קויפמאַן, מיכאל, דר.	76
קייזער, וויליאַם	76
קיסין, י. י.	76
קראַנץ, פּיליפּ	76
קרישטאַל, לעאָן	77
קרישטאַל, משה	78
ראַבינס, לעאָ	78
ראַגאָף, הלל	78
ראָזענפעלד, הערש	79
ראָזענפעלד, יונה	80
ראָזענפעלד, מאָריס	80
ראָטשטיין, שמואל יצחק	81
ראַיעווסקי, טשאַרלס	81
ראַסקין, מרים	82
ראַסקין, רעי	82
ראַק, מאיר	82
רובינשטיין, יוסף	82
רובינשטיין, פּאָול	83
רויזענבלאַט, ה.	83

נאָמען	זייט
ראָכמאַן, לייב	83
רון, משה	84
רייזען, אברהם	84
רייזען, שרה	86
רייך, יעקב	86
רעגענסבערג ס. (שמואל־אריה)	87
שזב, דוד	87
שוואַרץ, פּנחס	88
שווייד, מאַרק	88
שוואַרץ, מאָריס	88
שויס, חיים בנימין	89
שולמאַן, אברהם	89
שולמאַן, אליהו	89
שורין, אהרן בן־ציון	90
שטאַרקמאַן, משה־יוחנן	91
שטיינבערג, יהודה	91
שטיינגאַרט, צירל	91
שטיקער, מאיר	92
שטריגלער, מרדכי	92
שייפער, לואיס	93
שמולעוויטש, יצחק	93
שניאור, זאַלקינד זלמן	93
שניידערמאַן, שמואל לייב	94
שעפנער, ברוך	95
שער, זעליג	95
נאָכוואָרט	96